STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01824

# ALT PARIZ

Yehezkel Kornhendler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל קארנהענדלער

# אַלט פּאַריז

צווייטער באַנד

*VIEUX PARIS* ***par Ch. Korenchandler***

*Copyright by Ch. Korenchandler, Paris 1948*

„אַלט פּאַריז“ פון יחזקאל קאָרנהענדלער / צווייטער באַנד / צווייטע
אויסגעבעסערטע אויפלאַגע / אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „אויפגאַנג“,
פּאַריז 1948 / יעדעס קאַפּיטל איז אַ באַזונדערע אָפּגעשלאָסענע
אַרבעט / אַלע רעכט פאַרבאַהאַלט דער מחבר / הילע געצייכנט
פון ש. בלום / אַדרעס פון פאַרלאַג:

Ch. Korenchandler, 4, Cité Popincourt, Paris XI^e^, France

יחזקאל קארנהענדלער

# אלט פאריז

פארלאג „אויפגאנג" פאריז
1 9 4 8

קאפיטל 1.

# דער לאטיינישער קווארטאל

אין א ווארעמען זוניקן טאג, שטעלן מיר זיך אפ אויפן פלאץ סען מישעל.

מיר געפינען זיך דא אין א קאכנדיקן פאריזער צענטער. דא הויבט זיך אן דער בארימטער בולוואר סען מישעל, וואס פירט צום מאנ־פארנאס. אן א שיעור גאסן און געסלעך צעגייען זיך דא אין אלע זייטן, און פירן צו דענקמעלער און הייזער אין וועלכע ס'לעבן שאטנס פון בארימטע פערזענלעכקייטן, און וויכטיקע געשעענישן.

ווער האט זיך נישט אנגעהערט וועגן לאטיינישן קווארטאל, וועגן זיינע קאפעס, וועגן זיין שטודירנדיקער יוגנט, וואס קומט דא פון אלע עקן וועלט; פעלקער און ראסן באקעגנען זיך דא, מישן זיך אויס, גיסן זיך צוזאמען אין דורשט נאך וויסן און קענטעניש. ביי די קאפע־טישלעך טרעפן זיך ווייסע, שווארצע, און געלע ראסן, ווייסע פרויען פארליבן זיך דא אין געלע און אין שווארצהויטיקע מענער, אנ'אינטערנאציאנאל פון פעלקער, קינפטיקע מיניסטארן און דיפלאמאטן, שפעטערדיקע מלוכה־פרעזידענטן און דיקטאטארן, קינפטיקע בארימטע קינסטלער זיצן דא אין ביבליאטעקן און שולן, וואנדערן איבער די ביכער־געשעפטן און דערווארעמען זיך „דער־וויל", אין א קאלטן טאג, מיט א באשיידענער „קאפע נאטיר", אין דערווארטונג אויף דעם אנקום פון „זייער טאג", און צעגייען זיך דערנאך איבער די קליינע האטעל־שטובלעך פון די אלטע און שמאלע רי דע לא בישערי, רי שאמפאליאן א.א. דערנעבנדיקע געסלעך.

רייך, זייער רייך איז די געשיכטע פון לאטיינישן קווארטאל; שוין אויף דעם פלאץ סען מישעל, זעען מיר רעכטס ארקאדן וואס עפענען פאר אונדז אויף א מיטלאלטערלעך געסל וואס ליגט שטיל באהאלטן צווישן אירע צוויי רייען הויכע און אלטע מויערן. א טייל

פון דעם געסל, וואָס טראָגט דעם נאָמען רי דע ל'איראנדעל איז אמאָל געווען דאָס אייגנטום פון קעניג פראַנסוא דעם ערשטן; איינס פון די הייזער טראָגט נאָך אויף זיך ביז היינט, אַ שטיינערנע סאַלאַ־מאַנדרע, דער הערב מיט וועלכן דער קעניג פלעגט באַפּוצן זיין אייגנטום. דאָס דאָזיקע געסל האָט זיך אַמאָל געצויגן איבער דעם גאַנצן היינטיקן פּלאַץ סען מישעל, און אין דער מיט פון פּלאַץ איז געשטאַנען דאָס הויז אין וועלכן עס האָט אין 16־טן י. ה. גע־וווינט דער באַרימטער אַמברואַז פּאַרע.

וואָס פאַרא פערזענלעכקייט! וואָס פאַרא געשעענישן זיינען פאַר־בונדן מיטן נאָמען פון דאָזיקן מערקווירדיקן מענטשן, וואָס פאַרא רעוואָלוציע אַמברואַז פאַרע האָט אַרויסגערופן אין דער מעדיציני־שער וועלט.

ער האָט געלעבט אין 16־טן י. ה. און איז אין יאָר 1530 אנגע־נומען געוואָרן אין שפּיטאָל פון „האָטעל דיע" *) אלס פריזירער. דער יונגער פאַרע האָט אבער געהאַט גאַנץ אנדערע אמביציעס ווי דאָס שערן און ראַזירן; אין יענער צייט איז דאָס שערער־פאַך געווען ענג פאַרבונדן מיט דער מעדיצין, ווייל דאָקטוירים האָבן זיך דער־מאָלט געהאַלטן פאַר גרויסע יחסנים, און אַלע מינים אַרבעטן ביי אַ קראַנקן האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ דערנידעריקונג פאַר זייער פאַך, און עס איבערגעלאָזט פאַר צוהעלפער, די צוהעלפער זיינען געווען די פריזירער. וואָס פלעגן באַלייגן אַ קליינעם עקזאַמען אויף שטעלן באַנקעס, אָפּצאַפּן בלוט און אַלע אַנדערע ענלעכע אַרבעטן ביי אַ קראַנקן. אַפילו דאָקטוירים־כירורגן פלעגן אויך באַטראַכט ווערן פאַר אַ נידעריקערע קאַטעגאָריע אין דער מעדיצין, דערפאַר וואָס זיי פלעגן דאַרפן אַליין זיך צורירן צום קראַנקן. אויב אַ כירורג פלעגט אין יענער צייט וועלן באַקומען אַנ'אַלגעמיינעם דאָקטאָר־דיפּלאָם, פלעגט ער זיך מוזן פאַרפליכטן ביים נאָטער, נישט צו מאַכן מער קיין אָפּע־ראַציעס „אום אָפּצוהיטן אין ריינקייט און אין אומבאַרירלעכקייט דעם כבוד פון דער דאָקטוירים קאָרפּאָראַציע". **)

---

*) דאָס שפּיטאָל „האָטעל דיע" זאָל זיין געגרינדעט נאָך אין 7 י. ה. און איז דאָס עלטסטע שפּיטאָל אין אייראָפּע.

**) פון יענער עפּאָכע האָט זיך עס נאָך דערטראָגן ביז היינט, אַז אין געוויסע לענדער פירט דער פריזירער אויס פיל מעדיציניש־ע הילפס־אַרבעטן, די א. ג. פעלדשערם.

דעם יונגן אמברואז פארע האָט זער אינטערעסירט די כירורגיע און זיינע ערשטע אָפּעראַציעס האָט ער געמאַכט נאָך אַלס פּריזירער־אַרבעטער איבער אייניקע קראַנקע פון דעם שפּיטאָל.

ס'האָבן זיך גראד דעמאָלט געשטעלט געוואַלדיקע פּרעסט, די זאַלן פון שפּיטאָל זיינען געווען אָזעלכע ריזיקע, און נישט באַהייצטע, אַז די קראַנקע פלעגן פּשוט פאַרפרירן; פיר אַזעלכע אומגליקלעכע זיינען געווען זיינע ערשטע פּאַציענטן; ער האָט זיי אָפּגעשניטן די אָפּגעפרוירענע נעז. „צוויי זיינען געזונט געוואָרן און צוויי זיינען געשטאָרבן" דערציילט פּארע וועגן די ערשטע אָפּעראַציעס אין זיינע מעמוארן.

דאָ אין שפּיטאָל דיע, האָט פּארע געהאַט די מעגלעכקייט צו שניידן געשטאָרבענע, הערן לעקציעס וועגן אַנאַטאָמיע און לערנען אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט מעדיצין. לאַטיין אָדער גריכיש האָט ער נישט געקענט, און ער האָט דעריבער נישט געקענט לייענען קיין ווי̇סנשאַפטלעכע ביכער, נאָר זיינע גרויסע כירורגישע דערגרייכונגען צו וועלכע ער האָט זיך דאָך דערשלאָגן, זיינען פּאַרגעקומען אויף די שלאַכטפעלדער; פראַנקרייך האָט דאַן געהאַלטן פיל מלחמות, פּארע איז געווען טעטיק אין די אַרמעיען, און דאָ האָט ער לאַנגזאַם אָנגעהויבן מאַכן זיינע גרויסע ענטדעקונגען וואָס האָבן אַריינגעפירט אַ רעוואָלוציע אין דער כירורגיע.

איינמאָל נאָך אַ בלוטיקער שלאַכט, האָט ער באַדאַרפט העלפן פיל פאַרוואונדעטע; ווי איטלעכער כירורג אין יענער צייט, פלעגט ער פאַרגיסן די שווערע וואונדן, באַקומענע פון אַרקעבוזן, *) און פּיקעס, מיט הייסע פּוטער, אַ זער באַרבאַריש דעזינפעקציע־מיטל. האָט זיך אָבער געטראָפן אַז ס'האָט אויסגעפעלט פּוטער, איז אים געקומען אַ געדאַנק צו פאַרטרעטן די פּוטער מיט אַ גאַנץ אַנדערער פעטקייט וועלכע ער האָט געהאַט געגוג אונטער דער האַנט.

„אַ גאַנצע נאַכט — האָט ער דערנאָך דערציילט — האָב איך נישט געקענט שלאָפן, כ'האָב מיך געשראָקן, אַז מאָרגן וועל איך די קראַנקע טרעפן טויט פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג, כ'האָב מיך אויפגעהויבן פאַרטאָג, און קענען מיין דערוואַרטונג געפינען זייערע וואונדן אין אַ בעסערן צושטאַנד ווי די ביי וועלכע כ'האָב באַנוצט פּוטער".

לאַנג האָט פּארע קאָנטראָלירט דאָס דאָזיקע הייל־מיטל און לסוף

*) אַ ביקס פון 16 און 17 י. ה.

פאַרעפנטלעכט אַ בוך „וועגן די מעטאָדן פון היילן ווונדן באַקומענע פון ארקעבוזן“, אין וועלכע ער האָט געראטן און געלערנט די דאָקטוי־רים זיך צו באַנוצן מיט זיין ענטדעקונג.

אָבער דאָס דערשיינען פון פּאַרע׳ס בוך אויף פראַנצויזיש, האָט מיט זיך אַליין שוין פאָרגעשטעלט אַ גאַנץ באַזונדערע רעוואָלוציע, אַ נישט קלענערע ווי זיין ענטדעקונג, ווייל ביז אים האָט מען פאַר דער מעדיצין דערלאָזט נאָר איין שפּראַך, לאַטיין. פּאַרע וואָס האָט קיין אַנדערע שפּראַך נישט געקענט, האָט אַזוי אַרום געבראָכן אַן אַלטן פּרינציפּ, און אויף אַזאַ אופן געמאַכט דאָס מעדיצינישע בוך צוגענגלעך פאַר יעדן פּשוטן מענטשן.

דער טומל אַרום זיין בוך אויף פראַנצויזיש, איז געווען אויסערגעוועגלעך, פאַר וועלכן אַמברואַז פּאַרע האָט זיך גאָרנישט דערשראָקן. גאַנץ גיך האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך אַ ריי ביכער, און אַלץ אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, וועגן אַ ריי נייע ענטדעקונגען, ווי אַזוי צו היילן צעבראָכענע ביינער, אַרויסבאַקומען קוילן, א. א.

ס׳איז נישט מעגלעך אויף דעם אָרט איבערצוגעבן די געוואַלדיקע נייעסן וואָס ער האָט אַריינגעפירט אין דער היילונג פון מענטשן, זיין רום איז אַזוי אויסגעוואַקסן אַז ס׳איז אוממעגלעך געוואָרן, אַז אַמברואַז פּאַרע, וואָס האָט שוין געהאַט דעם טיטל „כירורג פון קעניג“, האָט פאַרמאָגט אַ ריזיקער צאָל פּאַציענטן, און איז געווען דער ענטדעקער פון אַזוי פיל נייעסן אין דער מעדיצין, און דער מחבר פון אַזוי פיל ביכער, אַז ער זאָל אָפיציעל נאָך אַלץ זיין אַ פּשוטער פריזירער, און פּאַרע האָט באַשלאָסן צו האַלטן עקזאַמען אויף דאָקטאָר־כירורג. ער איז געווען געצווינגען זיך אנהויבן לערנען לאַטיין. אין יאָר 1554 בעת ר׳איז אַלט געוואָרן 45 יאָר איז פאָרגע־קומען דער עקזאַמען, דאָס איינציקע וואָס האָט געשטערט איז געווען זיין שרעקלעכער לאַטיין, ער האָט געמוזט געבן דאָס וואָרט אַז ער וועט זיך ד ע ר נ אָ ך פאַרפולקאָמען אין דער שפּראַך, זיינע פּראָ־פעסאָרן האָבן אים ענדלעך אַנערקענט פאַר ווערט צו טראָגן דעם גראַד פון דאָקטאָר־כירורג, אָבער זיי האָבן נישט פאַרגעסן איינצו־שרייבן אין פּראָטאָקאָל, אַז דאָס געשעט „אוים דרך ארץ צום קעניג“.

ערשט דעמאָלט האָט פּאַרע אויפגעעפנט זיין כירורגישן קאַבינעט אויף דעם זעלבן אָרט ווו ר׳האָט פריער געהאַט זיין פריזיר־אַנשטאַלט און וואָס האָט זיך געפינען אין דער מיט פון היינטיקן פּלאַץ סען מישעל.

נישט איינמאָל האָט דער פּאַריזער פאַקולטעט געוואָלט אנלערנען

דעם דאָזיקן טאַלאַנטפולן מענטשן, און אים געזוכט צו שטערן. דער פאַקולטעט האָט נישט געקענט שלום מאַכן דערמיט וואָס אַמברואַז פאַרע פאַרעפנטלעכט כסדר אַלץ נייע ווערק אין פראַנצויזיש, פיל מיט עצות פאַר יונגע דאָקטוירים און רעכנט זיך דערביי נישט מיט זייער צענזור. מען האָט אים פאָרגעוואָרפן אַלס חוצפה דאָס פאַרזען זיינע ביכער מיט „פּרעכטיקע" אילוסטראַציעס, ווו ער דערוועגט זיך צו באַשרייבן די אַנאַטאָמיע פון דער פרוי, ווי אויך דאָס וואָס ער דערציילט אין זיינע ביכער די ווירקונג פון פאַרשידענע סמ'ען, „אַז ער ווייזט אַזוי אַרום דעם וועג די פאַרגיפטער". דער פאַקולטעט האָט אים פאָרגעוואָרפן נישט נאָר דאָס באַנוצן זיך מיט אַ ריי נייע רעצעפטן, נאָר אויך דאָס וואָס ער באַנוצט נישט געוויסע דערמאָלט זער אנגענומענע הייל־מיטלען.

אַזוי למשל פלעגט מען אַמאָל באַנוצן צו כמעט אַלע רעצעפטן אַ געוויסן פּראָשיק „מומיע", אַ געמיש פון סמאַלעס געברענגטע פון עגיפּטן; אום זיך צו פאַרענטווערן ווי אַזוי ס'איז מעגלעך געוואָרן אַז אַ געוויסער באַרימטער קראַנקער האָט געקענט געזונט ווערן, כאָטש פּאַרע האָט אים נישט געגעבן קיין „מומיע", האָט ער אָנגעשריבן אַזש אַ גאַנצן טראַקטאַט אין וועלכן ער האָט אנגעוויזן אַז אויב די רעצעפּט האָט אַ געוויסע אייגנשאַפט, איז עס די אייגנשאַפט פון... טייערקייט.

אויף די פאָרוואורפן פאַרוואָס ער שרייבט אין פראַנצויזיש, האָט פּאַרע דערמאַנט אַז אויך דער פאָטער פון דער מעדיצין היפּאָקראַט האָט אויך געשריבן אין זיין מוטער־שפּראַך.

ס'איז אומגלויבלעך ווי ווייט ס'איז דערגאַנגען די מענטשלעכע נאַרישקייט אין קאַמף קעגן דעם גרויסן דאָקטאָר, ס'איז גענוג אנצוּווייזן אַז בעת דער פאַקולטעט האָט אין זיינס אַ ווערק געפינען אָנווייזונגען ווי צו היילן פיבער, האָט מען קעגן אים גלייך פאָרפירט אַ פּראָצעס, אַז ער האָט נישט קיין רעכט דערצו ווייל... ער איז דאָך נאָר אַ כירורג.

יאָ, רייך איז געווען דאָס לעבן פון דעם מענטשן וואָס האָט אַזוי פיל נוצן געברענגט דער מענטשהייט און אויסגעשטאַנען אַזוי פיל פון די אַרומיקע נעבעכדיקע מענטשעלעך וואָס האָבן אים נישט פאַרגינען זיינע פעאיקייטן און אים געזוכט שטערן, נאָר אומזיסט. ער איז געווען באַשוצט פון דאַנקבאַרע מענטשן, געלעבט ביז אַכציק יאָר און ביז אין דער טיפער עלטער געהיילט מענטשן נישט מיט

בלינדער טראַדיציע, נאָר מיט וויסן און קענטעניש. אין יאָר 1572 ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם אין דער נאַכט פון הייליקן באַרטאָלאָמעי, האָט ער געגעבן הילף איטלעכן, איינגעשטעלט זיין לעבן און געהאָלפן פּראָטעסטאַנטן ווי די קאַטאָליקן לייגנדיק די עטישע באַזע פון זיין פאַך, אַז דער דאָקטאָר איז מחויב צו העלפן י ע ד ן ליידנדיקן.

נאָך זיין טויט, האָט מען אים אוועקגעלעגט אין דער אַלטער קירכע אויף דער רי סענט אַנדרע דעז אַר ווו זיינע ביינער זיינען אָפּגעלעגן צווייהונדערט און צען יאָר אומגעשטערט. אין יאָר 1800 האָט מען די אַלטע קירכע צעשטערט, אין אַמברואַז פּאַרע האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן, און זיינע ביינער צוזאַמען מיט אַנדערע דאָרט באַגראָבענע, זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אין די קאַטאַקאָמבן, דאָרט זיך אויסגעמישט, און אַזוי אַרום פאַר אונדז פאַרלוירן געוואָרן.

דאָס געסל האָט מען שפּעטער פונאַנדערגעוואָרפן, איבערגעלאָזט נאָר אַ קליינע טייל וואָס ליגט שטיל באַהאַלטן הינטער די אַרקאַדן פון פּלאַץ, נומער 6, און אויף דעם אָרט ווו דער מערקווירדיקער מענטש האָט געוווינט, אויפגענומען קראַנקע, געהיילט אָרעמע לייט, און באַרימטע פּרינצן, שטעלן זיך איצט די גרויסע פּאַריזער אויטאָבוסן, לאָזן אַראָפּ און נעמען אַרויף פּאַסאַזשירן, און קיינער טראַכט נישט דערביי וועגן דעם נאָמען אַמברואַז פּאַרע, וואָס איז איינגעשריבן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אויף אייביקע ציִיטן.

מיר פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, גייען אַריין אין דעם ברייטן לעבעדיקן בולוואַר סען מישעל וואָס איז פיל מיט קאַפעס, תמיד איבערפילט מיט שטודירנדיקער יוגנט, פיל מיט בוכהאַנדלונגען וואָס אַרום זייערע דרויסנדיקע ביכער־סטאַנדן זאַמלען זיך כסדר ליבהאָבער פון געדרוקטן וואָרט, און קלויבן זיך אָפּ נוצלעכע אָדער אינטערעסאַנטע ביכער. ערגעץ דאָ האָט זיך אַמאָל געצויגן דער רוימישער שטיין־שאָסעי וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צעזאַרן־שטאָט, און געפירט איבער שטויביקע וועגן קיין פּאַריז וואָס האָט דאַן געהייסן ליטעציאַ ; איבער דעם וועג זיינען געריטן די צעזאַרן שליחים. ס׳האָבן מאַרשירט מיט שטויב־באַדעקטע רוימישע לעגיאָנען, דערנאָך האָט דער וועג פאַרלוירן זיין באַדייטונג, פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גרינס, און די דערנעבנדיקע איינוווינער האָבן צעשלעפּט די שטיינער אויף בויען ווין-הייזער ; ערשט אין יאָרהונדערטער אַרום האָט דאָ אויף דאָס ניי אויפגעלעבט די לאַטיינישע שפּראַך, פון אַלע עקן וועלט

האָט מען געשטראַמט אין פּאַריזער אוניווערסיטעט שטודירן גראַמאַ־טיק, אריטמעטיק, געאָמעטריע דיאַלעקטיק, רעטאריק, אַסטראָנאָמיע און מוזיק.

שפּאַנענדיק דערגרייכן מיר דעם בולוואַר סען זשערמען וואָס קרייצט דעם וועג. ער געהערט צו די נייע פּאַריזער גאַסן און איז אויסגעמויערט מיט גרויסע מאָדערנע הייזער. דאָס איז אַ „סטראַ־טעגישער" בולוואַר, געבויט אונטער דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָנען דעם דריטן, דורך דעם באַרימטן פּאַריזער פּרעפעקט באַראָן אָסמאַן.

נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט זיך נישט געפילט גענוג זיכער מיט זיין טראָן. ער האָט געקענט דעם כוח פון דער פּאַריזער רעוואָלוציאַ־נערער גאַס. און זיך געשראָקן פאַר איר. האָט מען דאַן צעשטערט פיל אַלטע, שמאָלע, ענגע געסלעך, און אויסגעבויט אַ ריי ברייטע בולוואַרן וואָס זאָלן אין פאַל פון אַנ׳אויפשטאַנד, פאַרלייכטערן דעם מיליטער דאָס מאַנעווורירן אין דער שטאָט, און אַזוי אַרום איז אויך באַשאַפן געוואָרן דער בולוואַר סען זשערמען.

בויענדיק דעם בולוואַר האָט מען אויך צעוואָרפן אַ גרויסע טייל פון „קור דע קאָמערס" וואָס געפינט זיך האַרט ביי דער גאַס פון דער אַמאָליקער קאָמעדיע, און דאַן האָט מען אויך צעוואָרפן דאָס הויז אין וועלכן ס׳האָט געוווינט דאַנטאָן; אויף דעם אָרט ווו דאָס הויז האָט זיך געפינען האָט מען אים שפּעטער אויפגעשטעלט אַ מאָ־נומענט וואָס געפינט זיך מאַקע אין דער מיט פון ברייטן בולוואַר.

הינטער דאַנטאָנס דענקמאָל געפינט זיך די גאַס פון דער מעדיצין־שול (רי עקאָל דע מעדעסין). אַזוי הייסט זי צוליב דער געביידע פון מעדיציניש פאַקולטעט וואָס געפינט זיך דאָ; אַ גרויסער בנין וואָס נעמט אויך אַרום די זייט פון בולוואַר סען זשערמען, דאָ אויף דעם אָרט, איידער מען האָט אויפגעבויט די געביידע פון דער מעדיציני־שער־שול, איז אַמאָל געשטאַנען אַ גרוים פירשטאָקיק הויז מיט זער פיל אָרעמע און אומעטיקע וווינונגען, אין איינע פון די דאָזיקע וווינונגען האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ דראַמע וועגן וועלכער די מענטש־הייט הערט נישט אויף צו טראַכטן: אין דעם הויז, וואָס איז דאָ געשטאַנען ביז צום יאָר 1876, האָט געוווינט מאַראַט, אין דער דאָ־זיקער וווינונג איז צו אים געקומען דאָס מיידל שאַרלאָטע קאָרדע און דאָ אים דערשטאָכן.

ווי וויפל דעראינערונגען דאָס געסל פון דער מעדיצין־שול רופט אַרויס: פונקט אנטקעגן דער גרויסער געביידע פון אינוווערסיטעט,

אויף דער צווייטער זייט גאַס נ. 15 זעען מיר אין הויף לינקס אַנ׳־אַלטע גאָטישע שאַפּעל, דאָס איז דער פּאַטאָלאָגישער מוזעי דיפּיט־ריען, היינט קומען דאָרט שילער באַטראַכטן די מערקווירדיקע עקס־פּאַנאַטן מיט וועלכע דער מוזעי איז פיל, אָבער דאָס אָרט אַליין, די געביידע פון מוזעי האָט אויך פאַר אונדז אַ גאַנץ אַנדערן אינטערעס: דאָס איז אַנ׳איבערבלייבעניש פון דער אַמאָליקער קאָרדעליערן־קירכע, דער היינטיקער גרויסער מוזעי־זאַל איז געווען אַנ׳עדות פון די רעוואָלוציאָנערע דעבאַטן וואָס האָבן דאָ געדונערט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאָ האָט זיך געפינען דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער־קלוב וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען פון דער קירכע. זיינע ווענט האָבן געזען און געהערט די שטימען פון דאַנטאָנען, קאַמיל דעמולען, עבער, שאָמעט א. א.

און אַ ביסל ווייטער, אויף דער זעלבער גאַס נ. 5 געפינט זיך דער אַמפיטעאַטער סענט קאָס, אַ שיינע אַרכיטעקטור פּאַרבלייבעניש פון 17 י. ה. דאָ האָט מען אוועקגעלעגט דעם טויטן קערפּער פון דער־מאָרדעטן מאַראַט, אום די פּאַריזער זאָלן קענען קומען זיך מיט אים געזעגענען, דאָ אין דעם קליינעם רונדיקן זאַל, האָט דער מאָלער דאַוויד־געמאַכט זיין לעצטע צייכנונג פון דערמאָרדעטן.

וואָס פאַרא דענקמעלער!

וואָס פאַרא שאָטנס לעבן אין די אַלע מויערן, יעדער שפּאַן האָט דאָ זיין געשיכטע, נאָענט פון דאַן געפינען מיר די רי אָטפּוי, מיר גייען פאַרביי פאַר אַ שיין טורעמל מיט וואָס ס׳איז דאָ באַפּוצט אַנ׳־אַלט הויז פון 17 י. ה. און שטעלן זיך אָפּ פאַרן הויז נומער 15, אַנ׳אויפשריפט אויף דער מויער דערציילט אַז דאָ איז דעם 9 אַפּריל 1821 געבוירן געוואָרן דער דיכטער שאַרל באָדלער.

וואָס פאַרא טראַגישן גורל האָט דורכגעמאַכט דער מחבר פון בוך „פלער דע מאַל“, אַ ווערק וואָס האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלדיקן רויש. איינער פון די באַדייטנדיקסטע דיכטערישע פערזענלעכקייטן, האָט ער דורכגעטראָגן אַ ים ליידן צוליב אָרעמקייט, נויט און נישט פאַרשטאַנען ווערן. יונגערהייט שטעקט ער זיך אָן מיט אַ שווערער קראַנקייט וואָס מאַטערט אים יאָרן לאַנג, ביז זי נעמט ביי אים אויך אָפּ דעם זכרון. ער לעבט נאָך אַנדערהאַלבן יאָר אין אַזאַ צושטאַנד און שטאַרבט דעם 31 אויגוסט 1867.

ווידער געפינען מיר זיך אויפן בולוואַר סען מישעל, קעגן איבער דעם גאָרטן פון מוזעי קליני, מיר דערנענטערן זיך צו דער אייזער־

נער אָפּצווימונג, און מיר דערזעען אַלטע חורבות, אומגעוועגלעך דיקע מויערן, פֿאַרשידענע ענדערונגען אין דער חורבה זאָגן עדות אויף זייער טיפֿער אַלטקייט.

יאָ, זיי זיינען אַלט, זייער אַלט. די דאָזיקע מויערן זיינען אַנ׳-איבערבלייבעניש פֿון דעם רוימישן צעזאָרן־פּאַלאַץ וואָס איז דאָ אויפֿגעבויט געוואָרן נאָך אין 3 י. ה. אונטער קאָנסטאַנציוס כלאָרוס, בעת יוליאַן דער אַפּאָסטאַט איז אין יאָר 360 אויסגערופֿן געוואָרן אַלס רוימישער קייזער, האָט ער זיך דעמאָלט גראַד אויפֿגעהאַלטן דאָ. אין די אַלטע חורבה־מויערן וואָס קוקן אַרויס אויפֿן בולוואַר, האָבן די צעזאָרן געהאַט זייערע בעדער; דאָ האָבן אויך געוווינט די ערשטע פֿראַנקישע קעניגן, ביז צו זייער אַריבערטראָגן די קעניגלעכע רעזידענץ אין היינטיקן יוסטיץ־פּאַלאַץ, דאָס זיינען די עלטסטע מויערן וואָס פּאַריז פֿאַרמאָגט פֿון דער צייט ווען די שטאָט האָט נאָך געטראָגן דעם נאָמען ליטעציאַ.

די מויערן פֿון אַלטן פּאַלאַץ, צוזאַמען מיט דעם גאָרטן דאָ, געהערן איצט צום האָטעל קליני, איינער פֿון די רייכסטע פּאַריזער מוזעיען, וואָס געפֿינט זיך אין דער דערנעבנדיקער רי זאָמעראַרד. די געביידע פֿון האָטעל קליני, איז אויפֿגעבויט געוואָרן סוף 15־טן י. ה. אין גאָטישן סטיל און געהערט צו די ס אַ מ ע ש ע נ ס ט ע א ו ן פּ ר ע כ ט י ק ס ט ע אַרכיטעקטור־מאָנומענטן פֿון מיטלאַלטער וואָס פּאַריז פֿאַרמאָגט.

נישט ווייט פֿון דאַן דערגרייכן מיר די סאָרבאָן־קירכע וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין 17 י. ה. דורך דעם אַרכיטעקט לעמערסיע אויף דער איניציאַטיוו פֿון קאַרדינאַל רישעליע, וואָס האָט ביים לעבן נאָך באַשטעטיקט דעם פּלאַן, און וועמענס קבר ס׳געפֿינט זיך אויך דאָרט.

יעדעס יאָר, דעם 4 דעצעמבער קומט דאָרט פֿאָר אַ גאָטעסדינסט אויפֿן קבר פֿון גרויזאַמען קאַרדינאַל. צו דער גאָטעסדינסט נעמען זיך צונויף די ווייטע קרובים זיינע, און די אָנהענגער פֿון זיין פּאָליטיק. ביז היינט צו טאָג גייט אָן אומאויפֿהערלעך אַ דיסקוסיע אַרום רישעליעס גרויזאַמקייט, איין טייל וואַרפֿט פֿאָר דעם קאַרדינאַל פֿערזענלעכע אַמביציעס, די צווייטע רעכטפֿערטיקט זיינע טויט־שטראָפֿן ווי אַ פּאַטריאָטישע נויטווענדיקייט.

ס׳איז באַוווסט אַז פֿאַרן אָפּשטאַרבן, בעת מען האָט געבעטן ביים

קאַרדינאַל, ער זאָל מוחל זיין זיינע שונאים, האָט רישעליע ליגנדיק אויף דעם טויטן־בעט אָפּגעענטוועוערט :

— כ'האָב נישט קיין אַנדערע שונאים ווי די שונאים פון דער מלוכה.

אויף זיין קבר שטייט אַ פּרעכטיקער מאָנומענט, געמאַכט דורך דעם באַרימטן סקולפּטאָר זשיראַרדאָן.

פאַר דער סאָרבאָן־קירכע, זעען מיר דעם דענקמאָל פון פילאָזאָף אויגוסט קאָנט.

נישט צופעליק געפינט זיך דער דענקמאָל אויף דעם אָרט. אינ'ם האַרץ פון לאַטייניש קוואַרטאַל, נישט ווייט פון דאַן, ליגט באַהאַלטן די שטילע און אַלטע רי מיסיע לע פּראַנס, וווּ נומער 10 האָט יאָרן לאַנג געוווינט דער פילאָזאָף און דאָרט טאַקע אויך אין יאָר 1857 געשטאָרבן.

דאָס איז געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייטן; אין די יונגע יאָרן איז ער געווען דער סעקרעטאַר פון סען סימאָן; צו 18 יאָר הערט אויגוסט קאָנט כמעט אויף צו לייענען עפּעס אַנדערש אַ חוץ די בילוטינען פון דער אַקאַדעמיע. אַלע זיינע שפּעטערדיקע ווערק שרייבט ער אויף דעם סמך פון די ידיעות וועלכע ער האָט פּאַראיבעריקט ביז דאַן, ער איז דער באַשעפער פון דער „פּאָזיוויסטישער פילאָזאָפיע" וואָס ווערט באַטראַכט פאַר איינס פון די קאַפּיטאַלסטע פילאָזאָפישע ווערק פון 19 י. ה. ער ווערט אויך דער גרינדער פון אַ נייער רעליגיע וואָס האָט אין פאַרגאַנגענעם י. ה. געהאַט פיל אַנהענגער, קליינע גרופּן אַנהענגער פון זיין רעליגיע־פּרעדיקונג זיינען נאָך אפילו ביז היינט פאַראַן אויף דער גאַרער וועלט.

איינציקע מאָל איז דער פילאָזאָף אַריינגעפאַלן אין משיגעת; איינמאָל בעת אַזאַ אַנפאַל, האָט ער פּרובירט באַגיין זעלבסטמאָרד, נאָר עס איז געלונגען אים אָפּצוראַטעווען; ער ווערט דערנאָך ווידער געזונט, און שאַפט נאָך פיל ווערק.

איייניקע טריט ווייטער, אויף דער זעלבער רי מיסיע לע פּראַנס נ. 14 האָט ביז צום יאָר 1889 געוווינט און געשאַפן דער קאָמפּאָזיטער סען סאַנס.

רייך איז די געשיכטע פון פּאַריז, פון אירע גאַסן און פּלעצער, נאָר אין ערגעץ רעדט זי נישט אַזוי שטאַרק צו אונדז ווי אין לאַטייניש קוואַרטאַל; יעדעס ווינקל, יעדע גאַס דערציילט וועגן מערקווירדיקע

געשעעניש‫ן, אויף יעדן שריט לעבן אויף שאטנס פון פארגאנגענע יאָרהונדערטער.

די רי מיסיע לע פראַנס פירט אונדז אין דער רי סופלא, און מיר שטעלן זיך אָפּ אויפן פּלאַץ פון פּאַנטעאָן, וווהין עס ציען טויזנטער פון גאָר דער וועלט זיך פאַרנייגן פאַר די קברים פון רוסאָ און וואָלטער, וויקטאָר הוגאָ, עמיל זאָלאַ און זשאַן זשאָרעס. די גרויסקייט פון דער פּאַנטעאָן געביידע מיט אירע גרויסע קברים, ציען אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון פּלאַץ גופא, וואָס איז באַבויט מיט ביבליאָטעקן און הויך־שולן.

שוין מיט איניקע הונדערט יאָר צוריק איז דער פּלאַץ באַדעקט געוועזן מיט שולן אין וועלכע ס׳האָבן געלערנט נישט נאָר קינדער, יונגע שילער, נאָר אויך גרוי־געוואָרענע מענער, געקומענע פון דער גאַרער וועלט שטודירן. שוין די שול סען־באַרב וואָס שטייט לינקס פון פּאַנטעאָן, געפינט זיך דאָ אויף דעם אָרט פון יאָר 1460 אָן.

וואָס פאַרא באַרימטע פּערזענלעכקייטן זיינען אַרויסגעקומען פון אירע מויערן!

דאָ איז אין יאָר 1528 אַהערגעקומען אַ געוועזענער שפּאַנישער זעלנער שטודירן. דאָס איז געווען דער טרויעריק־באַרימטער איגנאַטיוס לויאלא, וואָס האָט מיט זיין פאַנאַטישן גלויבן און אסקעטישער האַלטונג, באַקומען אַ ריזיקן איינפלוס אויף די איבריקע שילער כאָטש ער האָט זיך מיט זיי כמעט נישט געחברט. אויף דער טיר פון זיין צימער איז געהאנגען אַ קרייץ, און נאָר דריי פון די שילער האָבן געקענט צו אים אַריינקומען, די איבריקע שילער האָבן דאָס צימער מיט די דריי באַזוכער, אנגעהויבן רופן יעזוס־קאָמפּאַניע, און האָבן אזוי אַרום פאַרויס אָנגעצייכנט דעם נאָמען פון דעם „יעזואיטישן אָרדן“ וואָס איז אין דער שול געבוירן געוואָרן.

דער קאַטאָליציזם האָט דעמאָלט אַדורכגעמאַכט אַ גרויסן קריזיס; זיינע פּאָרשטער, די פּויפּסטן, האָבן ביז גאָר זיך קאָמפּראָמעטירט ביי דער דענקענדיקער קריסטלעכער וועלט: ס׳האָבן זיך אנגעהויבן די רעפאָרמאַציע באַוועגונגען און רעליגיעזע מלחמות, לויאָלאַ מיט זיין יעזוס־אָרדן, האָט געזוכט צו ראַטעווען די מאַכט פון דער רוימישער קירך דורך... נישט אָפּשטעלן זיך פאַר קיין שום פאַרברעכן, זיך באַנוצט מיט אינטריגעס, מיט סם און מיט געדונגענע מערדער, און אזוי אַרום איינגעשריבן אין דער געשיכטע טרויעריקע בלעטער פון קריסטלעכער נישט קריסטלעכקייט.

דאָ אויך אינ׳ם זעלבן ליצעי, האָט שטודירט איינער פון די באַ־דייטנדיקסטע קעמפּער פאַר דער רעפאָרמאַציע, קאַלווין, אין די אַרומיקע שולן פון זשענעוויעווע־בארג *) האָבן געשטילט זייער הורשט נאָך וויסן דער גרויסער איטאַליענער דאַנטע, דער דיכטער ראַבליע, עראַזם פון ראָטערדאַם, און נאָך פיל אַנדערע וואָס זייערע נעמען האָבן ווייט אָפּגעקלינגען איבער דער וועלט.

פונ׳ם זייטיקן ליצעי וואָס טראָגט דעם נאָמען פון הענריך דעם פערטן קוקט אַרויס אַנ׳אַלטער טורם; מען זעט גלייך אַז דער טורם האָט נישט קיין שום שייכות מיט דער געביידע; דאָס איז אַן איבער־בלייבעניש פון אַמאָליקן טעמפּל פון דער הייליקער זשענעוויעווע אין וועלכן ס׳האָט זיך יאָרן לאַנג געפינען דאָס קבר פון קעניג קלאָוויס (געשטאָרבן אין 6 י. ה.). דער טעמפּל איז שוין לאַנג לאַנג פאַר־שוואונדן, בלויז דער שיינער טורם איז געבליבן אָפּגעשווינט און דער־ציילט וועגן אַלטע ווייטע יאָרהונדערטער.

אַנטקעגן איבער דעם ליצעי פון הענריך דעם פערטן, אויף דעם זעלבן פּלאַץ פון פּאַנטעאָן, זעען מיר די קירכע „סענט עטיען די מאָנד״, וואָס איז אויפגעבויט אין 16 י. ה. א פּרעכטיקע מישונג פון גאָטיק און פראַנצויזישן רענעסאַנס, דאָרט אין דער קירכע געפי־נען מיר, דאָס מיט זילבער באַדעקטע שטיין־קבר אין וועלכן ס׳זאָל זיך געפינען דאָס אַש פון דער הייליקער זשענעוויעווע, וואָס איז געשטאָרבן אין 6 י. ה. אין די קעלערן פון דער קירכע געפינען זיך די קברים, פון דיכטער ראַסין, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1699 און פון גרויסן פיזיקער און פילאָזאָף פּאַסקאַל, געשטאָרבן אין יאָר 1662.

אין דער דאָזיקער קירכע פּלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען תפילה טאָן, און זיך מתודה זיין אַנ׳אָרעמער דיכטער; ער האָט געוווינט נאָענט פון דאַנען, אויף דער זייטיקער רי דעקאַרט נ. 39.

וואָס פאַרא טראַגעדיע לעבט אויף פאַר אונדז, בעת מיר לייענען דעם אויפשריפט אויף דער מויער פון דערמאַנטן הויז, אַז דאָ איז אין יאָר 1896 געשטאָרבן אין איינזאַמקייט דער דיכטער פּאָל ווערלען.

---

*) דער פּאַנטעאָן פּלאַץ ליגט אויף אַ הויכקייט וואָס טראָגט דעם נומען, די הויכקייט פון דער הייליקער זשענעוויעווע (די פּאַטראָנעסע פון פּאַריז).

ער האָט געליטן נויט אין דער שטאָט וואָס איז פול מיט פאַרשווענדערישן לוקסוס, און אַלץ מער געזינקען אין די אַרעמס פון אַלקאָהאָל און פאַרשידענע קראַנקייטן וואָס האָבן צעפרעסן זיין אָרגאַניזם, דאָרט אין יענעם הויז, האָט ער געוווינט אויף דעם פערטן שטאָק אין צוויי אָרעמע צימערן וואָס האָבן געהערט צו זיין געליבטע א געוויסע קראַנץ וואָס האָט געצויגן איר פרנסה פון נישט גאָר קיין בכבודע פּראָפעסיע.

די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן, פלעגט דער דיכטער זיין אַנ'אָפּטער גאַסט אין די פּאַריזער שפּיטעלער. פיל מאָל אַהיימקומענדיק הונגעריק, פאַרביטערט און שיכור, פלעגט ער דעם שאַרפן אייזערנעם שפּיץ פון זיין שטעקן מערערע מאָל דורכשטעכן דאָס בילד פון זיין פאָטער, נאָר אין די מאָמענטן פון זיין שטאַרקסטער פאַרביטערונג, פלעגט ער דאָך נישט דורכשטעכן דעם קאָפּ פון פּאָרטרעט, נאָר אַלעמאָל אַרום דעם קאָפּ פון דעם מענטשן וואָס האָט אים געברענגט אויף דער וועלט.

דעם 7 יאַנואַר, בעת זיין פריינדן איז אַראָפּ אין דער קאַפע פאַרן טויער, אום זיך צו דערקוויקן מיט א ביסל בראָמפן, איז דער דיכטער אין איינזאַמקייט אָפּגעשטאָרבן, זיין לעצטער בליק איז געווען געווענדט צום פּאָרטרעט פון פאָטער, דעם מענטשן וועמען ער האָט אַזוי פיל מאָל געשאָלטן, אַזוי פיל מאָל מיט כעס דורכגעשטאָכן די פאָטאָגראַפיע, נאָר קיינמאָל נישט אנגערירט דאָס פּנים, נאָר אַרום.

וואָס פאַרא גורל פאַר איינעם פון די שענסטע פּאָעטן!

דאָ, אין לאַטיינישן קוואַרטאַל געפינט זיך אויך די באַרימטע, גרויסע קירכע סען סילפּיס, וואָס איר בוי איז אנגעהויבן געוואָרן אין יאָר 1646, לויט די פּלענער פון לעוואָ, און פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1749 דורך דעם אַרכיטעקט סערוואַדאַני.

נאָך נאַפּאָלעאָנס טריאומף־מאַרש אין איטאַליען, איז ער געוואָרן אומבאַקוועם פאַר דער דירעקטאָריע, וועלכע הויבט זיך אָן פאַר אים שרעקן. נאַפּאָלעאָן אַליין פילט זיך אויך נישט גענוג זיכער מיט זיין פּערזאָן, ער פאַרטראַכט דעריבער זיין פּלאַן פון דער עגיפּטישער קאַמפּאַניע אין וועלכן די דירעקטאָריע כאַפּט זיך אָן באַגייסטערט, האָפנדיק אַזוי אַרום פּטור צו ווערן פון דעם אומבאַקוועמען גרויס־אויסגעוואַקסענעם גענעראַל. נאַפּאָלעאָן פירט אָן זיין עגיפּטישע מלחמה, ביז ער באַקומט זיכערע ידיעות אַז די פּאָזיציע

פון דער דירעקטאָריע איז שוין געגוג קאָמפּראָמעטירט אין לאַנד, און אַז מען נויטיקט זיך אין אַ שטאַרקער פּערזענלעכקייט. דעמאָלט לאָזט ער איבער זיין אַרמעי, קומט אומגעריכט קיין פראַנקרייך, ווו ער ווערט אויפגענומען ווי אַ גאָט, און ער הויבט גלייך אָן זיינע אינטריגעס אָפּצושאַפן די דירעקטאָריע, אום כדי צו ווערן איר יורש. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין צוריקקומען אָרדנט מען איין אַ ריזן־באַנקעט לכבוד דעם גענעראַל, און מען שטעלט זיך אָפּ אויף דער קירכע סען סילפּיס, ווו דער באַנקעט קומט פאָר ביי דער אַנוועזנהייט פון פינף טויזנט פּערזאָן.

דער באַנקעט קומט פאָר דעם 5 נאָוועמבער 1799, און דעם 9 נאָוועמבער איז שוין די דירעקטאָריע אָפּגעשאַפט. אין לאַנד ווערט איינגעשטעלט די הערשאַפט פון קאָנסולאַט מיט נאַפּאָלעאָנען אַלס ערשטן קאָנסול.

אין דער זעלבער קירכע איז אויך פאָרגעקומען די חתונה פון קאַמיל דעמולען מיט זיין פרוי לוסי, און אין איינציקע צענדליק יאָרן אַרום, האָט דאָרט אויך חתונה וויקטאָר הוגאָ.

נישט ווייט פון דער קירכע, אויף דער רי וואָזשיראַר נ. 70 געפינט זיך דער קאַרמעליטן־מאָנאַסטיר, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין 17 י. ה. און איז געווען אַנ׳עדות פון גרויזאַמע געשעענישן האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט דעם 2 סעפּטעמבער 1792.

ווי פיל אַנדערע געביידעס, איז דער מאָנאַסטיר געווען פאַרוואַנדלט אין אַ טורמע און וועלכער ס׳האָבן זיך געפינען דער עיקר גייסטלעכע, אַרעסטירטע מיט דריי וואָכן פריער, פאַר זייער אָפּזאָגן זיך צו שווערן טרייהייט דער רעוואָלוציע. אַלע כמעט, מיט אַ קליינעם אויסנאַם, זיינען זיי דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם המון און דערנאָך אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ דערנעבנדיקן ברונעם. ערשט אין יאָר 1867 האָט מען אויסגעגראָבן די פאַרשיטע און אַרויסגענומען פון דאָרט 114 סקעלעטן פון די אומגעבראַכטע גלחים.

די קירכע האָט דאַן איינגעאָרדנט ביי זיך אַ קליינעם מוזעי, געווידמעט יענע געשעענישן, און אַוועקגעלייגט די שאַרבנס הינטער גלאָז אום זיי צו ווייזן... איטלעכן ביז היינט צו טאָג.

אין זעלבן מאָנאַסטיר, איז בעת דער רעוואָלוציע און טעראָר געזעסן אַרעסטירט די קינפּטיקע קייזערן זשאָזעפינע.

אין אַ קליין און פולשטענדיק פינצטער קעמערל איז איינציקע וואָכן

געווען פֿאַרשפּאַרט דער יונגער גענעראַל אָש. דער אונטערדריקער פֿון מאָנאַרכיסטישן אויפֿשטאַנד אין דער וואַנדעע, דעם געפֿער־לעכסטן, שרעקלעכסטן און בלוטיקסטן רעוואָלט וואָס די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געהאַט אויסצושטיין.

מיר האָבן שוין דערציילט וועגן מערערע מאָנומענטן און פּלעצער וואָס האָבן הינטער זיך אַ טרויעריקע און גרויזאַמע פֿאַרגאַנגענהייט. צו די דאָזיקע געהערט אויך דער פּלאַץ מאָבער, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס קאָנקורירט מיטן פּלאַץ דע גרעוו (דעם היינטיקן פּלאַץ האָטעל דע וויל). אויך דאָ זיינען פֿאָרגעקומען פֿיל עקזעקוציעס פֿאַר אַפּיקורסות א. א. פֿאַרברעכנס. צווישן אַנדערע איז דאָ פֿאַר־ברענט געוואָרן אין יאָר 1546 עטיען דאָלע, אַ דרוקער און ביישנ־דיקער שרייבער און קעמפּער פֿאַרן פֿרייען געדאַנק. שפּעטער האָט מען אים דאָ טאַקע אויפֿגעשטעלט אַ דענקמאָל.

האַרט ביים פּלאַץ מאָבער, ביי דער רי בערנאַרדאַן געפֿינט זיך די אַלטע קירכע סאַן ניקאָלאַ די שאַרדאָנע, דא אין דער קירכע געפֿינען מיר דאָס קבר פֿון איינעם פֿון באַדייטנדיקסטע מאָלער פֿון לודוויק דעם פֿערצנטנס עפּאָכע, לע בראַן, וואָס האָט אַזוי באַריי־כערט דעם ווערסאַלער פּאַלאַץ מיט זיינע פּרעכטיקע לייוונטן.

אויף טריט און שריט שטויסן מיר זיך דא אן אין ערטער וואָס האָבן צו דערציילן וועגן מענטשן, געשעענישן און עפּאָכן: אויף דער אַלטער און קליינער רי דע לאַ קאָלאָמב זעען מיר ביי דער מויער נ. 6 לאַנגע שטיינערנע שטיגן, אַנ׳איבערבלייבעניש פֿון אַ רוימישער קאָנסטרוקציע. אויף רי ד׳אַרען געפֿינען מיר אַ רוימישן צירק וווּ די רוימישע לעגיאָנען פֿלעגן קומען זיך פֿאַרווײַלן. וועגן דער עקזיסטענץ פֿון רוימישן צירק האָט מען אינגאַנצן נישט גע־ווּסט, ערשט סוף פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט האָט מען גראַבנדיק, זיך צופֿעליק אָנגעשטויסן אויף אַ מערקווירדיקע קאָנסטרוקציע וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פֿאַרבלייבעניש פֿון די רוימישע הערשער. די אַלטע רי דע לאַ האַרפּ געדענקט נאָך די פֿירערן פֿון די זשיראָנ־דיסטן, די מאַדאַם ראָלאַן וואָס האָט דאָ געוווינט אין דער צייט ווען איר מאַן איז געווען דער ערשטער קאָנסטיטוציאָנעלער מי־ניסטער ביי לודוויק דעם 16־טן. אינ׳ם הויז נ. 2 אויפֿן אָדעאָן־פּלאַץ האָט אין 1794 געוווינט קאַמיל דעמולען מיט זיין פֿרוי לוסיל. דאָ, אין דער וווינונג איז ער טאַקע אַרעסטירט געוואָרן. אויף דער נישט ווייטער רי טורנאָן נ. 7 האָט אין 1858 געוווינט לעאָן גאַמבעטאַ. אין

דעם זעלבן הויז האָט אויך געוווינט און אין יאָר 1888 געשטאָרבן דער דיכטער און וויסנשאַפטסמאַן שאַרל קראָ, דער דערפינער פון פאָנאָגראַף.

עס איז נישט מעגלעך אויסצורעכענען ווען די אַלע עלטערע און ווינקעלעך פון לאַטייַנישן קוואַרטאַל. די דאָזיקע שטאָט־טייל ענדערט זיך כסדר; אויף דעם אָרט פון די אַלטע שמאָלע הייזער, וואַקסן אויס מאָדערנע געביידעס. אירע קאַפעס האָבן שוין נישט, קיין געמיינזאַם מיט די אַמאָליקע טרינק־הייזער אין וועלכע פראַנסואַ וויליאָן פלעגט מאַכן אַ גוטע כוסה, אום צו באַרואיקן אפשר זיין געוויסן. די היינטיקע הויך־שול שטעלט מיט זיך פאָר אַ ריי בנינים וואָס האָבן נישט מער קיין שייכות מיטן אַמאָליקן פאַריזער אוניווערסיטעט, ווו די שילער פלעגן זומערצייט, זיצן אויפן גראָז, און די לערער פלעגן זיך באַנוצן מיט ריטער. פון ערגעץ ווו גרייט זיך מסתמא אַ נייער אַסמאַן, וואָס וועט ווי דער פריערדיקער, אַפרוימען ווייטערדיקע טיילן פון קוואַרטאַל, וואָס פיל פון זיינע הייזער זיינען אָבער ביז היינט געבליבן אָפגעשווינט, און באַהאַלטן אין זיך די שאָטנס פון גרויסע, וויכטיקע לעבנס, און געשעענישן וואָס האָבן זיך אויף תמיד איינגעקריצט, אין דער געשיכטע.

קאפיטל 2.

# די רי סענט אנארעי

ווייניק פאריזער גאסן האבן קאנסערווירט אין זיך אזוי פיל היס־טארישע מאנומענטן, אזוי פיל הייזער, עדות פון פארגאנגענע צייטן און געשעענישן, ווי די סענט אנארעי־גאס וואס הויבט זיך אן ביי די פראזאאישע פאריזער שפייז־האלעס, און ענדיקט זיך ביים פרעכ־טיקן פלאץ קאנקארד.

נישט נאר וואס די גאס האט קאנסערווירט אין זיך אזוי פיל הייזער פון גרויסן היסטארישן ווערט, נאר מער פון אלע אנדערע גאסן, איז זי אפגעשווינט געווארן פון דעם צעשטערנדיקן מארש פון דער צייט און איז מיט קליינע ענדערונגען, פארבליבן אזוי ווי זי איז געווען אין יאר 1622, ווען אין איינע פון אירע הייזער, וואס טראגט היינט דעם נומער 96, איז געבוירן געווארן ביי דער פאמיליע פאקלאן א זון וואס איז שפעטער בארימט געווארן איבער גאר דער וועלט אונטערן נאמען מאליער.

ווער האט נישט געהערט וועגן דעם קאמעדיאנט און מחבר פון אזוי פיל וואונדערלעכע ווערק, אז נישט געקוקט דערויף וואס ס'זיינען שוין פארביי אזוי פיל יארן פון זיין לעבן און שאפן, רופן זיי כסדר ארויס א שטוינונג פון דעם כוח וואס עטעמט פון זיי.

לעבנדיק אונטער דער הערשאפט און אפטרופסות פון דעם אנגע־צויגענעם און פאמפאסטישן לודוויק דעם פערצנטן, אין איין צייט מיט אזעלכע דיכטער ווי קארנעל און ראסין, האט מאליער דאך נישט אנגענומען די פאטעטיש־פראזאלאגישע פארם וואס האט אין יענער צייט באהערשט אין פראנקרייך אלע געביטן פון דער קונסט, נאר אויסגעקליבן פאר זיך דעם וועג פון הארציקער סאטירע איבער דער אריסטאקראטישער פוסטקייט און מענטשלעכער קליינלעכקייט, און באשאפן וואונדערלעכע ווערק פון וועלכע ס'וועיעט אויף אונדז מיט מאליערס גרויסער מענטשן־קענטעניש, פון זיין פארשטיין די

מענטשלעכע נשמה, און פון זיין ווילן ארויפצוהויבן דעם מענטשן איבער זיינע קליינלעכע שוואכקייטן וועלכע ער לאכט אוים מיט א וואונדערלעך־פשוטן און אייביקן הומאר.

בעת לודוויק דער פערצנטער האט אין זיין טיפער עלטער גע־פרעגט אמאל ביים דיכטער בואליא, ווער ס'איז לויט זיין מיינונג געווען דער גרעסטער דיכטער פון זיין עפאכע, האט דער לעצטער נישט טראכטנדיק געענטפערט:

— מאליער!

דאס הויז אין וועלכן מאליער איז געבוירן, איז שוין לאנג צע־שטערט, נאר אויף דעם ארט, נ. 96 הענגט אין דער הויך אנ'אויפ־שריפט וואס דערציילט, אז דא איז געבוירן דער מענטש וועמענס נאמען וועט אויף אייביק בלייבן אין דער געשיכטע, ווי איינער פון די באדייטנדיקסטע קינסטלער און פערזענלעכקייטן.

פונקט אנטקעגן דעם הויז ווו מאליער איז געבוירן, שטייט א הויכע מויער וואס טראגט דעם נומער 111, דאס איז אבער נישט קיין געוויינלעך הויז, כאטש מיר זעען אין דער הויך פענסטערלעך. דאס איז א געוועזענער פאנטאן ווו די ארומיקע איינוווינער פלעגן אמאל נעמען וואסער.

ביז היינט צו טאג פארמאגט פאריז פיל פארבליבענע פרעכטיקע פאנטאנען וואס זיינען מיט זייער ארכיטעקטור א צירונג פאר דער שטאט. דער פאנטאן אויף דער רי סענט אנארעי נ. 111 געהערט אויך צו די גאר ארגינעלע און איז אויסגעבויט נאך אין 16־טן י. ה. אונטער דער הערשאפט פון פראנסוא דעם ערשטן. אין יאר 1775 איז ער רעסטאווירט געווארן דורך דעם ארכיטעקט סופלא, וואס האט זיך בארימט געמאכט מיט זיין פלאן און בוי פון פאריזער פאנטעאן. די פרעכטיקע סקולפטור־ארבעט וואס דער פאנטאן פארמאגט איז רעסטאווירט געווארן דורך דעם קינסטלער בואזא.

נישט איינמאל אוודאי האט דער קלייניקער מאליער געקוקט אויף דעם פאנטאן, אויף זיין פרעכטיקער סקולפטור וואס שטעלט פאר מארס'נס א טאכטער, די וואסער־היטערנ'ס, בארימטע נאיאדן, אין וועלכער מאליער האט אבער געזען א שלאנקע גראציעזע פרויען־געשטאלט. ווער ווייס וויפל די דאזיקע סקולפטור, האט געווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון עסטעטישן געשמאק ביים אונטערוואקסנ־דיקן געני.

דאס הויז ווו מאליער איז געבוירן, נעמט אויך ארום די קליינע

און שמאָלע רי סאָוואַל, פון דער טיף פונ׳ם געסל קוקט אַרויס די האַנדלס־בערזע, אַ מאָדערנע רונדיקע געביידע, מיר שניידן דורך דאָס געסל און דערנענטערן זיך צו דעם בנין; אַ הויכער דרייסיק־מעטערדיקער טורם וואָס די האַנדלס־בערזע פאַרמאָגט ציט צו אונדזער אויפמערקזאַמקייט; עפעס האַרמאָנירט נישט דער דאַרישער סטיל פונ׳ם טורם, מיט דעם כמעט מאָדערנעם האַנדלס־הויז, מיר דערזען גלייך אַז מיר שטייען דאָ פאַר אַנ׳אַלטן מאָנומענט.

אין 16 י. ה. איז אויף דעם אָרט פון דער האַנדלס־בערזע געשטאַנען דער פרעכטיקער האָטעל סואַסאָן אין וועלכן ס׳האָט געוווינט די קעניגן קאַטערינע מעדיטשי, די אלמנה פון הענריך דעם צווייטן, איינע פון די רעאַקציאָנערסטע געשטאַלטן און מיטשולדיקע אין פאָגראָם איבער די פראָטעסטאַנטן, אין דער נאַכט פון הייליקן באַרטאַלאָמעי, איז די קעניגן אויך געווען אַ פאַנאַטיש איינגעגלויבטע אין דער מאַכט פון כישופמאַכעריי און אַנדערע מיסטעריעזע כוחות; צו דעם צוועק האָט זי אין איר האָטעל וואָס איז דאָ געשטאַנען, געלאָזט אויסבויען דעם טורם פאַר אירע אסטראָלאָגן וואָס זאָלן פון אויבן, אָבסערווירנדיק די שטערן אויפן הימל, איר פאָראויסזאָגן וועגן איר גורל, און לעבן.

דער האָטעל סואַסאָן איז פון לאַנג שוין צעשטערט, בלויז דער אַסטראָלאָגישער טורם איז פאַרבליבן ווי אַנ׳עדות וואָס דערציילט וועגן דער קעניגן, וואָס האָט דעם לאַנד פאַרשאַפט אַזוי פיל שלעכטס.

מיר גייען צוריק אַריין אין דער רי סאָוואַל, אָט זיינען מיר ווידער ביי מאָליערס געבורט־אָרט, און דעם פרעכטיקן פאָנטאַן וואָס אנטקעגן איבער, מיר פאַרקירעווען אויף רעכטס, הויבן אָן שפאַנען צו די גרעסערע נומערן פון די רי סענט אָנאָרעי און שטעלן זיך גלייך אָפ ביי דעם פראָטעסטאַנטישן טעמפל אָראַטואַר וואָס ליגט טאַקע ביי דער רי אָראַטואַר, און נעמט אויך אַרום די דערנעבנדיקע רי דע ריוואָלי, וואָס ציט פאַראַלעל מיט דער גאַס פון אונדזער שפאַציר. אונדזער אויפמערקזאַמקייט ווערט צוגעצויגן צו אַ שיינעם מאָנומענט וואָס שטעלט פאָר דעם אַדמיראַל קאָליני און וואָס איז אויפגעשטעלט ביי דער מויער פון פראָטעסטאַנטישן טעמפל, שוין אויף דער זייט פון דער ריוואָלי גאַס.

דער דענקמאָל דערמאַנט אונדז אין דער נאַכט פון הייליקן באַרטאָלאָמעי. דעם 24 אויגוסט 1572, ווען די גאָטפאַרכטיקע קאַטאָליקן זיינען איבער פאַריזער גאַסן און הייזער, באַפאַלן די פראָ־

טעסטאַנטן, און זיי אויסגעשחטן אין די טויזנטער. דעם שוידער־לעכן פּאָגראָם האָבן זיי טאַקע אנגעהויבן איבער איינעם פון די באַדייטנדיקסטע פּראָטעסטאַנטישע פירער, דעם אדמיראַל קאַליני, און עם דורכגעפירט מיט אַ גוואַלדיקער אכזריות: די מערדער האָבן זיך נישט באַגענוגנט מיט דערשטעכן אים, נאָר האָבן דערנאָך זייער קרבן, אַנ׳אָפּגייענדיקן אין בלוט, אַרויסגעשליידערט דורכן פענסטער אויף דער גאַס אַראָפּ. קאַליני׳ס דענקמאָל האָט מען דאָ אוועקגעשטעלט, ווייל דאָס אָרט וווּ דער מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן, געפינט זיך אין דער נאָענט, אויף דער זעלבער ריוואָלי־גאַס נ. 144.

אין וואָס פאַרא צייט די געשעעניש דערמאַנט אונדז!

מיר קומען צוריק אַריין אין דער רי סענט אָנאָרעי; אָן אַ שיעור אַלטע און שמאָלע איין און צוויי־פענסטערדיקע הייזער פאַרמאָגט די גאַס, יעדע געביידע דאָ איז אַ באַזונדערער דענקמאָל, יעדעם הויז אַ שטיק געשיכטע, באַטראַכטנדיק די אַלע הייזער דערנענטערן מיר זיך צום פּאַלע־רויאַל און שטעלן זיך אָפּ ביי זיין רעכטן פליגל, ביים ראָג פון די רי וואַלואַ.

אַנ׳אויפשריפט אויף דער מויער פון פּאַלאַץ דערציילט אַז דאָ אויף דעם אָרט, האָט מאָליער געהאַט זיין טעאַטער פון יאָר 1661 ביז 1673. דאָ אויף דעם אָרט זיינען אוועק זיינע לעצטע יאָרן.

קראַנקערהייט גייט ער כסדר אַן מיט זיין סצענישער טעטיקייט באַטש די דאָקטוירים פאַרזאָגן עם אים שטרענג. זיין לעצטע ראָל איז געווען אין זיין באַרימט און לעצט ווערק „דער קלוימערשט קראַנקער“. שפּילנדיק איז אָבער מאָליער ווירקלעך קראַנק. ער דערפילט זיך זער שלעכט, מאַכט איבער זיך אַ גוואַלדיקע אָנ־שטרענגונג און פאַרענדיקט בשלום די פאָרשטעלונג. גלייך פון טעאַטער ווערט ער אָפּגעפירט אַ היים אויף דער דערנעבנדיקער רי רישעליע נ. 40 וווּ ער שטאַרבט אין דער זעלבער נאַכט אין על־טער פון 51 יאָר.

בעת דער פּאַריזער קאָמונע ווערט אין די גאַסן־קאַמפן פאַרניכ־טעט דער טייל פון פּאַלע־רויאַל, די אויפשריפט בלויז דערמאַנט אונדז אַז ביי דער וואַלואַ־גאַס האָט מאָליער צום לעצטן מאָל גע־שפּילט פאַרן פּאַריזער פּובליקום.

נאָך אייניקע טריט, און מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער רי רישעליע, די שמאָלע, אַלטע גאַס ווייס צו דערציילן נישט נאָר פון מאָליערן

וואָס איז דאָ געשטאָרבן; נומער 39 האָט געוווינט, און אין יאָר 1784 געשטאָרבן דידראָ. איינער פון די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייטן פון 18 י. ה. דער גרינדער און רעדאַקטער פון דער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע וואָס איר דערשיינונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן׳אויסערגעוועגלעך געשעעניש און וואָס האָט רייף געמאַכט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

אויף דער זעלבער רי רישעליע נ. 23 איז אין יאָר 1695 געשטאָרבן דער באַרימטער מאָלער מיניאַר און נ. 15 און 19 אויף דער זעלבער גאַס האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס פּאָליציי, וויקטאָר הוגאָ פאר זיין אנטייל אין דעם אויפשטאַנד צו ראַטעווען די רעפּובליק.

מיר קומען צוריק אַריין אין דער רי סענט אָנאָרעי און פאַרהאַלטן זיך פאַרן הויז נ. 161 ביי דער באַקאַנטער קאַפע „דער רעגענט“, באַרימט מיט אירע שאַך־שפּילער, אָבער שוין אין 18 י. ה. איז זי געווען באַרימט דערמיט און געווען דער פּלאַץ פאר פיל פּערזענלעכקייטן. צווישן אַנדערע זיינען דאָרט אָפּט געווען געסט, דער ענציקלאָפּעדיסט דידראָ, דער פילאָזאָף זשאַן זשאַק רוסאָ, מאַקסימיליען ראָבעספּיער, דער גענעראַל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט און נאָך פיל אַנדערע.

אויף דעם אָרט גופא ווו ס׳געפינט זיך די קאַפע דע לאַ רעזשאַנס איז אין 15 י. ה. געשטאַנען דאָס פּאַריזער סענט אָנאָרעי־טויער, אויף דעם אָרט איז דעם 8 סעפּטעמבער 1429 פאַרוווּנדעט געוואָרן דורך אַ פייל די נאַציאָנאַלע העלדין זשאַן ד׳אַרק, בעת דעם שטורם אויף פּאַריז וואָס איז דאַן געווען פאַרנומען דורך די ענגלענדער.

וואָס פאַראַ שווערע צייטן פראַנקרייך האָט דאַן איבערגעלעבט! יאָרן האָט אנגעהאַלטן די מלחמה מיט די ענגלענדער וואָס האָבן זיך געמאָנט די פראַנצויזישע קרוין; די דאָזיקע עפּאָכע איז טאַקע אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען די „הונדערט־יעריקע קריג“, וואָס האָט רואינירט און פאַרוויסט דאָס לאַנד וואָס איז שוין כמעט אינגאַנצן פאַרנומען געווען דורך די ענגלענדער, ביז פון אַ וויַיט דאָרף איז געקומען דאָס אומבאַקאַנטע עקזאַלטירטע מיידל זשאַן ד׳אַרק, געמאַכט אַלעמען גלויבן אין איר געטלעכער שליחות אויסצולייזן דאָס לאַנד; אַריינגעגעבן נייע כוחות און באַגייסטערונג אין מיליטער, נאָר אַ פאַרוווּנדעטע, איז זי אַריינגעפאַלן אין ענגלישער געפאַנגנשאַפט, און פאַרלאָזט דורך אַלעמען, אַפילו דורכן

דעם קעניג שאַרל דעם זיבנטן ווען זי האָט צוריק אַרויפגעפירט אויפן טראָן, און פאַרמשפּט צום טויט, אומגעקומען אויף דעם שייטער־הויפן אין יאָר 1431.

נישט ווייט פון דאַן, אויף דעם דערנעבנדיקן פּלאַץ פּיראַמיד שטייט טאַקע אירס אַ דענקמאָל, וווּ מיר זעען די העלדן רייטנדיק אויף אַ פערד, אַ פיינע בראָנזענע סקולפּטור פון׳ם קינסטלער פרעמיע, און יאָר איין, יאָר אויס פייערט פראַנקרייך דעם יום טוב פון איר פאָלקס־העלדן, לייגנדיק בלומען צו די פיס פון איר סטאַטוע.

מיר הויבן ווייטער אָן אונדזער וועג און פאַרהאַלטן זיך אָבער גלייך ביי דער קירכע סענט ראָק.

וואָס פאַראַ קאָנטראַסט די רי סענט אָנאָרעי שטעלט מיט זיך פאָר דאָ, אַרום דער קירכע, אין פאַרגלייך מיט דער ערשטער העלפט אירער וועלכער מיר האָבן שוין געלאָזט הינטער זיך; די אָפּגעגאַנגענע טייל וואָס הויבט זיך אָן ביי די פאַריזער שפּייז־האַלעס ביז צום פּאַלעי־רויאַל איז צום גרויסן טייל באַווינט דורך אַ סוחרישן עלעמענט און מענטשן פון מיטלשטאַנד, וואָס מער צו די העכערע נומערן, אַלץ רייכער הויבט אָן די גאַס אויסצוזען, און דאָ ביי דער קירכע, איז שוין די רי סענט אָנאָרעי אַ צענטער פון די פערמעגלעכע און רייכע פאַריזער איינוווינער. די קירכע סענט ראָק באַדינט טאַקע די גבירים און אַריסטאָקראַטן פון דער געגנט, זי איז פול מיט אַריסטאָקראַטישע קברים, און להכעיס דעם דערלייזערס געדאַנק אַז „גיכער וועט אַ קעמל דורכגיין דורכן לאָך פון אַ נאָדל אײדער אַ גביר וועט אַריינקומען אין גן עדן אַריין״, באַדינען דאָרט די קריסטוס־פאָרשטער גאַנץ גוט זייערע רייכע באַזוכער, און זיינען מוחל יעדן טאָג די אָפּגעטוענע עבירות, די רייך־געקליידעטע דאַמען וואָס קומען זיך דאָרט מתודה זיין.

צווישן די קברים וועלכע די קירכע פאַרמאָגט, געפינט זיך אויך דאָס קבר פון פראַנצויזישן דיכטער קאָרנעל; ער האָט געוווינט נישט ווייט פון דאַן, אין דער דערנעבנדיקער רי אַרזשענטוי נ. 6, וווּ ר׳איז געשטאָרבן אין יאָר 1684.

בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אונטער דער דירעקטאָריע האָט די קאָנטר־רעוואָלוציע אויפגעהויבן דעם קאָפּ: די רייכע געגנט פון רי סענט אָנאָרעי, וואָס איז באַווינט געווען מיט ראָיאַליסטן גרייט צו אַ פאַרשווערונג קעגן דער דירעקטאָריע אום אַ סוף צו

מאַכן צו דער פאַרהאַסטער רעפּובליק. די קירכע סענט ראָק איז איינע פון די ראָיאַליסטישע צענטערן; זיי זאַמלען צונויף אין דער געגנט אייניקע צענדליק טויזנט אָנהענגער און קלויבן זיך דעם 5 אָקטאָבער 1795 צו באַפאַלן דעם קאָנווענט וואָס האַלט אָפּ זיינע זיצונגען אין דעם דערנעבנדיקן טילערי־פּאַלאַץ, אום ווידער צו פּראָקלאַמירן די מאַכט פון די בורבאָנען. אין דער לעצטער מינוט דערוווסט זיך די דירעקטאָריע וועגן דער פאַרשוווערונג, די סיטואַציע איז ביז גאָר געפערלעך, די רעגירונג האָט נישט אונטער דער האַנט די גענוגנדיקע צאָל מיליטער, און ווייס נישט וועמען אנטרויען דאָס אונטערדריקן די פאַרשווערונג; ענדלעך שטעלט מען זיך אָפּ אויף דעם יונגן נאָר וואָס נאָמינירטן גענעראַל באָנאַפּאַרט, מען גיט אים אַ פערטל שעה צייט אויף באַשליסן צו ער נעמט זיך אונטער דורכ־צופירן די געפערלעכע אָפּעראַציע; נאַפּאָלעאָן ווייסט אַז ער באַקומט פיר טויזנט מאַן מיליטער: בעת די ראָיאַליסטן האָבן צונויפגע־זאַמלט צווישן צוואַנציק ביז פערציק טויזנט קעמפער, נאָר ער איז מסכים, פאַרטאָגס פון 5 אָקטאָבער, צוימט ער אָפּ די אַרומיקע גאַסן, צעשטעלט זיין קליינע צאָל האַרמאַטן און הויבט אָן שטורמען די פאַרשווערער וואָס זייער גרעסטע צאָל האַלט זיך אויף אין און אַרום דער קירכע סענט ראָק, ס'פלאַקערט זיך פונאַנדער אַ נישט גלייכער קאַמף, נאַפּאָלעאָן באַשיסט די קירכע מיט האַרמאַטן־פייער, פיר שטונדן דויערט דער קאַמף און די פיר טויזנט זעלנער זיינען מנצח די ווייט איבערוועגנדיקע צאָל ראָיאַליסטן. דער יונגער גענע־ראַל באָנאַפּאַרט ווערט שטורמיש באַגריסט דורכן קאָנווענט אַלס דער רעטער פון דער רעפּובליק, ער ווערט באַשטימט אַלס דער מי־ליטערישער קאָמענדאַנט פון פּאַריז, און ס'הויבט זיך אָן דאָס שטייגן פון דעם ביז דעמאָלט אומבאַקאַנטן קאָרסיקאַנער אָפיציר.

די דערנעבנדיקע רי סענט ראָק וואָס געדענקט דעם דאָזיקן קאַמף האָט אין זיך נאָך אַ היסטאָריש אָרט: אין דעם הויז נ. 1 האָט געלעבט און געשטאָרבן אין יאָר 1707 איינער פון די באַדייטנדיק־סטע פראַנצויזישע מאַרשאַלן וואָבאַן:

אַליין אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, און וועלכער ס'איז פּראָטעקציע, האָט ער זיך דערשלאָגן צום הויכן ראַנג אַ דאַנק זיין אומדערמידלע־כער ענערגיע און פעאיקייט. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען פעס־טונג־סטראַטעגיע, ער האָט אויסגעבויט 33 פעסטונגען אַ חוץ אָן אַ

שיעור רעאָרגאַניזירט. 35 פעסטונגען האָט ער אַליין באַלאַגערט, ווען אים פלעגט מען זאָגן:

« Ville assiegée par Vauban, ville prise ; ville fortifiée (ou défendue) par Vauban ville imprenable » *)

אַרויסקומענדיק אַליין פון אָרעמעלייט האָט ער גוט געקענט די נישט יושרדיקע שטויער־סיסטעמען אין לאַנד און ר'האָט אין די עלטערע יאָרן אַרויסגעזאָגט שריפטלעך זיין מיינונג וועגן איינפירן שטויער־גלייכקייט. פאַר דער דאָזיקער חוצפה האָט ער אויף תמיד פאַרלוירן דעם חן אין די אויגן פון זיין קעניג, לודוויק דעם פערצנטן.

דאָס גרויסע הויז אויף דער רי סענט אָנאָרעי נ. 211 ציט אויך צו אונדזער אויפמערקזאַמקייט: דאָס איז דער אַמאָליקער האָטעל פון די גראַפן נאָאיי, איינע פון די באַקאַנטסטע פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס וואָס האָבן אויך בעת דער רעוואָלוציע אין 1789 געשפּילט אַ ביז גאָר אָנגעזעענע ראָל. איינער פון דער פאַמיליע, דער גראַף לואי נאָאיי האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין פאָרשלאָג צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אָפּצושאַפן די פאַרבליבענע רעשטן פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג, די זיצונג אין דער נאַכט פון 4 אויגוסט 1789 ווען דער פאָרשלאַג פון גראַף נאָאיי איז אָנגענומען געוואָרן, איז געווען אַ גרויס רעוואָלוציאָנער געשעעניש. די פאַמיליע האָט אויך פיל פון אירע מיטגלידער פאַרלוירן אויף דער גילאָטינע. אַן'אויפשריפט אויף דער מויער פון'ם האָטעל דערמאָנט אויך אַז דאָ נ. 211 איז אין יאָר 1774 פאָרגעקומען די חתונה פון גענעראַל לאַפאַיעט וואָס האָט זיך משדך געווען מיט דער פאַמיליע נאָאיי.

אייניקע טריט ווייטער שטעלן מיר זיך אָפּ ביי דער גאַס פון 29 יולי. מיר גייען אויף אַ ווילע אַריין אין דעם געסל און פאַרהאַלטן זיך ביים הויז וואָס נעמט אויך אַרום די רי דע ריוואָלי נ. 208.

דאָ אין דעם הויז האָט געלעבט און איז דעם 26 אַפּריל 1910 געשטאָרבן דער באַרימטער נאָרוועגישער דיכטער ביערנסטערן־

---

*) „אַ שטאָט וואָס וואָבאַן באַלאַגערט איז איינגענומען, אַ שטאָט דורך אים פאַרטיידיקט (אָדער באַפעסטיקט) איז נישט צום איינגעמען".

ביערנסאָן, איינער פון די איידלסטע קעמפּער פאַר שלום און פרייַ־
הייט.

אין דעם דערנעבנדיקן הויז פון דער ריוואָלי־גאַס, נומער 206 האָט
געוווינט לעוו טאָלסטוי בעת ר׳איז דעם 9 פעברואַר 1857 געקומען
קיין פּאַריז אין זיין ערשטער אויסלאַנד־רייזע.

די שטאָט האָט אויף דעם יונגן טאָלסטוי געמאַכט זער אַ שווערן
איינדרוק. נאָך זעקס וואָכן זיין אין פּאַריז איז ער אוועק זען דאָס
גילאָטינירן אַ פאַרמשפּטן. אין זיין טאָג־בוך האָט ער דעמאָלט
איינגעשריבן :

„אַ קראַנקער, אויפגעשטאַנען 7 אין דער פרי, און געפאָרן זען
די עקזעקוציע. אַ דיקן ווייסן און געזונטן האַלז און ברוסט, ר׳האָט
אַ קוש געטאָן די עוואַנגעליע און דערנאָך — דער טויט, וואָס פאַרא
זינלאָזיקייט! אַ שטאַרקן און נישט אומזיסט געהאַטן איינדרוק...
די גילאָטינע האָט לאַנג נישט געלאָזט שלאָפן און געצווינגען זיך
אומצוקוקן".

אויף צומאָרגנס, איז אים געקומען דער געדאַנק צו פאַרלאָזן פּאַ־
ריז, און אין דעם זעלבן טאָג, דעם 8 אַפּריל 1857 איז ער אָפּגעפאָרן
אין דער שווייץ.

מיט פיל יאָרן שפּעטער האָט טאָלסטוי געשריבן אין זיין „ודוי" :

„ווען כ׳האָב דערזען ווי דער קאָפּ האָט זיך אָפּגעטיילט פון קער־
פּער, און איינס און דאָס צווייטע האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין קאַסטן,
האָב איך פאַרשטאַנען — נישט מיטן שכל, נאָר מיט מיין גאַנץ
וועזן, אַז קיין שום טעאָריע וועגן שכלדיקייט אין פּראָגרעס קענען
נישט באַרעכטיקן דעם דאָזיקן שריט".

דאָס הויז אויף דער רי דע ריוואָלי נומער 206 שטייט אומגערירט
פון דער צייט.

מיר גייען צוריק אין דער סענט אָנאָרע־גאַס און פאַרהאַלטן זיך
גלייך אָפּ ביים פּלאַץ וואַנדאָם :

וואָס פאַרא פּראַכט !

גרויס, אָפיציעל, אין אַ שטרענגן סטיל, געצייכנט דורך דעם
אַרכיטעקט מאַנסאַרד, איז ער איינער פון די שענסטע פּאַריזער פּלע־
צער. זיין הויכער בראָנזענער טורם דאָמינירט איבער דער געגנט
און ציט צו אַלעמענס בליקן.

וואָס פאַרא פאַרגאַנגענהייט דער וואַנדאָם־פּלאַץ פאַרמאָגט ! ער
ווערט אויסגעבויט אויפן באַפעל פון לודוויק דעם פערצנטן. אין

דער מיט פון פלאץ האט מען אוועקגעשטעלט א גרויסע רייטער־סטאטוע פונ'ם קעניג. די רעוואלוציע פון 1789 ווארפט די סטאטוע אראפ.

דער פלאץ זעט מערערע רעוואלוציאנערע מאניפעסטאציעס און צוזאמענשטויסן צווישן די פאריזער און מיליטער, נישט איינמאל בעת דער רעוואלוציע פארגיסט זיך אויף זיין ערד דאס בלוט פון פאריזער פאלק.

אין יאר 1806 אונטער נאפאלעאנען, טרעט מען צו אויפשטעלן דעם היינטיקן בראנזענעם טורם, אלס א דענקמאל פאר זיין העלדיש מיליטער: דער טורם ווערט טאקע געמאכט פון טויזנט צווייהונדערט רוסיש־עסטרייכישע הארמאטן וואס נאפאלעאנס מיליטער האט פארכאפט ביים שונא. אין יאר 1810 ווערט דער טורם פארענדיקט ווי א געטרייע קאפיע פון דעם רוימישן טראיאן־זייל.

גאנץ אין דער הייך ווערט אוועקגעשטעלט א דענקמאל נאפאלעאנען וואס שטייט אבער נישט לאנג. נאכ'ן צוריק קומען פון די בורבאנען ווערט די נאפאלעאן־פיגור אראפגענומען און אויף דעם ארט פלאטערט די ווייסע קעניגלעכע פאן, ערשט מיטן קומען פון לואי פיליפן צו דער מאכט, ווערט נאפאלעאנס סטאטוע צוריק ארויפגעשטעלט.

אין יאר 1871 צעשטערן די קאמונארן דעם דענקמאל וואס גלארי־פיצירט מלחמה, אין 1874 ווערט דער אומגעווארפענער דענקמאל צוריק אויפגעשטעלט.

דארט אויף דעם וואנדאם־פלאץ נ. 5 האט בעת דער גרויסער רעוואלוציע געוווינט דער בארימטער זשיראנדיסט ווערניא. אין זיין וווינונג זיינען אומאויפהערלעך פארגעקומען געמיינזאמע בארא־טונגען פון זיינע פארטיי־חברים מכוח זייער טאקטיק אין קאנווענט. נומער 12 אויף דעם זעלבן פלאץ האט געוווינט און אויסגעגאנגען אין נויט, פון זיין לונגען־קראנקייט דער גרויסער מוזיקער שאפען.*)

רייך, זער רייך איז די געשיכטע פון פלאץ וואנדאם, וואס איז פארבליבן אומבארירט דורך דער צייט. געפינענדיק זיך דא זעען מיר אים אזוי ווי מיט דריי הונדערט יאר צוריק, נאר אנשטאט לודוויק דעם פערצנטנס דענקמאל האבן מיר דעם דענקמאל פון נאפאלעאנען און זיין ארמעי.

*) זע דאס קאפיטל „פער לא שעז" (ערשטער באנד).

ווידער שפאַנען מיר איבער דער סענט אָנאָרעי־גאַס, מיר גייען פאַרביי פאַרן הויז נומער 374, וווּ אין 18 י. ה. האָט געוווינט און געהאַט איר סאַלאָן אַ גייסטרייכע פרוי, די מאַדאַם זשאָפראַן, ביי וועמען ס'פלעגן זיך צונויפקומען די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייטן פון דערפאַר רעוואָלוציע עפּאָכע. מיר וואַרפן אַ בליק אויף דער אויפשריפט וואָס הענגט אויף דער מויער און דערמאַנט אונדז אין דעם „קעניגרייך פון דער רי סענט אָנאָרעי" ווי מען פלעגט רופן דעם סאַלאָן פון דער מאַדאַם זשאַפראַן, און אָפּגייענדיק נאָך אייניקע טריט שטעלן מיר זיך אָפּ פאַרן הויז נ. 398.

מיר געפינען זיך פאַר אַ גרויסער פירשטאָקיקער געביידע וואָס מאַכט אַ גאַנץ מאָדערנעם איינדרוק. אַ ווייסע מויער וואָס גלאַנצן מיט פרישקייט פון נישט לאַנג דורכגעפירטע רעסטאַווראַציע. מיר גייען דורך דאָס טויער און קומען אַריין אין אַ גאַנץ קליינעם הויף.

וואָס פאַרא קאָנטראַסט!

דאַ דערזען מיר גלייך די אַלטקייט פון דער מויער וואָס האָט מיט איר אויסגעפוצטן פאַסאַד געשאַפן ביי אונדז דעם איינדרוק פון נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

הויכע געלע ווענט קוקן אויף אונדז פון אַלע ווינקלען. די אַלטקייט איז דאָ אַ גאַנץ חשובע אין די געשיכטע פון דעם הויז געהערט צו די גאָר פינצטערסטע וועגן וועלכע מיר ווייסן:

בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען דער טעראָר האָט אין יאָר 1794 אַנגענומען די שווערסטע פאָרמען און די גילאָטינע האָט אָפּגעהאַקט טאָג טעגלעך צענדליקע מענטשלעכע קעפּ, האָט דאָ אין דעם הויז געוווינט דער אַנפירער פון די העקאַטאמבן, דער פאַנאַטיקער ראָבעספיער.

דעם 23 מאַי 1794, איז אין אָוונט אין דעם הויף אַריינגעקומען די צוואַנציק־יעריקע סעסיל רענאָ און געבעטן מען זאָל איר אַריינלאָזן צו ראָבעספיערן, מען האָט איר ביטע אָפּגעזאָגט, דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, און איז פאַר דער חוצפה אַרעסטירט געוואָרן.

אויף דעם וועג אין אַרעסט־הויז האָט דאָס מיידל אַרויסגעזאָגט:

— צום קעניג האָט מען דאָך שוין לייכטער געקענט אָנקומען!

— הייסט עס אַז איך געפעלט אַ קעניג? — און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַנ'ענין:

פּאַריז האָט זיך גלייך דערוווּסט אַז אַ מיידל סעסיל רענאַ האָט

געוואָלט דער'הרג'ענען ראָבעספּיערן, ס'איז געוואָרן אַ ליאַרם אין די צייטונגען, מיט שטורמישע רעדעס און פּראָטעסטן אין קאָנווענט, און אויף די קלוב־זיצונגען, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן „אויספּאַרשונג"; 53 פּערזאָן, מענטשן וואָס האָבן זיך נישט געקענט און פֿון זיך נישט געוווּסט, זיינען אַרעסטירט געוואָרן, און צונויפגעבונדן אין איין גרויסן פּראָצעס וועגן אַ פאַרשווערונג אויף ראָבעספּיערן, און אַלע 54, רערונטער אויך אַ ריי קרובים און די עלטערן פון דעם מיידל, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און גילאָטינירט.

ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז דער פּראָצעס פון די „54" האָט געדויערט 5 שטונדן אינגאַנצן (לויט אַנדערע עדות, נאָר דריי שטונדן) וואָס מאַכט נישט אויס קיין גאַנצע זעקס מינוט אויף אַ באַשולדיקטן, מוז מען ביים לייענען וועגן דעם פּראָצעס טראַכטן:

— ניין, ס'איז נישט קיין יוסטיץ, נאָר זינלאָזער, שווידערלעכער מאָרד!

נישט אומזיסט האָט די פּאַריזער באַפעלקערונג אין טאָג פון ראָבעספּיערס טויט געיובלט!

דאָס הויז איז ווירקלעך אַ שרעקלעכער מאָנומענט פון אַ גרויזאַם געשעעניש.

מיר פאַרלאָזן דעם קליינעם הויף, קומען צוריק אַרויס אויף דער גאַס, וואַרפן ווידעראַמאָל אַ בליק אויף דער ווייסער מויער.

ס'וואָלט זיך וועלן נישט גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ געשעעניש.

מיר האָבן געענדיקט דעם שפּאַציר, מיר געפינען זיך שוין איצט אויף דער רי רואַיאַל; אַ געוואַלדיקע באַוועגונג קאָכט דאָ, אַ גרויסער שפּאַציר, אויטאָס לויפן איבער דער ברייטער גאַס וואָס איז פיל מיט רייכע געשעפטן און קאַפעס, רעכטס עפנט זיך אויף דער פּרעכטיקער אויסזיכט אויף דער מאַדלען־קירכע, מיט אירע רוימישע קאָלאָנעס, און פון לינקס כישופט דער פּלאַץ קאָנקאָרד מיט זיינע פאָנטאַנען וואָס שפּריצן מיט טויזנטער בריליאַנטענע וואַסערטראָפּנס און לאָקט אַהין.

קאפיטל 3.

# דאָס בית-עולם אויפֿן מאָנפּאַרנאַס

נישט ווייט פֿון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, איייניקע הונדערט מעטער אָפּגעטיילט פֿון זיינע באַרימטע קאַפֿעס וווּ עס איז אַן׳אומאויפֿהערלעכער טומל און באַוועגונג, ליגט דאָס בית עולם, פֿאַרזינקען אין טיפֿן רו און שווייגן.

די רו פֿון נישט זיין, דאָס שווייגן פֿון טויט!

אייניקע בית עלמינס פֿאַרמאָגט פּאַריז, רייך מיט באַרימטע קברים. דאָס מאָנפּאַרנאַסער בית עולם איז נישט פֿון די רייכסטע; דאָך פֿאַרמאָגט עס אין זיך דאָס אַש פֿון גרויסן היסטאָרישן ווערט; קברים וואָס דערציילן וועגן גיגאַנטישע אַרבעט, חלומות און ענטוישונגען, ליידן און קאַמף, מענטשן-דראַמע און מענטשהייט-טראַגעדיע.

— — — — — — — — — — —

גלייך אין דער הויפּט אַלעי געפֿינען מיר אויף אַ מצבה פֿון אַ געוועלבטן גרויסן אַלטן שטיין, וואָס ציט אַפֿילו נישט צו די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די דורכגייער, אַן׳אויפֿשריפֿט וואָס דערציילט אַז דאָס איז דאָס קבר פֿון אַנרי (הענריך) מאַרטאַן, איינער פֿון די באַדייטנדיקסטע פֿראַנצויזישע היסטאָריקער. זיינע „געשיכטע פֿון פֿראַנקרייך" איז געווען דאָס ווערק פֿון זיין גאַנץ לעבן. זיין מצבה, אַזאַ באַשיידענע, שווייגט וועגן דעם מיט דעם ערנסט פֿון זיין גרויס ווערק, וועגן דער געשיכטע פֿון אַ גרויס פֿאָלק.

אין דער זעלבער אַלעי געפֿינען מיר נאָך אַזאַ באַשיידן קבר, ווו מען האָט אַלס מצבה אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן צלם.

דאָס איז דאָס קבר פֿונ׳ם גלח גרעגואַר.

וואָס פאַרא פּערזענלעכקייט!

דער גלח גרעגואר האָט געלעבט בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אנטוויקלט א ווונדערלעכע טעטיקייט, אויב מיר שעצן דעם אנדענק פון דער רעוואָלוציע איז עס אין דער ערשטער ריי, צוליב אירע אויפריכטיקע קעמפער פאר מענטשן־רעכט, ברי־דערלעכקייט און פרייהייט.

אין די רייען פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט איז טאַקע געשטאַנען דער גלח גרעגואר, וואָס האָט זיך אנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציע פון אירע ערשטע טעג אן, און כאָטש מיר הערן שטענדיק, איבעראַל און ביי יעדער געלעגנהייט די נעמען פון א מאַראַט, מיראַבאָ, דאַנטאָן א. א. זיינען אָבער די דערהויבנסטע פּערזענלעכקייטן פון דער רעוואָלוציע נישט פאַרבונדן מיט די נאָר וואָס אויסגערעכנטע, נאָר מיטן נאָמען פון דעם באַשיידענעם מענטשלעכסטן טוער פון יענער צייט, ווי ס'איז געווען גרעגואר.

איינער פון די געבילדעטסטע און קולטורעלסטע מענער פון 1789, אַליין אויך איינער פון די גרינדער פון ברעטאַנישן קלוב (די יאַקאָ־בינער), האָט ער נישט אנטייל גענומען אין דעם געיעג נאָך מאַכט, נאָך הערשאַפט, אין קעגנזייטיקע אינטריגעס, און פאַרניכטונג. ער איז אינגאַנצן געווען אָפּגעגעבן דאָס רעאַליזירן די אידעאַלן פון דער רעוואָלוציע, אָפּצושאַפן די טיראַניע און העלפן טריאומפירן די אידעען פון גלייכהייט און גערעכטיקייט, פון קעגנזייטיקער אידעאי־שער טאָלעראַנץ, די גלייכקייט פון בירגער, דאָס אָפּשאַפן שקלאַפע־ריי (וואָס האָט נאָך אנגעהאַלטן אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס) און געווען אויך איינער פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע קעמפער פאר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן וואָס האָבן טאַקע א דאַנק דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע צום ערשטן מאָל באַקומען גלייכע בירגער רעכט.

אויסערגעוועינלעך גרויס איז געווען די צאָל מענטשן וואָס האָבן געזוכט אויסצונוצן די רעוואָלוציע פאר זייער אייגענע עגאָאיסטישע אינטערעסן און אַמביציעס, שמייכלענדיק און חנפנדיק זיך צו יעדן מאַכט־האָבער, זער גרויס איז געווען די צאָל פון פּרינציפּלאָזע מענטשן וואָס האָבן געטוישט זייערע מיינונגען לויט דעם פּאָליטישן באַראָמעטער פון טאָג.

אין יאָר 1815, נאָכן ענטגילטיקן אראָפּוואַרפן נאַפּאָלעאָנען און

די ווידער־אויפשטעלונג פון די בורבאָנען־הערשאַפט, שרייבט גרעגואַר צו זיינס אַ פריינט:

„נידעריקע און געמיינע לייט וועלכע האָבן זיך געשלייכט ביי די פיס פון ראָבעספיערן, מאַראַטן און באָנאַפּאַרטן, האָבן זיך איבערגעביטן און אנגעטאָן נייע ליבעריעס. צופּאַסנדיק זיך צו יעדער פּאַרטיי, קען מען ביי אַלע געלעגנהייטן אַרויסשווימען אויף דער אויבערפלאַך; נאָר אַ מענטש וואָס שעצט זיך, זיפצט אָפּ ביים זען אַזאַ בילד און פאַרטיפט זיך אין זיך אַליין“.

דער גלח גרעגואַר האָט אָפּגעלעבט אַנ׳ערלעך לעבן וואָס איז שטענדיק געווען געווידמעט דאָס אָפּשאַפן אומגערעכטיקייטן, און געהאָלפן בויען אַ לעבן פון גלייכקייט און יושר. זיין נאָמען ווי איינער פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, בלייבט אויף אייביק אין זכרון פון דער מענטשהייט.

נישט ווייט פון דאַן, אין דער זעקסטער אָפּטיילונג, געפינען מיר נאָך אַ באַשיידן קבר, וואָס צייכנט זיך אויסערלעך מיט גאָרנישט אויס. ציט נישט צו קיינעמס אויפמערקזאַמקייט, און טראָץ דעם וואָס מיר לייענען אויף דער מצבה דעם נאָמען פון עפּעס אַ גענעראַל אָפּיק מיט זיין פרוי, איז עס אָבער אויך דאָס קבר פון שאַרל באָדלער.

אַ קבר וואָס דערמאָנט וועגן זיין דיכטערישער גרויסקייט און מענטשלעכער הילפלאָזיקייט. נישט געקוקט אויף די אַכציק יאָר וואָס זיינען שוין פאַרביי נאָך זיין טויט, גלאַנצט זיין טאַלאַנט מיט נאָך מער העלקייט. דאָס טראַגישע לעבן פון דעם אומרואיקן גייסט הערט נישט אויף צו באַשעפטיקן די ליבהאָבער פון זיין גרויסער טיף מענטשלעכער דיכטונג. באָדלער מאַכט דורך אַ גרויסע נויט, און ווערט געפייניקט פון אַ שווערע קראַנקייט וואָס נעמט ביי אים לסוף אָפּ דעם פאַרשטאַנד.

מיר פאַרלאָזן דאָס קבר פון דיכטער, און גייענדיק מיט לאַנגזאַמע טריט, לייענען מיר די נעמען אויף די מצבות וועלכע מיר גייען פאַרביי, און טראַכטן וועגן די מענטשן וועמענס אַש עס ליגט אונטער זיי באַהאַלטן; מענטשן וואָס האָבן אַמאָל געלעבט, געווען טעטיק, געחלומט, זיך געפרייד, געליטן, געקעמפט, יעדעס קבר האָט זיין געשיכטע, די געשיכטע פון אַ מענטשלעך לעבן...

מיר פאַרקירעווען אין דער אַלעי פון „די פיר סערזשאַנטן“ און שטעלן זיך אָפּ ביים קבר פון דענים דעסיב. אַ ביוסט פון אַ נאָך יונגן מענטשן באַפּוצט דאָס באַשיידענע קבר, וואָס דערציילט וועגן

א גרויסער טראַגעדיע וואָס פראַנקרייך האָט דורכגעמאַכט, און וואָס האָט דעם לאַנד געקאָסט טויזנטער און טויזנטער לעבנס.

אונדזערע געדאַנקען טראָגן זיך אַריבער צום יאָר 1848 ווען פראַנקרייך איז צום צווייטן מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רע־פּובליק, און אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט שווימט אַרום די פיגור פון לואי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, אַ גאַנץ פּלאַכער מענטש מיט הערשעריש אַמביציעס. דער וועמען וויקטאָר הוגאָ האָט געקרוינט מיטן נאָמען, נאַפּאָלעאָן „דער קליינער“, אַ פּוסטער פּראַזאָלאָג, האָט דער פּרינץ עקספּלואַטירט די מיסטיק וואָס האָט זיך גע־שאַפן אַרום דעם נאָמען פון זיין באַרימטן פעטער, אַ מיסטיק וואָס האָט זיך געשטאַרקט אַ דאַנק דאָס באַזינגען ווערן פון פיל גרויסע דיכטער: ווי הענריך היינע מיט זיינע באַרימטע „צוויי גרענאַ־דירן“ און וויקטאָר הוגאָ, וועלכער האָט צוגעהאָלפן די נאַפּאָלעאָן־לעגענדע שרייבנדיק אין 1840, ביים ברענגען נאַפּאָלעאָנס אַש קיין פראַנקרייך אַזעלכע פערזן:

Sire, vous reviendrez dans votre capitale
Sans tocsin, sans combat, sans lutte et sans fureur.
Traîné par huit chevaux sans l'arche triomphale
En habit d'Empereur !
Par cette même porte ou Dieu vous accompagne,
Sire, vous reviendrez sur un sublime char.
Glorieux, couronné. Saint comme Charlemagne
Et grand comme César. *)

פערזן וואָס האָבן עקזאַלטירט און געכישופט, און בעת מען טרעט צו קלויבן דעם פּרעזידענט, גייט דער פּרינץ לואי נאַפּאָלעאָן באָ־

*) מלך, איר וועט זיך אומקערן אין אייער הויפּטשטאָט,
אָן טומל, אָן שלאַכט, אָן קאַמף און אָן פאַרביטערונג.
געפירט דורך אַכט פערד, אונטער דער טריאומף־טויער,
אין בגדים פון אַ קייזער!
דורך דעם זעלבן טויער, באַגלייט פון גאָט,
וועט אייך ברענגען דער וואונדערלעכער צוג,
באַרימט, געזאַלבט, הייליק ווי שאַרלעמאַן,
און גרויס, ווי צעזאַר!

(פרייע איבערזעצונג, יח. ק.)

נאַפּאָרט אַרויס אַלס זיגער. ער שלאָגט זיינע דריי קאָנקורענטן, דעם דיקטאַטאָר לאַמאַרטין, דעם פּאָליטיקער לעדרו ראָלאַן, דעם גענעראַל קאַווענייאַק, און ווערט מיט אַ ריזיקער מערהייט שטימען אויסגעקליבן אַלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליק.

די קאָנסטיטוציע פון 1848 דערלויבט אָבער ניט דעם פּרעזידענט אויסגעוועלט צו ווערן אַ צווייט מאָל, און לואי נאַפּאָלעאָן קען נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון דאַרפן נאָכן ענדיקן זיך פון טערמין, פאַרלאָזן זיין פּרעזידענט־שטול. אַ גאַנצע ריי קאָנפליקטן ווייזן אים אָן, אַז זיין פּאָזיציע צווישן די פּאָליטיקער איז אַן אָפּגעשוואַכטע, און דערצו איז זיין אַמביציע נישט באַפרידיקט מיטן פּרעזידענטן־אַמט; ער זוכט צו ווערן קייזער פון פראַנקרייך, און ער גרייט אין דער שטיל אַ פאַרשווערונג קעגן דער רעפּובליק, וואָס ער פירט דורך דעם 2 דעצעמבער 1851, מיט דער הילף פון אַ פּאָר אַוואַנטוריסטן וואָס זוכן אויסצונוצן די פאַרשווערונג לטובת זייערע עגאָאיסטישע אינטערעסן און אַמביציעס.

26 טויזנט מאַן ווערן אַרעסטירט, צענדליק טויזנטער ווערן געשטעלט פאַר קריגס־געריכטן, אַריבער 15 טויזנט ווערן פאַראורטיילט פאַרשיקט צו ווערן אין גוויאַנע און אַלזשיר. לואי באָנאַפּאַרט „פירט דורך" נייע וואַלן וואָס געבן אים „געזעצלעך" די מאַכט אויף נאָך צען יאָר. אַ קורצע פּאָר חדשים הערשט ער אַלס דיקטאַטאָר, און געטריבן דורך זיינע אַמביציעס, שאַפט ער ענטגילטיק אָפּ די רעפּובליקאַנישע פאָרם און פּראָקלאַמירט זיך אַלס קייזער אונטערן נאָמען נאַפּאָלעאָן דער דריטער.*)

די פאַרשווערונג האָט נישט געקענט אַזוי פּשוט אַדורכגיין; נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט באַצייטנס אַרעסטירט די באַדייטנדיקסטע רעפּובליקאַנישע טוער, אום זיך צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג, ברעכן אויס אויף די פּאַריזער גאַסן קליינע אויפשטאַנדן

---

*) אַלס נאַפּאָלעאָן דער צווייטער, ווערט באַטראַכט דער זון פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן און מאַריע־לואיזע פון עסטרייך. דער זון איז באַרימט אַלס דאָס „אַדלערל". זינט 1814 האָט ער געטראָגן דעם טיטל, פירשט פון רייכשטאַט. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1832 אין שענברון, און איז אין יאָר 1941 געבּרענגט געוואָרן דורך די נאַציס קיין פּאַריז, און אַוועקגעלייגט געוואָרן ביים קבר פון זיין פאָטער.

אנגעפירט דורך וויקטאָר הוגאָ, באָדאַן, זשול פּאַוור א. א. איבער די גאַסן באַוויזן זיך באַריקאַדן.

גרייטנדיק די פאַרשווערונג האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער געזאָגט זיינע צוהעלפער:

— כ׳וויל נישט קיין בלוט־פאַרגיסונג! די הויפּט־זאַך ס׳זאָלן נישט זיין קיין דערהרגעטע...

זיינע צוהעלפער שאַקלען מיט די קעפּ, זיי וועלן זען... זיי וועלן זיך באַמיען...

די קליינע אויפשטאַנדס־פּרובן וואָס די פּאַריזער רעפּובליקאַנער האָבן אָנגעהויבן, ווערן בלוטיק אונטערדריקט, און דעמאָלט, ווען דאָס מיליטער שטורעמט די באַריקאַדע וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער רי פּטי קאַרא, און נעמט געפאַנגען דעם רעפּובליקאַנישן קעמפער דענים דעסיב, וואָס האָלט פאַרן מיליטער א טיף־מענטשלעכע רעדע וועגן שלום, איז אַנשטאָט אים צו „משפט׳ן“, ווערט ער גלייך אויף דעם אָרט מערדעריש דערשאָסן.

שפּעטער האָט דאָס באַשריבן וויקטאָר הוגאָ אין זיין בוך „די געשיכטע פון א פאַרברעכן“.

די רעפּובליקאַנער זאַמלען געלט און שטעלן אים דעם מאָנומענט וואָס דערציילט וועגן דער טראַגעדיע וואָס דאָס לאַנד האָט איבערגעלעבט און וואָס האָט זיך געענדיקט ערשט אין יאָר 1871 מיט דער דייטש־פראַנצויזישער קריג, און מיט די גרויזאַמע טעג פון אונטערדריקן די פּאַריזער קאָמונאַרן.

אַפּגעריקט אייניקע טריט פון דעם אָרט, שטעלן מיר זיך גלייך אָפּ ביים קבר פון די באַרימטע „פיר סערזשאַנטן פון לאַראָשעל“, א באַשיידענע סימבאָליש איבערגעבראָכענע קאָלאָנע וואָס דערציילט וועגן פּריציייטיקן טויט פון פיר יונגע קעמפער, אומגעקומענע פאַר זייער אידעאַל.

און ווידער געפינען מיר זיך פאַר א קבר וואָס דערציילט וועגן די ליידן און קאַמפן וואָס דאָס פראַנצויזישע ־פאָלק האָט דורכגעטראָגן אין פאַרגאַנגענעם י. ה. אין קאַמף פאַר דער רעפּובליק.

לודוויק דער אַכטצנטער וואָס איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויפן פראַנצויזישן טראָן מיט דער הילף פון די רוסיש־ענגלישע און עסטרייך־דייטשע באַגנעטן, האָט טעראָריזירט דאָס פאָלק, און נקמה גענומען פאַר דער דורכגעפירטער רעוואָלוציע, און באַהאַלטענע רעפּובליקאַנישע סימפּאַטיעס. דער ווייסער טעראָר וואָס האָט גע־

הערשט אין לאנד האט געשטארקט די פיינטשאפט צו די בורבאנען, און איינע פון די דעמאלט מעכטיקסטע אומלעגאלע רעפובליקאנישע ארגאניזאציעס, די „קארבאָנארן“ ווי זיי האבן זיך גערופן, האט געגרייט אַן אויפשטאַנד און שוין אפילו געהאט באשטימט דעם טאָג פון זיין אויסברוך. די דאטע ווערט דערנאָך איבערגעביטן, נאָר פיר סערזשאַנטן - קארבאָנאַרן, יונגע קעמפער, האָבן הורך א צופאל נישט געוווסט וועגן דער געענדערטער דאטע, און נישט ווייט פון לאראשעל אנגעהויבן דעם אויפשטאַנד מיט נאָך 150 זעלנער; פארשטענדלעך אז זייענדיק איזאלירט, אָן שטיצע פון אנדערע ערטער, ווערן זיי גיך ארעסטירט, געברענגט קיין פאריז, און פארמשפט צום טויט, דערשיסט מען זיי אין יאָר 1823.

דער עלטסטער פון זיי איז אלט געווען 27 יאָר.

זייערע קערפערס ווערן אוועקגעלייגט אויף דעם בית-עולם פון מאנפארנאס אָן א מצבה, און אָן אויפשריפט, כדי די פאריזער, זאלן נישט אויסנוצן דאס קבר פאר רעפובליקאנישע מאַניפעסטאַציעס, ערשט אין זיבן יאר ארום, ווען די רעוואלוציע אין יאר 1830 מאַכט ענדלעך אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די בורבאָנען, ווערט אוועקגעשטעלט דער דענקמאל, און יאר איין, יאר אוים ברענגט דאס פאריזער פאלק בלומען אויף דעם קבר פון די פיר יונגע מארטירער.

מיר פארלאזן דאס ארט, גייען פארביי דאס קבר פון אוויאטאר פעגו, דעם דערפינדער פון די „טויטע-שלייפן“ מיט וואס די עראפלאנען בארוישן היינט דעם צושויער. פעגו האט געהערט צו די בעסטע פראַנצויזישע פליער, און יונג אומגעקומען אין יאָר 1915, אין א לופט - קאמף ביי בעלפאר. מיר גייען אפ א קליין שטיקל וועג און שטעלן זיך אפ ביים קבר פון בארימטן מאלער, באַראָן זשעראַר.

זייענדיק אליין א שילער פון גרויסן דאוויד,- האט ער דורכגעמאכט א קאריערע, פון א לינקן יאקאָבינער ביז צו א עקסטרעמען מאָנאַרכיסט; בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז זשעראַר, אלט זייענדיק דרייאונצוואנציק יאר, א קורצע צייט א ריכטער אין רעוואלוציאנערן טריבונאל, און טראגט ארוים טויט-אורטיילן, יעדן וועמען מען איז חושד אין סימפאטיע צו די בורבאנען... דערנאָך ווערט דער יונגער ריכטער אַ טרייער דינער פון נאַפּאָלעאָנען, וועלכער שענקט אים טאקע דעם טיטול באַראָן, דאס שטערט פונ-

דעסטווּעגן נישט דעם מאָלער צו ווערן שפּעטער דער באַליבטסטער פּאָרטרעטיסט פון אַ בורבאָן, פון לודוויק דעם אַכטצנטן, וועלכער האָט זשעראָרן „פּאַר איינעם פון די קלוגסטע מענטשן“ פון זיין צייט.

זשעראַר איז נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט אין יענער צייט זיך צוגעפּאַסט צו אַלע רעזשימען און געזוכט ס'זאָל אים זיין באַקוועם; דער פריער ציטירטער בריוו פון גלח גרעגואַר רעדט גענוג וועגן די לייט...

האַרט ביים קבר פון זשעראַר, געפינען מיר אויך דאָס קבר פון גרויסן סקולפּטאָר רידּ, באַפּוצט מיט דעם ביוסט פון קינסטלער, אַ זקן. דאָס געזיכט פון ריד'ן קוקט אַוועק רעכטס, ווי ער וואָלט בכיון נישט געוואָלט זען זשעראַר'ס קבר, ווייל אַ חוץ קינסטלער, איז ריד געווען אַן אויפריכטיקער רעפּובליקאַנער, ער האָט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צום גורל פון לאַנד, און בעת לודוויק דער אַכטצנטער נעמט אַריין פראַנקרייך אין זיינע לאַפּעס, פאַרלאָזט ער דאָס לאַנד און פאָרט אַפּ קיין בעלגיע ווו ער ריכט אַפּ גלות צוזאַמען מיטן גרויסן דאַוויד, און קומט צוריק ערשט אין יאָר 1827. דאָס גרעסטע ווערק וואָס ריד האָט באַשאַפן איז טאַקע געווען די פּרעכטיקע גרופּע „די מאַרסעליעזע“, וואָס באַפּוצט דאָס טריאומף־טויער פון שטערן־פּלאַץ, אַ ווערק וואָס עטעמט מיט אַ געוואַלדיקן כוח, און וואָס האָט דעם קינסטלער אומשטערבלעך געמאַכט.

צוויי קברים פון קינסטלער, נאָר ווי פאַרשידן זייער לעבנס־וועג!

מיר פאַרלאָזן דאָס קבר און שטעלן זיך גלייך אַפּ ביים קבר פון שאָוואָ לאַגאַרד.

אויף דער אַלטער, פּשוטער און דורך דער צייט שטאַרק אָפּגענוצטער מצבה, לייענען מיר אַן אויפשריפט וואָס דערציילט די פאַרבייגייער אַז שאָוואָ לאַגאַרד, אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט געלעבט בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע „איז געווען דער פאַרטיידיקער פון דער קעניגין מאַריע אַנטואַנעטע, פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל“ *).

ניין, נישט אַזוי איז עס געווען!

ער האָט טאַקע פאַרטיידיקט די קעניגין, נאָר נישט איר אַליין,

---

*) לייען דאָס קאַפּ. „דער יוסטיץ פּאַלאַץ“, ערשטער באַנד.

מענטשן האט ער פארטיידיקט און געזוכט אפצוראטעווען פון די טויט־אורטיילן וואס דער רעוו. טריבונאל פרעגט אמאל מיט רעכט און אמאל אומגערעכט ארויסטראגן.

שאָווע לאגארד האָט פאַרטיידיקט די אינטריגאנטישע מאריע אנטואנעטע, ער האט פארטיידיקט די מערדערן פון מאראט, שארלאטע קארדע, ער האט אבער אויך פארטיידיקט די מאדאם ראָלאן, דאנטאָנען, ביי וועמען מען האט אפגענומען די רעכט זיך אליין צו פארטיידיקן, מורא האבנדיק אז זיין מעכטיקע רעדנער־קראפט זאל אמאל נישט ארויסרופן אן אויפשטאנד פון די פאריזער מאסן וואָס האָבן אים ליב געהאַט, און האָבן געזען אין דאנטאָנס פראצעס א פארברעכן קעגן דער רעוואלוציע. שאָווע לאגארד האט פאַרטיידיקט שאָמעטן, דעם געוועזענעם פארזיצענדן פון רעוו. טריבונאל, עבערט׳ן און נאך פיל פיל אנדערע, דאס קבר פון דעם מענטשן רעדט צו אונדז מיט פייערדיקן פראטעסט קעגן דער אנטיסטיטוציע וואס האט געהייסן „רעוואלוציאנערער טריבונאל" וועמענס ענטשטייאונג און עקזיסטענץ איז געווען אן אומגליק פאר דער רעוואלוציע גופא.

בעת מען האט פארגעשלאגן דעם קאנווענט; דאס באשאפן דעם טריבונאל, האט דער פארשלאג געהאלטן ביים נישט אנגענומען ווערן, דאן האט זיך ארייגעמישט דאנטאן, און מיט זיין מעכטיקער שטים, באוויגן דעם קאנווענט אנצונעמען דעם פארשלאג, אין א יאר ארום האט דער זעלבער דאנטאן, אליין א פארמשפטער דורך דעם טריבונאל צום טויט, געזאגט אין דער טורמע:

— „כ׳בעט מחילה ביי גאט און ביי לייט, פאר מיין שולד" אין דער אנטשטייאונג פון דער שרעקלעכער אינסטיטוציע — דריי טעג דערנאך האט מען אים אפגעהאקט דעם קאפ.

דער זיג פון דער רעוואלוציע, וואס די ווייט איבערוועגנדיקע מערהייט פון פאלק האט געוואלט, האט אויפגעהויבן די מאסן צו גראנדיעזער שעפערישער טעטיקייט, צו א קאמף מיט דער גאנצער אלטער וועלט, צו א באוואפנטן קאמף מיט גאנץ אייראפע און קעגן די שונאים אין לאנד גופא, נאר ווי שווער ווערט אָפט מאל אויסצוגעפינען דעם ריכטיקן שונא!

דאס גאנצע פאלק האט געוואלט די אפשאפונג פון די פעאָדאַלע געזעצן, דאס איינפירן גלייכהייט פאר אלע בירגער, און דאס איז

געשען. נישט אלע זיינען אבער געווען איינ יק אין זייער אויפפאסן
די געשעעענישן און פלענער פאר דעם לאנד. א פאלק באשטייט פון
קלאסן און יחידים, שמאלער ענג־עגאאיסטישער אינטערעס האט
זיך צוזאמענגעשטויסן מיט נויט און הונגער פון ארעמע פאלקס־
מאסן, עגאאיסטישע אמביציע צו די אנגעקומענע מאכט־מעגלעכ-
קייטן האט זיך געקרייצט מיט אויפריכטיקן אידעאליזם אויסצובעי־
סערן די וועלט, פאנאטיקער פון אלע ריכטונגען האבן זיך געריסן
צו מאכט אום דורכצופירן זייער „אמת“, און בעת די רעוואלוציא־
נערע ארמעיען האבן ארויסגעוויזן אזוי פיל העלדישקייט אויף די
מלחמה ־ פראנטן, האבן פחדנים באלאבאטעוועט אין דער נאציא־
נאל ־ פארזאמלונג און דערנאך אין קאנווענט, צוזאמען מיט פרעכ־
טיקע פרובן איבערצובויען דאס לעבן־ איז אויך געקומען אומבא־
האלפנקייט און פאנאטיזם, ס'האט זיך צעפלאקערט אן אינערלע־
כער קאמף. רעוואלוציאנערן פון נעכטן זיינען דערקלערט געווארן
פאר שונאים פון היינט, און רעוואלוציאנערן פון היינט, אלס
שונאים אויף מארגן, די מלחמה, די קאנטער־רעוואלוציע, די אויסער־
לעבן און אינערלעכע געפארן, דאס אלץ צוזאמען האט באהערשט
די מוחות פון אלעמען און ס'איז מעגלעך געווארן די ענטשטייאונג
פון רעוו. טריבונאל וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א אינסטי-
טוציע וואס האט נישט פארטיידיקט די רעוואלציע נאר פאר־
וואנדלט בראנקרייך אין א „שעכט־הויז“ (ווי ס'האט זיך אויסגע־
דרוקט דער פראפעסאר אלאר), און לסוף פארמיאוסט די רעוואלו־
ציע ביי די מאסן און געהאלפן די קאנטער־רעוואלוציע טריאומ־
פירן.

נאר פון אנהויב, אין די ערשטע צייט פון זיין עקזיסטענץ, האט
מען אין רעוו. טריבונאל נאך אפגעהיט דאס געבן די באשולדיקטע,
מענטשלעכע מעגלעכקייטן זיך צו פארטיידיקן, אבער גיך האט מען
דאס אלץ אנגעהויבן צו „פאראיינפאכן“, אויף דעם פאן פון דעם
„שעכטהויז“ איז ארויסגעשווומען דער פאנאטיקער ראבעספיער
וועלכער האט אליין נישט געוווסט געגוי וואס ער וויל און זוכט.

אליין א געוועזענער קעגנער פון טויט־שטראף, דערפירט ער
שפעטער דאס לאנד צו די זינלאזסטע עקזעקוציעס אפשיקנדיק אויף
דער גילאטינע אפילו פאר אזעלכע פארברעכנס ווי „נישט גלויבן“
אין דעם ניי־איינגעשטעלטן קולט פון „העכסטן וועזן“, לסוף איז
געקומען דאס געזעץ פון 22 פרעריאל דער א. ג. „ראבעספיער

געזעץ" וואס האט ביי די באשולדיקטע אפגע־נומען די רעכט אויף צו האבן פארטיידי־קער און פארוואנדלט דעם טריבונאל אין א פאבריק פון מאסן־מארד.

בלויז אין פאריז האט מען די לעצטע 49 טעג פון ראבעספיערס הערשאפט אומגעברענגט 1376 מענטשן אויף דער גילאטינע.

אין ליאן האט מען אומגעברענגט ביז צוויי הונדערט מענטשן טעגלעך!

מענטשן זיינען משוגע געווארן פאר שרעק, מען האט מורא גע־האט ארויסצורעדן א ווארט, מען האט זיך געשראקן פאר א זיפץ, אום ער זאל חלילה נישט אויסגעטייטשט ווערן שלעכט...

איינער פון די קאנווענט-מיגלידער, וואס האט בעת א זיצונג דערפילט אויף זיך ראבעספיערס בליק, האט דערשראקן אויסגערופן צו זיין שכן:

« Il va supposer que je pense quelque chose » *)

איטלעכער האט זיך געגייגט פאר ראבעספיערן, אנגעטאן אויפן הארץ א מעדאליאן מיט זיין פארטרעט, אים געלויבט ביזן הימל.

די שרעק האט פאראליזירט.

ווער איז דעמאלט אין יענע טעג, נישט געווען קיין פארברעכער?

דאס „געזעץ וועגן פארדעכטיקע" וואס איז דאן ארויס, אויף וועמענס סמך מען האט ארעסטירט און אומגעברענגט, איז אט ווי אזוי געווארן אינטערפרעטירט דורך דער פאריזער קאמונע:

„אלס „פארדעכטיקטע" וועמען מען דארף אפשיקן צום רעוו. טריבונאל דארפן באטראכט ווערן:

„די וואס האבן מיט געמאכטן טרויער, פארשפרייט שלעכטע ידיעות".

„די וואס האבן גלייכגילטיק אויפגענומען די רעפובליקאנישע קאנ־סטיטוציע".

„די וואס טוענדיק גארנישט קעגן דער פרייהייט, האבן אויך גאר־נישט געטאן פאר".

„די וואס האבן געביטן זייער אויפירונג און רעדעס, אפהענגיק לויט די באדינגונגען".

---

*) ער קען מיך נאך חושד זיין אין עפעס צו טראכטן".

ווען האָט מען דעמאָלט, אויפֿן סמך פֿון אַזאַ אויסטייטשונג, נישט געקענט אָפּשיקן צו דער גילאָטינע?

אַפֿילו... ראָבעספּיערן אַליין, וואָס איז איין חודש פֿאַרן איינפֿירן די רעפּובליק, נאָך אַליין נישט געווען דעצידירט דערצו!

אויפֿן פּאַן פֿון די דאָזיקע געשעענישן לויכט העל די פּערזענלעכקייט פֿון שאָווע לאַגאַרד וואָס האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן פֿאַרטיידיקט איטלעכן מענטשן, אַלץ איינס ראָיאַליסט אָדער זשיראָנדיסט, יאַקאָבינער אָדער עבערטיסט. ער פּלעגט אַרויסטרעטן אומדערשראָקן און געזוכט אַרויסצורייסן די קרבנות ביי דער גילאָטינע. לסוף איז ער אויך אַרעסטירט געוואָרן, נאָר דאָס פֿאַלן פֿון ראָבעספּיערן האָט אָפּגעראַטעוועט זיין לעבן. זאָל אויך דאָ דערמאָנט ווערן אַז שאָווע לאַגאַרד איז געווען דער איינציקער פּאַריזער אַדוואָקאַט וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן נאַפּאָלעאָנס דערקלערן זיך אַלס קייזער, און געשטימט פֿאַר אַ רעפּובליק. בעת דעם ווייסן טעראָר פֿון די צוריקגעקומענע בורבאָנען, ווען די רעוואָלוציע איז שוין לאַנג געלעגן אַ צעטרעטענע, האָט ער, כאָטש שוין אַ טיף פֿאַרעלטערטער, ווייטער געקעמפֿט אין די געריכטן און פֿאַרטיידיקט די קרבנות פֿון די בורבאָנישע הענקערס.

און וואָס פֿאַראַ צייט דאָס קבר דערמאָנט!

גאַנץ פֿאַרוואָרפֿן, און כמעט ווי פֿאַרגעסן, ליגט דער באַרימטער פֿראַנצויזישער שרייבער גי דע מאָפּאַסאַן; דער דאָזיקער פּרעכטיקער שילדערער פֿון דער פּאַריזער פֿרוי איז מער באַקאַנט און באַליבט געווען אין דער פֿרעמד, און ווייניקער אין זיין אייגן היים־לאַנד. יונג נאָך פֿאַרלירט ער דעם זכרון און שטאַרבט אין אַ משוגעים־הויז זיין קבר איז פֿאַרלאָזט, זעלטן אַז עס קומט דאָ ווער. דער ברייטער עולם ווייס אַפֿילו נישט אַז זיין אַש געפֿינט זיך אויפֿן בית עולם.

נישט ווייט פֿון מאָפּאַסאַנען, ליגט דער גרויסער רוסישער קעמפֿער לאַווראָוו, איינער פֿון די באַדייטנדיקסטע רוסישע ראַדיקאַלע פּערזענלעכקייטן פֿון פֿאַרגאַנגענעם י. ה. ער איז געצוווּנגען צו עמיגרירן, לעבט און שטאַרבט אין פּאַריז.

מיד פֿון אונדזער שפּאַציר, לאָזן מיר זיך צום אַרויסגאַנג, נאָר ווערן כסדר אָפּגעהאַלטן דורך פֿרישע קברים וואָס רעדן צו אונדז מיט אַזוי פֿיל כוח; נישט ווייט פֿון לאַווראָוון געפֿינען מיר אַ גרויס קבר פֿון געפֿאַלענע קאָמונאַרן. אָט גייען מיר פֿאַרביי די קברים פֿון די מוזיקער צעזאַר פֿראַנק, שאַבריע און סען סאַנס, פֿאַר די קברים

פון די סקולפּטאָרן אודאָן און דאַלו, פאַר דעם קבר פון באַרימטן ראַדיקאַלן היסטאָריקער עדגאַר קינע, דעם באַרימטן קריטיקער סען בעוו, לסוף אויך פאַרן קבר פון נישט לאַנג צוריק געשטאָרבענעם ראָמאַניסט פּאָל בורזשע.

יאָ, דאָס בית עולם פון מאָנפּאַרנאַס איז נישט גרויס, אָבער פיל קברים וואָס דאָס בית עולם פאַרמאָגט, דערציילן וועגן מערקווירדיקע לעבנס, גרויסע פּערזענלעכקייטן, און געשעענישן וואָס וועלן אויך תמיד ציען צו זיך אונדזער אויפמערקזאַמקייט.

קאפיטל 4.

# ארום דעם טעמפל-סקווער

אין סאמע הארץ פון פאריז, הינטער דעם רעפובליק־פלאץ, געפינט זיך דער קליינער טעמפל־סקווער, וואס איז צווישן דער גרויסער צאל פאריזער גערטנדלעך אפשר דער שענסטער, צוליב זיינע פרעכטיקע בראנז־סקולפטורן, *) צוליב זיין שיינעם מאנומענט וואס מען האט דא אוועקגעשטעלט דעם דיכטער בעראנזשע, *) אויף וועמענס אקסלען ס'רוען תמיד די גארטן־פייגל, צוליב דעם שיינעם וואסערל וואס דער גארטן פארמאגט, און זיינע סקאלעס אהערגעברענגטע פון פאנטענבלא.

דער סקווער ליגט אין א קאכנדיקער פאריזער געגנט; אומאויפהערלעך לויפן דא אויטאמאבילן וואס שניידן זיך אין פארשידענע ריכטונגען פון דער שטאט, און פילן אן די גאסן פון קווארטאל מיט א הילכיקן טומל וואס שטילט זיך ערשט אין די אונטער־שעהען.

דעמאלט ווערט דאס גערטנדל איבערפילט פון די ארומיקע איינוווינער וואס באזעצן אלע בענק און שטולן וואס דער סקווער פארמאגט, אום איינצוזאטעמען א ביסל פרישערע לופט, און אין באשטימטע זומערדיקע אוונטן הערן זיי אויך א שטאטישן סימפאנישן ארקעסטער וואס גיט דא זיינע קאנצערטן.

נאר ווייניק, זער ווייניק פון די שטענדיקע באזוכער פון דעם גערטנדל, ווייסן די פארגאנגנהייט פון דעם ארט וווּ זיי רוען זיך אפ פון זייער טאג־מידקייט, ווייניק ווייסן וואס פארא פארגאנגנהייט די ערד דא פארמאגט, און וועלכע גרייכט צוריק אין ווייטע יארהונדערטער פון דער פאריזער געשיכטע, פון וואס ס'איז אונדז היינט צו טאג פארבליבן בלויז דער נאמען פון דעם סקווער.

— — — — — — — — — — —

---

*) איצט אראפגענומען דורך די דייטשן.

אין אנהויב פון 14 י. ה. האָט דער פּלאַץ פון גאָרטן געהערט צו די „אָרעמע קריסטוס־קעמפּער", די טעמפּל־ריטער, ווי ס'האָט זיך דעמאָלט גערופן דער האַלב־רעליגיעזער, האַלב־מיליטערישער אָרדן, וואָס איז אַהערגעקומען פון פּאַלעסטינע, נאָך אין 12 י. ה. בעת דער הערשאַפט פון לודוויק דעם דיקן, און דאָ זיך באַזעצט.

באַקומענדיק כסדר אַלץ מער פּריווילעגיעס פון די פּויפּסטן און קעניגן, איז זייער רייכטום און איינפלוס געוואַקסן אין לאַנד פון טאָג צו טאָג. אַרום דעם מאָנאַסטיר וואָס די טעמפּל־ריטער האָבן דאָ אויסגעבויט, האָבן זיי אויך פאַרמאָגט זער פיל בנינים און פאַרנומען דאָ אַ שטח פון 130 העקטאַר לאַנד וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט דיקע מויערן, מיט איניקע קליינע טורמלעך, און איין גרויסער דיקער טורם וואָס האָט געהאַלטן אומגעפער 23 מעטער הויך, און אַזוי אַרום געבילדעט דאָ אין מיטן פון דער שטאָט, אַנ'אָפּגעזונדערטע מעכטיקע פעסטונג.

צווישן די פּריווילעגיעס וואָס דער טעמפּל־אָרדן האָט פאַרמאָגט, איז אויך געווען איינע, וועגן אומבאַרירלעכקייט פאַר יעדן פאַרפאָלגטן וואָס קומט אַריבער זייער שוועל. דאָ האָט זיך געענדיקט די מאַכט פון דער מלוכה, די פּריווילעגיע פון אומבאַרירלעכקייט האָט אַריינגעברענגט די טעמפּל־ריטער גרויסע איינקונפטן, ווייל פאַרפאָלגטע וואָס פלעגן זיך דאָ אַהער ראַטעווען, האָבן פיין באַצאָלט דערפאַר... די גאָטפאַרכטיקע ריטער האָבן נישט שלעכט פאַרדינט ביי די פאַרפאָלגטע, פאַר פאַרדינגען זיי וווינונגען, פאַר עסן, א. א. וו.

דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען וואָס אין יום טוב־טעג, פלעגן די פאַרפאָלגטע וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי די טעמפּל-ריטער, געניסן פון רעכט אַרויסצוגיין אין דער שטאָט, אָן מורא אַרעסטירט צו ווערן.

אין יאָר 1285 פאַרנעמט דעם פראַנצויזישן טראָן פיליפּ דער פערטער, דער שיינער; זער אַנ'אמביציעזער, מיט אַ שווערן און שלעכטן כאַראַקטער, רואינירט ער די מלוכה־קאַסע אויף זיין גרויס־מלוכישער פּאָליטיק און מלחמות, ער איז ביז גאָר געקוועלט אין געלט, און זוכט מיטלען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון זיין פינאַנציעלער נויט; ער קאָנפיסקירט יידיש פאַרמעגן, לאָזט מאַכן גאָלד־געלט פון אַ פאַלשער וואָג, דערנאָך גיט ער איינגאַנצן אַרויס פאַלש געלט, און רופט אַרויס קעגן זיך אַנ'אַלגעמיינע אויפרעגונג.

די אויפרעגונג אויף דעם קעניג טרעפט זיך אויך צוזאמען מיט א שרעקלעך שווערן ווינטער פון יאר 6/1305 וואס פאריז מאכט דעמאלט אדורך. די שטאט־ארעמקייט שטארבט בוכשטעבלעך פון קעלט, דערנאך איז געשען א גרויסער סען־אויסגוס וואס האט אפגעריסן בריקן באמויערטע מיט ווין־הייזער, די פארפלייצונג האט אפגעשטעלט דעם נארמאלן צופיר פון ברויט, און פאריז האט גע־הונגערט; ס׳האבן זיך אנגעהויבן גאסן־אומרוען מיט דראאונגען קעגן דעם קעניג.

פיליפ דער פערטער האט זיך דערפילט נישט גענוג זיכער, און אנגעהויבן זוכן אנ׳ארט ווו זיך צו ראטעווען פון דעם געפאר וואס האט זיך אויף אים אנגערוקט. דער קעניג דערמאנט זיך דאן אין די פעסטע מויערן פון די טעמפל־ריטער, ער נעמט צונויף א קליינע סוויטע און ראטעוועט זיך דארטן אהין.

נאטירלעך ווערט ער דארט אויפגענומען מיט גרויס כבוד, די טעמפל־ריטער רינגלען אים ארום מיט אלעם גוטן און זארגן ס׳זאל דעם קעניג גארנישט פעלן.

א קליינער אינצידענט האט זיך בלויז אפגעשפילט דארט אין דער צייט פון פיליפס אויפהאלטן זיך ביי זיי:

א גרופע פאריזער ארעמקייט, איז באפאלן דעם קעניגלעכן פאלאץ, און דערוויסנדיק זיך אז דער קעניג באהאלט זיך אויס ביי די טעמפל־ריטער, זיינען זיי באפאלן דעם טעמפל־ארדן, אריינגעקריגן זיך אין דער קיך ווו מען האט גראד געגרייט דאס מאלצייט פארן קעניג, עס אויפגעגעסן, און זיך געקליבן אריינדרינגען טיפער; ס׳איז געווארן אנ׳אלארם, די גלהים־ריטער האבן זיך געווארפן פארטיידיקן זייערע בנינים, נאר דא האט זיך אריינגעמישט דער קעניג, נישט דערלאזט צו קיין קאמף, און געהייסן מען זאל די אריינגעדרינגענע אפלאזן בשלום.

צען טעג שפעטער האט זיך די לאגע געענדערט, דאס וואסער איז אפגעפאלן, קיין פאריז זיינען אנגעקומען גרעסערע טראנספארטן ברויט, די אויפרעגונג האט זיך געשטילט, און פיליפ דער פערטער האט זיך געקענט יעזעגענען מיט די גאסטפריינטלעכע ריטער, מיט־פירנדיק מיט זיך א האלבן מיליאן פראנק וואס זיי האבן אים מיט־געגעבן אויף א נדן פאר זיין שוועסטער.

פיליפ דער פערטער קען אבער נישט מוחל זיין דער פאריזער ארעמקייט די הזה וואס זיי האבן ארויסגעוויזן בעת זיין אויפהאלטן

זיך ביי די טעמפל־ריטער, קורץ נאָך זיין פאַרלאָזן די מויערן פון דעם טעמפל־אָרדן פירט ער דורך „אַנ׳אויספאָרשונג“, זוכט אויס די „שולדיקע“ אינ׳ם בונט, און 28 פאַריזער ווערן עפנטלעך געהאָנגען ביי די מויערן פון דער שטאָט.

דער קעניג האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסן וועגן אַנ׳אַנדערער זאַך וואָס ער האָט געזען ביי די טעמפל־ריטער, ער האָט פון פריער שוין געוווּסט וועגן זייער רייכקייט, נאָר אַהינקומענדיק צו זיי, איז ער געווען איבערראַשט פון די אוצרות וועלכע ער האָט ביי די ריטער דערזען. דאָס באַוווּסטזיין וועגן זייער געוואַלדיקע רייכקייט האָט דעם פאַראָרעמטן, און כסדר אין געלט זיך נויטיקנדיקן קעניג, גאָר־נישט געלאָזט איינרוען. דערצו האָט ער שוין פון גאַנץ לאַנג גע־טראָגן אויף זיי אַ כעס ; שוין לאַנג ווי ער האָט געוואָלט אַז די ריטער זאָלן אים אויסקלויבן אַלס זייער גרויס־מייסטער, און ס׳איז אים נישט געלונגען, אַ חוץ אַלעם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, דאָס אויב די צעבונטעוועטע פאַריזער איז געלונגען זיך אַדורכצורייסן דורך די שווער־פאַרמאַכטע טעמפל־טויערן, בעת דעם קעניגס אַנוועזנהייט דאָרט, האָט דאָס געקענט געשען נאָר מיט דער הילף פון די פירער פון די טעמפל־ריטער וואָס זאָלן האָבן געהאַט דערביי אַ געוויסע כונה קעגן אים...

דאָס לעצטע האָט דעצידירט זייער גורל.

פיליפ האָט אויסגענוצט פאַרשידענע קלאַנגען וועלכע דאָס פאַרי־זער פאָלק, וואָס האָט נישט ליב געהאַט די גלחים־ריטער צוליב זייער גאווה, האָט וועגן זיי דערציילט, און אַנגעהויבן געהיימע אונטער־האַנדלען מיטן פויפּסט קלעמענט דעם פינפטן וועגן דעם גורל פון די טעמפל־ריטער, באַשולדיקנדיק זיי אין ערגסטן ; ענדלעך באַקומט ער דעם פויפּסט׳ס צושטימונג.

פרייטיק דעם 13 סעפּטעמבער 1307 *) ווערן די מויערן פון טעמפל־אָרדן אָפּגעצוימט מיט מיליטער, און אַלע ריטער מיט זייער

---

*) ביי פיל קריסטן האַלט מען דעם טאָג פרייטיק און די ציפער 13 פאַר נישט מזלדיק, נעמט זיך עס נישט אַמאָל פון דער דאַטע ווען אויף די טעמפל־ריטער האָט זיך אַראָפּגעשיט דאָס דאָזיקע אומגליק מיט וועלכן גאַנץ פראַנקרייך און די גאַנצע קריסטלעכע וועלט האָט געקאָכט ?

אנפירער זשאק דע מאלע, וואס איז טאקע ספעציעל געקומען קיין פאריז אין שייכות מיטן קעניגס באשולדיקונגען, ווערן ארעסטירט, און דער מאנאסטיר מיט אלע זיינע בנינים, און דער עיקר די דארט פאראנענע רייכטומער ווערן קאנפיסקירט לטובות דער מלוכה-קאסע.

קעגן די טעמפל-ריטער ווערט ארויסגעשטעלט א באשולדיקונג וואס אנטהאלט גאנצע 127 פונקטן וואס ווארפט זיי פאר: אפיקרסות, גלויבן נישט אין איינציקן גאט, געצנדינערייי, פארקויפן די קריסטן צו נישט גלויביקע, דערשטיקן ניי-געבוירענע, עסן מתים א. א. פארברעכנס.

די ארעסטירטע טעמפל-ריטער ווערן געשמיד אין קייטן און צעשפרייט איבער פארשידענע טורמעס. די קעניגלעכע אינקוויזיציע פייניקט זיי אום זיי זאלן זיך מודה זיין אין די באשולדיקטע פארברעכנס, מען רייסט זיי אויס די ציין, מען פרעגלט אויף פייער, מען שנייד ביי זיי אויס נערוון, מען באגראבט זיי לעבעדיקערהייט.

36 טעמפל-ריטער שטארבן אפ בעת דער „אויספארשונג", 56 ווערן אויף גיך פארברענט אין וואנסענער וואלד, די איבעריקע בלייבן יארן לאנג אין די טפיתום.

אין חודש מערץ 1313 *) כאפט זיך פיליפ דער שיינער אז ס'לעבן נאך צוויי פון די אנפירער, דער שוין דערמאנטער זשאק דע מאלע, און גי ד'אווערן, זיי ווערן ארויסגעברענגט אויף איינעם פון די פאריזער אינזלען, אויף דעם הייניטיקן פלאץ דאפין, און פארברענט אויף שייטערהויפנס אין דער אנוועזנהייט פון קעניג, וואס איז געקומען בייווינען דעם ספעקטאקל.

די געשרייען פון זשאק דע מאלע זיינען אויסערגעוועינלעך, ביז דער לעצטער מינוט האט ער גערופן דעם קעניג און דעם פויפסט צו דערשיינען פאר גאטס כישפט, אנזאגנדיק זיי א גיכן טויט.

זיינע פאראויסזאגונגען זיינען כמעט ווי מקוים געווארן: אין אייניקע וואכן ארום איז געשטארבן דער פויפסט, און איז א יאר ארום, פיליפ דער פעטער, דער שיינער.

אין 16 י. ה. איז דער טעמפל-מאנאסטיר מיט אלע זיינע בנינים און פעסטונגס-מויער, אריבערגעגאנגען צום ארדן פון די מאלטישע ריטער, וואס לאזן דא אלץ אומבארירט, אבער אין יאר 1667 פירן זיי דורך גרויסע ענדערונגען, זיי לאזן אפברעכן די ציין וואס די

*) ווידער צוויי מאל 13 אין דער דאטע.

פעסטונגס־מויער פארמאגט אויף זיך, רעסטאוורירן דעם מאנאסטיר, פרישן אויף דעם גארטן, ארדנען איין פארוויילונגס־זאלן און אפילו טעאטער־פארשטעלונגען. זייער עלטעסטער און כסדר א מיטגליד פון דער קעניגלעכער פאמיליע, און פונקט ווי פריער ביי די טעמפל־ריטער, אזוי אויך ביי זיי, געניסט דער מאנאסטיר אלץ כסדר פון דער אומבארילעכקייטס־פריווילעגיע.

אין יאר 1765 באהאלט זיך דא אויס זשאן זשאק רוסא.

אפילו די בארימטע קעניגלעכע חסימה־בריוו זיינען הינטער דער אפצוימונג נישט געווען גילטיק, און כסדר איז די פריווילעגיע געווען א קוואל פון איינקומפטן פאר די בעלי־בתים פון אלטן טעמפל.

דאס דאזיקע איינציקע אזיל־ארט אין פאריז, וווהין פארפאלגטע האבן זיך געקענט ראטעווען, האט אנגעהאלטן ביז צו דער רעוואלוציע פון יאר 1789, דעמאלט ווען די געשעענישן האבן דערפירט דערצו אז דאס גאנצע אייגנטום פון דער קירכע איז אריבער צו דער מלוכה, איז די לעצטע אויך געווארן דער בעל־בית פון טעמפל־מאנאסטיר, און די פריווילעגיע וואס האט אנגעהאלטן יארהונדערטער לאנג איז ענטגילטיק אפגעשאפט געווארן.

די רעוואלוציע טרייסלט אויף דאס לאנד וואס פירט א קאמף מיט אירע אויסערלעכע און אינערלעכע שונאים. אין יאר 1792, נאך פיל דראמאטישע געשעענישן, ווערט לודוויק דער זעכצנטער באזייטיקט פון טראן און צוזאמען מיט זיין פרוי, די קעניגין מאריע אנטואנעטע און זייערע קינדער, די טאכטער, וואס האט געטראגן דעם טיטל „מאדאם רויאל“ און דער פרינץ, ווערן זיי ארעסטירט; מען שטעלט זיך אפ אויף דעם גרויסן, יארהונדערטער אלטן טעמפל־טורם, וו זיי ווערן טאקע דעם 13 אויגוסט 1792 איינגעזעצט, און וו לודוויק דער זעכצנטער ווערט געהאלטן ביז צום טאג פון זיין טויט.

דעם 21 סעפטעמבער 1792, פיר א זייגער פארנאכט, קומט צו רייטן א פאליציי־אפיציר מיט א גרופע זשאנדארן צום גרויסן טעמפל־טורם און שטעלן זיך דא אפ. דער אפיציר לייענט פאר די פארזאמלטע א פראקלאמאציע צו דער באפעלקערונג פון קווארטאל, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט פאלגנדיקע ווערטער:

„די קעניגרייך־פארם אין פראנקרייך איז אפגעשאפט. אלע עפנטלעכע אקטן וועלן פון היינט אן ווערן דאטירט מיטן ערשטן יאר פון דער רעפובליק“ א. א. וו.

דער אפיציר לייענט מיט א ספּעציעל הויכער שטים אז די טורם־איינוווינער, דער קעניג און זיין פאמיליע זאלן הערן די נייעס.

דעם זעלבן אוונט, ווען לודוויקס דינער קלערי, וואס איז פּריוואַטליק מיט אים אוועק אין טורמע, ווענדעט זיך צום טורם־פּאַרוואַלטער מיט דער ביטע אַרויסצוגעבן וועש פאַרן קעניג, ענטווערט אים דער פּאַרוואַלטער:

— איר האָט באמת אַ חוצפּה זיך צו באַנוצן מיט אַ טיטל וואָס איז אָפּגעשאַפט דורכן פאָלק. איר קענט זאָגן דעם הער — האָט ער אָנגעוויזן אויפן קעניג — ער זאָל זיך אויפהערן באַנוצן מיט אַ טיטל וואָס דאָס פאָלק אנערקענט נישט.

אַן רייזמס נאָך בעת דער קרוינונג, האָט לודוויק דער זעכצנטער זיך אויסגעדרוקט, אז „די קרוין קוועלט מיך", זי האָט אים טאַקע געקוועלט. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין הערשעריש כאַראַקטער, און זיך אַלעמאָל געשראָקן פאַר פאַראַנטוואָרטלעכקייט, געווען צופרידן אַרויפצולייגן זי אויף אַנדערע. דער גרויסער מישלע זאָגט אין זיינס אַ ווערק, אז: „איטלעכער קעניג איז אַ פרעמדער", אַן „אויסלענדער", ווייל איטלעכער קעניג נעמט פאַר אַ פרוי, אַ טאָכטער פון אַן אַנדער פאָלק. דער היסטאָריקער לואי מאַדלען פאַרטיפט דעם דאָזיקן געדאַנק שרייבנדיק:

„לודוויק דער זעכצנטער איז נישט געווען ענלעך צו זיינע פאַרגענגער. אַ פרומער ביז קרעטיניזם און צנועותדיק ביז צום פאַרנאַכלעסיקן זיין פרוי, איז ער געווען אַן איינקל נישט פון די, לעבן און ווייבער ליבנדיקע בורבאָנען, נאָר פון דער אומגליקלעכער מאַריע לעשטשינסקאַ*). לאָמיר זיך דערמאָנען. דאָס בילד פון סטאַניסלאַוס סטאַטוע אין נאַנסי, און זיך אַריינטראַכטן אין דעם אז דער דאָזיקער מענטש האָט אָפּגעלעבט זיינע יאָרן אָפּזאָגנדיק זיך פון דער קרוין. דאָס בלוט פון דעם דאָזיקן פּרינץ, האָט אין אַ גרעסערער מאָס, ווי דאָס בלוט פון העניריך דעם פערטן, געפלאָסן אין די אָדערן פון לודוויק דעם זעכצנטן. טעטיקייט, ליבע, פּאָליטיק, מלחמות, האָבן אים נישט געצויגן; ער האָט געהאַט איין לײדנשאַפט, פון אַ יעגער,

*) לודוויק דער פיפצנטער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון פוילישן קעניג סטאַניסלאַוו לעשטשינסקי, דעם שפּעטערדיקן פירשט פון לאָטרינגען.

און אין צווישנצייט פון איין יאגט און דער אנדערער, שלאָ־
סעריי״.

וואָס פאַרא פּרעכטיקער אַנאַליז!

אין טורמע, בעת לודוויק דער זעכצנטער איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער מאכט און פאַראנטוואָרטלעכקייט, האט ער אין א געווויסן זין „אָפּגעעטעמט פריי״. דאָ אין טעמפּל־טורם איז ער געווען בלויז א מאן, א פאטער, און האט אויסגעזען א סך פרייער און נאטירלע־כער.

ער פלעגט זיך אויפהויבן 7 אין דער פרי און ביז 8 א זייגער תפילה טאן, אום 9 פלעגט ער פרישטיקן מיט זיין פאמיליע. פון 11 ביז 12 פלעגט ער בלייבן מיט זיין זון, דעם קליינעם דאפין.*) אום 12 פלעגט די גאנצע קעניגלעכע פאמיליע אראפּקומען אין גארטן, און זיך ווייזן פאר דער וואך, דאָס איז געווען א געוויסע קאנטראל איבער זיי, נאך מיטאג פלעגט לודוויק דער זעכצנטער שפּילן אין קארטן מיט זיין פרוי, ס׳רוב פלעגט די צייט פון זייער קארטן־שפּיל אוועקגיין אין שמועסן ווי אַזוי זיך צו ראטעווען פון דער טורמע, **) אום 6 אָוונט פלעגט לודוויק לערנען זיין זון, די איבריקע צייט פלעגט ער פארברענגען מיט לייענען, ס׳רוב רעליגיעזע לי־טעראטור.

דעם 11 דעצעמבער 1792 ווערט לודוויק דער זעכצנטער אפּגע־פירט אין קאנווענט וואס טרעט אים צו משפּטן, און קומט צוריק האלב זיבן אין אוונט, ער וויל ארויף צו זיין פאמיליע וואס ווארט אים אפּ אום זיך פון אים צו דערוויסן וועגן גאנג פון פּראצעס, נאר ער ווערט שוין צו זיי נישט צוגעלאזט. 39 טעג לעבט ער שוין אינ־גאנצן דערווייטערט און אפּגעזונדערט פון זיי, א טאג פאר זיין טויט, דעם 20 יאנואר 1793 נעמט מען ביי אים אָפּ מעסער און גאפּל.

אין דער פרי פון 21 יאנואר זאגט מען אים אפּ זיין ביטע וועגן א שער צו די האר, און אין דעם זעלבן טאג, א נעפּלדיקן, א טריבן, ווערט ער אָפּגעפירט צו דער גילאָטינע.

---

*) פון 14 י. ה. אן האט יעדער פראנצויזישער טראן־יורש גע־טראגן דעם טיטל דאפין.

**)ס׳זיינען געמאכט געוואָרן איינעקע נישט געלונגענע פּרובן זיי ארויסצוגנבענען.

מאריע אנטואנעטע בלייבט דא נאך חדשים לאנג, און פארלאזט דעם טעמפל־טורם ערשט דעם 2 אויגוסט 1793, ווען זי ווערט אריבערגעפירט אין דער קאנסערזשערי־טורמע, און קורץ דער־נאך אויך פארמשפט צום טויט און גילאטינירט.

אינ׳ם טורם בלייבן זייערע צוויי קינדער: דער יונגער פרינץ און די פון אים עלטערע שוועסטער, די „מאדאם רויאל״.

דעם 8 יוני 1795 פארשפרייט זיך איבער פאריז א קלאנג אז דער דאפין, וואס איז נאך לודוויקס טויט באטראכט געווארן דורך די ראיאליסטן אלס „לודוויק דער 17־טער״, איז געשטארבן.

די נייעס, האט זיך באלד באשטעטיקט דורך א קאמוניקאט אז: „לואי שארל קאפעט, אלט צען יאר מיט צוויי חדשים, געבוירן אין ווערסאל, געלעבט אין פאריז אין טעמפל־טורם, דער זון פון לואי קאפעט, דעם לעצטן קעניג פון די פראנצויזן, און מאריע אנטואנעטע פון עסטרייך״ איז געשטארבן.״

פאר דעם טעמפל־טורם האבן זיך אנגעהויבן זאמלען מענטשן וואס האבן געוואלט זען די לויה פון דעם קליינעם נישט געקרוינטן לודוויק דעם 17־טן.

דעם 10 יוני פארנאכט האט מען ווירקלעך ארויסגעטראגן פון דארט א קליינע טרומנע מיטן געשטארבענעם. דעם ארון האבן גע־טראגן פיר פערזאן, פארויס איז געגאנגען אנ׳אפטיילונג פון אכט זעלנער מיט אנ׳אונטעראפיציר, פון הינטן זיינען נאכגעגאנגען עלף קאמיסארן פון „קאמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער זיכערקייט״, לסוף האט דעם צוג געשלאסן נאך אנ׳אפטיילונג פון אכט זעלנער. אום אויסצומיידן מעגלעכע גאסן־דעמאנסטראציעס זיינען פון ווייטנס נאכגעגאנגען נאך צוויי אפטיילונגען מיליטער צו 25 פערזאן יעדע.

דער קארטעזש איז אוועק צום קליינעם בית עולם וואס האט זיך געפינען ביי דער ביז היינט עקזיסטירנדיקער קירכע אויף דער רי סען בערנאר, ווו מען האט דאס קערפערל באגראבן אין דעם דאר־טיקן אלגעמיינעם ברידער־קבר.

דער קברן, א געוויסער בעטראנקור, א פארבאהאלטענער ראיא־ליסט, זאל האבן אין דער זעלבער נאכט צוריק אויסגעגראבן דאס קעסטל פון פרינץ, ארייגעלעגט עס אין א גרעסערער בלייענער טרומנע, אויסגעקריצט דערויף ד׳ XVII און עס צוריק באגראבן אין א באזונדער קבר הארט ביי דער מויער פון דער קירכע, ווו ס׳געפינט זיך ביז היינט צו טאג.

איז אין דעם קבר וואָס ליגט ביי דער וואַנט פון דער קירכע ווירקלעך פאַראַן דאָס פאַרבלייבעניש פון לודוויקס זון? איז אין טעמפּל־טורם טאַקע געשטאָרבן דער פּרינץ, אָדער אַ צווייט קינד וועלכעס מען האָט מקבר געווען אַלס לודוויקס זון?

ס'איז באַוווסט אַז באַראַ, דער פאָרזיצענדער פון דער דירעקטאָריע, האָט געגעבן אנצוהערן אַז ער זאָל האָבן אַנטייל גענומען אין העלפן אַז דער דאָפין זאָל פאַרשווונדן ווערן...

העלפן... אָבער ווי אַזוי?

ס'איז איינע פון די ביז היינט נישט אויפגעקלערטע פּאָליטישע רעטענישן. פיל פיל סיבות האָבן געפירט דערצו מען זאָל צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון יונגל'ס טויט, די פראַגע האָט שוין געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פיל באַדייטנדיקע מענער וואָס האָבן געזוכט אויפצוקלערן דעם אמת, נאָר אָן רעזולטאַט: צוויי מאָל האָט מען שוין אויפגעעפנט דאָס קעסטל, אין יאָר 1846 און אין יאָר 1892, מען האָט אויך אַזוי אַרום געזוכט אויפצוקלערן דאָס רעטעניש. אויף דער לעצטער אויספאָרשונג פון קערפּער, האָבן די מיינונגען פון די דאָקטוירים זיך צעטיילט אין שייכות מיט דער מעגלעכער עלטער פון סקעלעט, אַז ער זאָל האָבן אַלט געווען פון 14 ביז... 21 יאָר.

ס'זיינען שוין געווען פאַלן ווען ס'האָבן זיך געמאָלדן פּרעטענדענטן אויפן פראַנצויזישן טראָן, און איטלעכער פון זיי האָט פּרובירט באַווייזן אַז ער איז עם דער ריכטיקער זון פון לודוויק דעם זעכצנטן, וואָס האָט זיך כלומרשט געראַטעוועט פונ'ם טעמפּל־טורם.

ביז היינט צו טאָג איז דאָס רעטעניש וועגן דעם קינד־אַרעסטאַנט פון טעמפּל־טורם נישט געלעזט געוואָרן, און שווימט פון צייט צו צייט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך אונטער די איניציאַלן «L. XVII» וואָס דער ראָיאַליסטישער קברן האָט אַנגעצייכנט אויף דעם אָרון וואָס ליגט ביז היינט באַהאַלטן ביי דער קירכע־מויער אויף רי סען בערנאַר.

דער טעמפּל־טורם איז אָבער אויף ווייטער געבליבן אַלס טורמע פאַר וויכטיקע פּאָליטישע פאַרברעכער מיט וועלכע ס'האָט געקלינגען די וועלט, צוויי פון זיינע באַדייטנדיקסטע אַרעסטאַנטן זיינען געווען: דער באַרימטער ראָיאַליסטישער פאַרשווערער זשאָרזש קאַדודאַל, און דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער גענעראַל פּישעגרי.

דער לעצטער איז געווען איינער פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע

גענעראַלן וואָס די רעוואָלוציע פון 1789 האָט אַרויסגעגעבן. אַרויס־קומענדיק פון נישט קיין רייכע פויערים, גייט ער אַוועק אין דער אַרמעי, און נישט געקוקט אויף זיינע גרויסע פעאיקייטן, קען ער זיך נישט דערשלאָגן צום ראַנג פון אָפיציר צוליב זיין אנגעהעריקייט צום דריטן שטאַנד.

אַ געוויסע צייט איז ער אינסטרוקטאָר אין דער מיליטער־שול אין בריען, און האָט צווישן זיינע שילער אויך דעם יונגן נאַפּאָלעאָן באָ־נאַפּאַרט.

די רעוואָלוציע גיט אים די מעגלעכקייט צו אַוואַנסירן ; נאָך צוויי יאָר איבערקערעניש איז ער שוין אַ דיוויזיע־גענעראַל, און פירט זיין מיליטער פון איין נצחון צום אַנדערן, דורך מיליטער־פאַכלייט ווערט פּישעגרי מיט זיין סטראַטעגישער טאַקטיק באַטראַכט ווי דער פאָר־גענגער פון נאַפּאָלעאָנען, זיין גרעסטן רום דערגרייכט ער אין די יאָרן 1794-95 דורך איינעמען האָלאַנד און דורך נעמען געפאַנגען דעם האָלענדישן פלאָט.

ס׳זיינען דאַן געווען גרויסע פרעסט, דער האָלענדישער פלאָט איז פאַרפרוירן געוואָרן אין די וואַסערן ווו ר׳האָט זיך אויפגעהאַלטן, פּישעגרי האָט אַרויסגעשיקט זיין קאַוואַלעריע וואָס האָט רייטנדיק אויף דעם אייז, אַטאַקירט דעם פלאָט, און געצוווּנגען די שיפן זיך אונ־טערצוגעבן, אַ פאַקט וואָס איז פאַרבליבן איינציק אין דער געשיכטע פון קריג־פירונג.

ער ווערט דער באַליבסטער גענעראַל פון דער רעוואָלוציע, און דאַן אויף דער העכסטער שטופע פון רום, פאַרראַט ער זי.

די סיבות זיינען ביז היינט נישט אינגאַנצן קלאַר, וואַרשיינלעך זאָל אויף אים האָבן געווירקט דאָס נישט גלייבן אין איר שטאַנדהאַפ־טיקייט, ווי אויך זאָל ער האָבן געווען אַנ׳אַנהענגער פון אַ קאָנסטי־טוציאָנעלער מאָנאַרכיע, יעדנפאַלס צווישן אים און די בורבאָנען שטעלן זיך איין אַ רעגולערער בריוו־אויסטויש ; ער באַקומט פון זיי דירעקטיוון און געלט.

אין יאָר 1797, ווען די פראַנצויזישע אַרמעי, אַנגעפירט דורך דעם גענעראַל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט פאַרנעמט אויף אַזאַ איבעראַשנדיקן אופן איטאַליע, געפינט מען צופעליק אויס אַ דאָקומענט וואָס באַ־שטעטיקט פּישעגרים פאַראַט. דער דאָקומענט איז געווען אַ טייערע מציאה אין די הענט פון קומענדיקן קייזער, וואָס האָט געזען אין פּישעגרי אַ געפערלעכן קאָנקורענט, באָנאַפּאַרט שיקט עס גלייך

איבער קיין פּאַריז, ווו די ענטדעקונג רופט אַרויס אַ געוואַלדיקע סענסאַציע. פּישעגרי ווערט אַרעסטירט, אַלע דערוויסן זיך וועגן דעם, דער רוישם איז אויסערגעווענלעך.

אַנ׳אַנדערן וואָלט מען גלייך פאַרמשפּט צום טויט, פּישעגרי איז אָבער געווען צו מעכטיק, זיינע פאַרדינסטן צו גרויס און ער ווערט פאַרשיקט קיין גוויאַנע וואָס איז דאַן געווען אַ שרעקלעך פאַרשי־קונגס־אָרט, ווו איטלעכער איז סיי ווי געווען גלייך ווי צום טויט פאַרמשפּט. אים געלונגט עס אָבער צו אַנטלויפן, ער האַלט זיך אַ צייט אויף אין לאָנדאָן, און צוזאַמען מיטן ראָיאַליסטישן פאַרשווערער קאַדודאַל, קומען זיי אין יאָר 1804 אומלעגאַל קיין פּאַריז, מיט אַ דרייסטן פּלאַן אויפצוכאַפּן דעם גענעראַל באָנאַפּאַרט וואָס איז שוין דאַן געווען לעבנסלאַנגער ערשטער קאָנסול, און געגרייט צו דער־קלערן זיך אַלס קייזער.

די פּאָליציי דערוויסט זיך צופעליק אַז די צוויי געפערלעכע פאַר־שווערער געפינען זיך אין פּאַריז, און ווערט געשטעלט אויף די פיס, מען זוכט אין אַלע גאַסן און הייזער, מען קלעבט פונאַנדער אַפּישן מיט זייערע בילדער, פאַר פּישעגרי׳ס קאָפּ ווערט באַשטימט הונדערט טויזנט פראַנק; דאָס האָט געווירקט, איינער פון די קאָנספּיראַטאָרן ביי וועמען ער נעכטיקט, גיט אים אויס.

אין יאָרן אַרום, זייענדיק שוין אויפן אינזל פון דער הייליקער העלענע, זאָגט נאַפּאָלעאָן וועגן פּישעגרי׳ס אַרעסט:

« Il fut victime de la plus infame trahison. C'est vraiment la dégradation de l'humanité ». *)

נאַפּאָלעאָן פאַרגעסט אין דעם מאָמענט אַז די דאָזיקע מענטש־לעכע געמיינקייט האָט ער אַליין אַרויסגערופן, און דערפאַר באַצאָלט מיט דער צוגעזאָגטער, קאָלאָסאַלער סומע, הונדערט טויזנט פראַנק!

פּישעגרי ווערט פאַרשפּאַרט אין טעמפּל־טורם, און ס׳שטייט פאַר אַ גרויסער פּראָצעס; דעם 5 אַפּריל 1804 געפינט מען דעם גענע־ראַל טויט אין זיין צעל, ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך דער־שטיקן זיך מיט זיין אייגענעם קראַוואַט.

דער טויט פון דעם מענטשן רופט אַרויס אַ געוואַלדיקן טומל, דער אופן ווי אַזוי דער גענעראַל האָט זיך אַליין דערשטיקט איז ביז היינט צו טאָג נישט גלויבלעך!

*) „ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם געמיינסטן פאַראַט, די מענטשהייט איז באמת אַראָפּגעזינקען"...

ער האָט פאַרוואָרפן אויף דעם האַלז זיין קראַוואַט, פאַרבונדן
ביידע עקן, אַריינגעשטעלט אַ העלצל און אנגעהויבן דאָס העלצל אַזוי
לאַנג דרייען מיט זיין האַנט ביז דער קראַוואַט האָט אַלץ מער און
מער צונויפגעפרעסט זיין האַלז און לסוף אים דערשטיקט.
אומגלויבלעך!

דער מענטש קען דורכפירן אַזאַ אַקט נאָר ביז צום מאָמענט פון
פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין, אָן באַוווסטזיין איז נישטאָ
קיין וויל, דאַן מוז זיך די האַנט אָפּשטעלן און
ס'שטעלט זיך אָפּ דער פּראָצעס פון דערשטיקן
זיך אַליין.

דערפאַר איז פאַרשטענדלעך דער אומצוטרוי צו דער ווערסיע וועגן
זעלבסטמאָרד, און דאָס חושד זיין נאַפּאָלעאָנען אין שיקן צו אים
אין קאַמער מערדער. האָט דאָך דער זעלבער נאַפּאָלעאָן געלאָזט
אויף אַ מערדערישן אופן אומברענגען דעם יונגן פירשט ד'אַנגיען
אוים מורא פאַר אַ קאָנקורענט, און זיך איבערהויפּט נישט אָפּגע-
שטעלט פאַר קיין שום פאַרברעכן אויף זיין וועג צו מאַכט.
נאָך אַ גרויסער סוד פון טעמפּל-טורם!
זיינע מויערן האָבן געזען פיל פיל...

נאַפּאָלעאָן דערקלערט זיך אַלס קייזער, ער וואַרפט אָן דעם לאַנד
זיין שווערע מיליטערישע דיקטאַטור, ער שענקט זיינע זעלנער אוים-
צייכנונגען און גלייכצייטיק לאָזט ער זיי אין ריזיקע מאַסן אויס-
שהטן אויף די שלאַכט-פעלדער פאַר זיינע אמביציעס; אויפשטעלנ-
דיק זיך אַ רייכן קעניגלעכן הויף, בויט ער זיין זומער-רעזידענץ אין
פאָנטענבלאָ נישט אין ווערסאַל, ווייל יענע מויערן דערמאַנען אים
אין דעם טרויעריקן סוף פון דעם לעצטן קעניגלעכן פאָר; דער טעמפּל-
טורם דערמאַנט אויך די פאַריזער מאַסן וועגן זיין אַמאָליקן קעניג-
אַרעסטאַנט, ער דערמאַנט זיי אַז אַ הערשער קען אויך אַמאָל פאַר-
מאַכט ווערן אין טורמע און ווערן באַשטראָפט פאַר זיינע זינד.
נאַפּאָלעאָן קען פיזיש נישט פאַרטראָגן אַזאָלכע עדות, און ער פאַר-
אָרדנט דאָס פונאַנדערוואַרפן דעם אַלטן טורם.

דער באַשלוס ווערט געפאַסט אין יאָר 1809 אָבער ערשט אין יאָר
1811 ווערט ער דורכגעפירט. דעמאָלט פאַרשווונדט דער דאָזיקער
טורם וואָס איז דאָ געשטאַנען פון 12 י. ה. אָן און האָט איינגעזאַפּט
אין זיך אַזוי פיל געשיכטע פון דער שטאַט. אַלע איבריקע בנינים,
פאַרבליבענע פון פריער ווערן צעשטערט אין יאָר 1854, און דאַן

ווערט אויסגענוצט דער טעמפל־גארטן וואָס האָט זיך געפינען ביים טורם, אויף צו פאַרוואַנדלען אים אין אַן׳עפנטלעכן סקווער וואָס האָט געירשנט בלויז דעם נאָמען פון דעם טעמפל־אָרדן וואָס האָט זיך דאָ געפינען אַזאַ צייט לאַנג.

— — — — — — — — — — — —

אָבער אויך די גאַנצע געגנט דאָ אַרום האָט אַזוי פיל, אַזוי פיל צו דערציילן.

אויף דער רי דע טעמפל, נישט ווייט פון דעם גערטנדל, געפינען מיר די קירכע געווידמעט דער הייליקער עליזאַבעט, וואָס איז געבויט געוואָרן נאָך אין יאָר 1629 דורך דער קעניגין מאַריע מעדיטשי, די אלמנה פון העינריך דעם פערטן, בעת דער רעוואָלוציע אין 1789 איז די קירכע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפייכל; אין דער טיף באַוווּנדערן מיר אַ פרעכטיקע האָלץ־שניצעריי פון הונדערט ביבל־בילדער וואָס שטאַמען נאָך פון 16 י. ה. און זיינען דאָ אַהערגעברענגט געוואָרן פון אַראַס.

אין דער מערי פון דריטן אַראָנדיסמאַן האָט דער באַרימטער פּי־לאָזאָף אויגוסט קאָנט, לאַנגע יאָרן געהאַלטן זיינע פאָרטראַגן. דאָ אין דער מערי האָט ער ספּעציעל געשעצט די אַרבעטער־צוהערער וואָס האָבן געבילדעט אַ פערטל פון דער אוידיטאָריע.

אויך דער דענקמאָל פון דעם דיכטער בעראַנזשע וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט אין דעם טעמפל־סקווער, האָט אַן׳ענגן שייכות צום פּלאַץ, ווייל דער דיכטער בעראַנזשע האָט דאָ געוווינט דרענעבן, נור־מער 5 אויף דער גאַס וואָס טראָגט טאַקע זיין נאָמען, און וואָס האָט אין פאַרגאַנגענעם י. ה. געהייסן רי וואַנדאָם, דאָרט טאַקע אין דעם זעלבן הויז איז דער דיכטער אין יאָר 1857 געשטאָרבן, אַן׳אויפ־שריפט אויף דער מויער דערציילט עס די דורכגייער.

איייניקע טריט פון דאַנען טיילן אונדז אָפּ פון בולוואַר וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען פון אַמאָליקן טעמפל.

וואָס פאַראַ קאָנטראַסט שטעלט מיט זיך היינט פאָר דער בולוואַר צו דעם וואָס ער איז געווען נאָך אין פאַרגאַנגענעם י. ה.

דאַן איז ער געווען אַ לעבעדיקער קאָכנדיקער פאַריזער צענטער פיל מיט טעאַטערן, פאַרוויילונגס־פּלעצער, קאַפעס און פאַרק־פאַר־ווײַלונגען. ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך דאָ אויף דעם בולוואַר געפינען דער מוזעי פון וואַקסענע פיגורן. היינט איז דער בולוואַר אינגאַנצן פאַרענדערט, זיינע קאַפעס, פאַרוויילונגס־

ערטער און טעאַטערן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אויף די גרויסע בולוואַרן, בלויז דאָס טעאַטער „דעיזשאַזע“ און דער רעסטאָראַן „באַנוואַלע“ זיינען פאַרבליבן די לעצטע עדות פון יענעם קאָכנדיקן צענטער וואָס דער בולוואַר האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט נאָך אין פאַרגאַנגענעם י. ה.

אבער אין דער געשיכטע פון דעם בולוואַר איז איינגעשריבן אַ געשעעניש וואָס האָט אַמאָל אויפגעקאָכט דאָס לאַנד ביז גאָר, אַ געשעעניש וואָס האָט געקאָסט פיל בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן פאַרן הויז נ. 42 :

דעם 28 יולי 1835 איז דעם טעמפל־בולוואַר פאַרבייגעריטן דער קעניג לואי פיליפ, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסע סוויטע פון זיינע מיניסטאָרן און הויף־לייט, פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי וואָס איז געווען געצילט אין קעניג, מאָמענטאַל איז די גאַס פאַרן הויז נ. 42 באַלעגט געוואָרן מיט דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע, דרייצן פערזאָן פון קעניגס סוויטע זיינען געפאַלן טויט און 23 פאַר־וואונדעט, דער קעניג איז פאַרבליבן גאַנץ, אַ קויל האָט אנגערירט זיין שטערן און איבערגעלאָזט אַ קוים קוים באַמערקבאַרן צייכן.

דעם אַטענטאַט האָט אויסגעפירט דער קאָרסיקאַנער פיעסקי מיט דער הילף פון אַנ׳אַליין קאָנסטרואירטן אַפּאַראַט, זיינס אַ דערפינ־דונג, וואָס איז באַשטאַנען פון מערערע ביקסן־רערן וואָס האָבן גע־קענט איינצייטיק אַרויסשיסן אַ סך קוילן אום זיכער צו טרעפן אין ציל... דעם אַפּאַראַט האָט ער אַוועקגעשטעלט אין פענסטער פונ׳ם דריטן שטאָק וווּ ער האָט געוווינט *) און פון דאָרט אויפגעעפנט אַ שיסעריי וואָס האָט געברענגט אַזוי פיל קרבנות און אָפּגעשוינט דעם קעניג אין וועמען ס׳איז אייגנטלעך געווען געצילט.

מערקווירדיק !

פאַרוואָס פיעסקי האָט אויסגעפירט דעם אַטענטאַט, האָט ער אַליין ריכטיק נישט געקענט דערקלערן.

אויף דער אויספאַרשונג, האָט ער דערקלערט אז ס׳איז אים „דורכגעפלויגן א מחשבה“, צום קעניג האט ער קיין שום פערזענלעכע אדער אידעאישע טענה נישט געהאט, גערעדט וועגן אים מיט

---

*) דאָס הויז עקזיסטירט שוין נישט. ס׳האָט געטראָגן דעם נומער 50 און איז געשטאַנען אויף דעם אָרט פון היינטיקן הויז נ. 42.

גרויס דרך־ארץ, אים פארגליכן צו נאפּאָ־לעאָנען, געווען צופרידן וואס לואי פיליפּ איז נישט דערהרגעט געוואָרן.

די הויפט סיבה וואס האט אים געפירט צום אטענטאט איז געווען זיין חברשאפט מיט א געוויסן מאָרע, א פאנאטיש! יאקאבינער וואס האָט געהאָפט דורך דעם אטענטאט צו דערנענטערן דאָס פאַלן פון דער מאנארכיע.

פיעסקי, מאָרע און נאָך אַ געוויסער פעפען וואָס האָבן צוגעגרייט דעם אטענטאַט, זיינען פארמשפט געוואָרן צום טויט, און מיט אַ גע־וואַלדיקער קאַלטבלוטיקייט האָבן זיי אַוועקגעלייגט זייערע קעפּ אונטער דעם מעסער פון דער גילאָטינע.

גאַנץ נאָענט פון דאן, אויף דער רי אַמלאָ נ. 136 ציט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט אן אלטער האטעל וואס איז מיט זיין ארגינעלער ארכיטעקטור איינציק אין פאריז.

דאָס איז דער האָטעל פון דער פירשטן ד׳אַנגולעם, לודוויק דעם זעכצנטנס טאָכטער. די א. נ. „מאדאם רואיאל“ וואָס איז אין איר יוגנט געזעסן צוזאמען מיט אירע עלטערן אין טעמפּל־טורם און באַ־פרייט געוואָרן דעם 18 דעצעמבער 1795, ווען מען האָט איר ארויסגעגעבן קיין דייטשלאנד אלס טויש פאר איניקע געפאנגענע קאנווענט־מיטגלידער.

די פירשטן ד׳אנגולעם האט געטראגן אין זיך א געוואלדיקע האס צו דער רעוואָלוציע, זייענדיק אַ זער ענערגישע פרוי, האָט זי געהאט א גרויסן איינפלוס אויף די לעצטע בורבאנען, לודוויק דעם אכטצנטן און שארל דעם צענטן. אויף דער דאזיקער פרוי האט נאפּאָלעאָן געזאגט: „זי איז דער איינציקער מאן צווישן דער גאַנצער פאַמיליע“.

דער האטעל ד׳אנגולעם ליגט היינט ווייט פון דער אריסטאקרא־טישער געגנד, אין זיין הויף קלויבן אלטווארג־הענדלער איבער זייע־רע סחורות און וויסן נישט זיין „יחוסדיקע“ פאַרגאַנגנהייט.

יא, די געגנד ארום דעם טעמפּל־סקווער איז רייך אין היסטארישע מאנומענטן, אין דעם גערטנדל שפּריצט תמיד א קליינער פאנטאן, די פייגל און טויבן שמועסן אומאויפהערלעך מיטן ליב־שמייכלענ־דיקן, אמאל אזוי בארימטן און היינט כמעט פארגעסענעם דיכטער בעראנזשע, און גאנץ אין א ווינקל פון גארטן, אנטקעגן איבער די רי דעז ארשיוו שטייט די בראנזענע פיגור פון אלטן פילאזאף דיאגען און זוכט אין איבערפילטן סקווער א... מענטש.

קאפיטל 5.

# דאס מארס-פעלד

איינס פון די שענסטע שפאצירן אין פאריז איז אן שום ספק, ארום אייפעל־טורם, וווהין איטלעכער אײלט גלייך אין די ערשטע טעג פון זיין קומען אין דער שטאט, אום צו זען און באוואונדערן, דאס אין דער גארער וועלט אזוי בארימטע ווערק פון אינזשיניער גוס־טאוו אייפעל.

שטענדיק שפאצירן דא גרופן וואס רייסן זייערע קעפ צום שפיץ פון דעם מעטאלענעם גיגאנט, פליאנטערן זיך ביי זיינע פיס און שמייכלען פיל מיט באוואונדערונג פאר דער פאנטאזיע און געוואגט־קייט פון דעם מענטשן אייפעל און פאר דער שטאט גופא, וואס האט רעאליזירט אזא וואונדער.

און ארום דעם אייפעל־טורם איז אויסגעשפרייט א פרעכטיקער גארטן, דאס א. ג. מארס־פעלד, וואס ציט זיך אוועק ביז צו דער מיליטער־שול וואס ליגט אומגעפער א קילאמעטער ווייט פון דאנען, און אויף דער אנדערער זייט סען, אויף דער שאיא־הויכקייט ליגט דער נייער פאלאין אויסגעבויט אין א האלבן רונד, און בלענדעט אין זוניקע טעג, מיט זיין ווייסקייט.

גאנץ אנדערש האט עס דא אויסגעזען אין 18 י. ה. דאס מארס־פעלד האט זיך דעמאלט געפינען ווייט פון דער שטאט, און געווען פוסט און וויסט, פול מיט גריבער און בערגער, בלויז א קליינע טייל פונם פעלד, נאענט פון דער מיליטער־שול, וואס איז נאך אויסגעבויט געווארן אין יאר 1755, האט געדינט אויף מיליטערישע איבונגען און דערפאר טאקע האט מען דאס ארט אנגעהויבן רופן דאס מארס־פעלד.

לסוף פון 18 י. ה. מיטן אנרוקן זיך פון די גרויסע רעוואלוציאנע־רע אויפטרייסלונגען וואס דאס לאנד האט דורכגעמאכט, איז דאס מארס־פעלד געווען אן עדות פון וויכטיקע געשעענישן, אויף דעם

פלאץ האבן זיך אפגעשפילט פיל היסטאריש אקטן, די ערד דא האט אין זיך איינגעזאפט בלוט און טרערן וואס זיינען דא פארגאסן גע־ווארן און וועלכע האבן דאס מארס־פעלד פאראייביקט אין דער גע־שיכטע פון פאריז.

— — — — — — — — — — —

נישט געקוקט אויף דער געשיכטע וואס דאס פראנצויזישע פאלק האט געהאט הינטער זיך ביז צום יאר 1789, האבן די פראנצויזישע מאסן פון די פארשידנסטע ווינקלען פון לאנד זיך דאך נישט גע־פילט ווי א פאלק מיט געמיינזאמע אינטערעסן און געמיינזאמען גורל. צו שטארק איז נאך אין לאנד געווען ענטוויקלט די אפגעזונ־דערטקייט פון איין פראווינץ מיט דער אנדערער, פון איין שטאט און דער צווייטער.

מיטן אויסברוך פון דער רעוואלוציע און די פראבלעמען וואס די געשעענישן האבן יעדן טאג אלץ מער און מער ארויסגערוקט, און וואס האבן געפאדערט א צופרידנשטעלנדיקע לעזונג, איז כסדר גע־וואקסן דער באוווסטזיין פונם געמיינזאמען שיקזאל, און ס'האט זיך אנגעהויבן די דערנענטערונג פון איין שטאט מיט דער אנדערער, פון איין פראווינץ מיט דער צווייטער, וואס האט זיך לסוף אויסגע־גאסן אין א גאנץ נייער דערשיינונג: שטעט און דערפער האבן זיך אנגעהויבן פעדערירן, פארמעל זיך פארבונדן איינס מיט דאס אנ־דערע כדי געמיינזאם זיך צו פארטיידיקן און העלפן. דעם 26 אקטא־בער 1789 האבן פופצן ברעטאנישע קאמונעס זיך פארבינדן אין איין פעדעראציע, גלייך דערנאך, דעם 29 נאוועמבער האבן פערצן שטעט אין דאפינע אויך געשלאסן צווישן זיך אזא אפמאך וועגן איי־ניקייט. דעם 15 פעברואר 1790 האבן דעלעגאטן פון אנזשו און ברעטאן אויף זייער צוזאמענקום אין פאנטיווי, דערקלערט פייערלעך אז „ס'איז מער נישט פאראנען קיין ברעטאנער און אנזשוער נאר בירגער פון איין און דער זעלבער אימפעריע".

די דאזיקע דערשיינונג האט גיך ארומגעכאפט דאס גאנצע לאנד און געהאלפן באשאפן דאס באוווסטזיין פון געמיינזאמען גורל און נאציאנאלע איינהייטלעכקייט א ל ס פ א ל ק, אזוי ארום איז געבוירן געווארן דער באגריף פון פאטריאט. און אין שייכות מיטן דערנענטערן זיך פונם יאר־טאג ווען ס'איז געפאלן די באסטיליע, איז באשלאסן געווארן דעם טאג פון 14 יולי 1790 צו פייערן אלס יום-טוב פון דער פעדעראציע צו וועלכן איטלעכעס ווינקעלע פון

לאנד וועט שיקן אירע דעלעגאטן קיין פאריז, און אז דער פלאץ וווּ די פייערונג וועט אדורכגעפירט ווערן, וועט זיין דאס מארס־פעלד.

מען ריכט זיך אויף טויזנטער און טויזנטער אנטיילנעמער, און מען הויבט אן צוגרייטן דאס מארס־פעלד צום יום טוב. מען דארף אפרוימען בערגער און פארשיטן גריבער, מען דארף א חוץ אלעם ריין מאכן דאס פעלד און נאך און נאך.

איינִיקע טעג פאר דער פייערונג, שרייבן די צייטונגען אז דאס פעלד איז נאך ווייט נישט גרייט, אז ס'פעלן מענטשן צו דער אר־בעט. דער אינטערעס צו דער פייערונג איז אזוי גרויס אז די ידיעה פון פעלן ארבעטער, און דער רוף צו די פאריזער, וואס באווייזט זיך גלייכצייטיק, צו קומען העלפן, רופט ארויס א נייעם אויסברוך פון באגייסטערונג. דער עולם לאזט זיך אהין העלפן. זעכציק טויזנט פערזאן באארבעטן דאס פעלד. מיט לאפאטעס און האנט־וועגעלעך טרעפן זיך דארט צונויף אריסטאקראטן און בורזשועו, גלחים און ארבעטער וואס גרובן און שלעפן זאמד און שטיינער, פארזעצן בלו־מען און מאכן אלע אנדערע נויטיקע ארבעטן, אלעמען באהערשט א געוואלדיק געפיל פון ברידערלעכקייט, פון פרייד, פון אייניקייט...

די פייערלעכקייט וואס דאס מארס־פעלד האט געזען דעם 14 יולי 1790 איז טאקע געווען גראנדיעז, און האט געמאכט א שטארקן איינ־דרוק אויף איטלעכן. גאנץ פאריז איז דארט אהינגעקומען. אין דער מיט פון פעלד האט מען אווקגעשטעלט אן אלטאר דעם פאטער־לאנד. דער בישאף פון אטאן (דער שפעטערדיקער נאפאלעאנישער אויסערן־מיניסטער טאליראן) אנגעטאן אין זיינע קירכע־קליידער האט געפראוועט דאס גאטעסדינסט ארומגערינגלט מיט פיר הונ־דערט גלחים אנגעטאנע אין זייערע ווייסע ריזן, ארומגעגארטלט מיט דרייפארביקע בענדער, און מיט צלמים אין די הענט, האבן זיי געבענטשט די פאן פון דער נאציאנאלער גווארדיע און די פענער פון אלע 83 דעפארטאמענטן.

אויף א ספעציעל אוועקגעשטעלטן טראן איז געזעסן לודוויק דער זעכצנטער, די קעניגן און דער טראן יורש. אויפשטעלנדיק זיך, האט לודוויק הויך דערקלערט „כ'שווער אנצווענדן די גאנצע מאכט וואס כ'האב באקומען אויף דעם קאנסטיטוציאנעלן אופן פון דער מלוכה, אונטערצושטיצן די קאנסטיטוציע פון דער נאציא־נאלער פארזאמלונג”, דערנאך האט מאריע אנטואנעטע, נעמענ־דיק אויף די הענט דעם קרוין־פרינץ און ווייזנדיק אים דעם פאלק

זיך אפּגערופן: „אט איז מיין זון. ער טיילט די זעלבע געפילן וואס איך“...

וואס מאריע אנטואנעטע האט געפילט, דאס ווייסן מיר היינט זער גוט, די מאַסן האָבן אָבער דעמאָלט געגלויבט, זיי האָבן זיך נאָך באַציִיגן צום קעניגלעכן פּאר מיט צוטרוי, קיינעם האט נישט געחלומט וועגן דער ווענדונג וואס ס׳וועלן אננעמען די נאָענטסטע געשעענישן, און דאס פאלק האט געיובלט: „ס׳זאל לעבן דער קעניג“ האבן די מאסן גערופן פון אלע זייטן, אזוי האבן זיי אויך שטורמיש באגריסט דעם גענעראל לאפאיעט וואס האט אנגעפירט מיט דער פייערונג. בעת דער גענעראל איז צוגעקומען צום אלטאר, ארויפגעלייגט זיין שווערד און געשווירן טרייהייט דער נאציע, געזעץ און דעם קעניג, זיינען אלע געווען אויסער זיך פון פרייד, קיינעם פון די פארזאמלטע האט דאך נישט געקענט איינפאלן אז א יאר שפּעטער, וועט לאפאיעט, אויף דעם זעלבן מארספעלד היישן שיסן אין די פאריזער מאַסן, און פארגיסן זייער בלוט.

פארלאזנדיק דאס מארס־פעלד איז די שטימונג ביים עולם געווען גאר א געהויבענע, אבער קורץ דערנאך האבן די אנקומענדיקע געשעענישן אנגעהויבן אויסניכטערן די מאסן. פון טאג צו טאג איז אלץ קלארער געווען אז דער קעניג און זיינע נאענטע סאבאטירן די רעוואלוציע, נאר דעם שטארקסטן רושם האט אויף זיי געמאכט לודוויק דעם זעכצנטנס פּרובע צו אנטלויפן דעם 20 יוני 1791 פון פאריז, אום כדי זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון מיליטער וואס זאל דערשטיקן די רעוואלוציע.

דאס צוריקברענגען קיין פאריז דעם דורכן פאלק דערקענטן און פארהאלטענעם קעניג, האט ארויסגערופן א געוואלדיקן אויסברוך קעגן דער מאנארכיע, פון אלע זייטן טראגט זיך א רוף: „נידער מיטן קעניג“, „פראנקרייך דארף ווערן א רעפּובליק“, די אידעי פון מאָנאַרכיע איז ביז גאָר קאָמפּראָמעטירט. פון די לינקע יאקאבינער פאלט א פארשלאג צו רופן די מאסן אויפן מארספעלד אונטערצושרייבן א פאלקס־פּעטיציע וועגן פארוואנדלען פראנקרייך אין א רעפּובליק, און אלס טאג פון אונטערשרייבן די פּעטיציע ווערט באשטימט דער 17 יולי 1791.

דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז פון די מאסן דערשרעקט די בורזשואַזיע וואס איז באטייליקט אין די ערשטע רעוואָלוציאנערע קאמפּן צוליב זייער שטרעבן נאך רעכט פאר זייער קלאס; קוים

האבן זיי עס דערגרייכט, האלטן זיי אז די רעוואָלוציע דארף באַטראכט ווערן פאר געענדיקט, זיי שרעקן זיך פאר יעדן נייעם אויסברוך פון די ארעמע מאסן וואס קענען זיך נישט באַגענוגענען בלויז מיט גלייכקייטס־געזעצן און פאדערן אויך א לינדערונג פון זייער נויט. די בורזשואַזיע קערט זיך אָפּ פון די רעוואָלוציאָנערע רייען וואס ווערן אזוי ארום שוואכער, דעם 17 יולי, ווען אויף דעם מארס־פעלד שרייבן טויזנטער מענטשן אונטער די רעפּובליקאַנישע פּעטיציע, באַווייזט זיך לאַפאַיעט אין דער שפּיץ פון דער נאציאנאלער גווארדיע, ס'קומט צו א צוזאמענשטויס און לאַפאַיעט וואס האט מיט א יאר צוריק, אויף דעם זעלבן פעלד, ביי דעם זעלבן פאטערלאנד־אלטאר געשווירן טרייהייט דעם פאלק, באַפעלט זיין מיליטער צו שיסן אין די מאסן, און דערהרגעט פיל פון די פאריזער.

גלייך נאך דעם שיסן אויף די רעפּובליקאַניש ־ געשטימטע מאסן, הויבט זיך אן אַ רעאקציע אין לאנד. ראָבעספּער און מאראט מוזן א געוויסע צייט זיך אויסבאהאלטן, דאנטאן פארט אַפּ קיין ענגלאנד, די נאציאנאלע פארזאמלונג פאלסיפיצירט דעם אמת און באשליסט אז „לודוויק דער זעכצנטער איז נישט אנטלאָפן, נאר מען האט אים געוואלט אויפכאפּן", מען פּרובירט מיט אלע מעגלעכקייטן אָפּצושטעלן דעם פאראויסמארש פון דער רעוואלוציע, די רעאקציע איז אזוי שטארק אז מאראט אליין גלויבט שוין אז אליץ איז פארשפּילט, אז דער אויפבּרויז וואס האט זיך אזוי פּרעכטיק אנגעהויבן, ווערט דערשטיקט.

לודוויקס מאכט איז שוין אבער געבראכן; די מאנארכיע איז ביז צום גרונד קאָמפּראָמעטירט. ס'העלפן נישט די פּרובן ריינצוּוואשן דעם קעניג און צו דערהאלטן די מאנארכיסטישע פארם, און אין יאר 1792 ווערט פראנקרייך ענדלעך פארוואנדלט אין א רעפּובליק.

די רעוואָלוציע וואס האט אויפגעטרייסלט דאס לאנד, אָפּגעשאַפט די מאנארכיסטישע פארם, פארניכטעט די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס און געפירט אַ מוראדיקן קאַמף קעגן די ווייסע אַרמייען, אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, האָט אויך געפירט מלחמה מיט דער קאַטוילישער קירכע וואָס אַ גרויסע טייל פון אירע דינער האבן זיך טאקע אנגעשלאסן אין דער רעוואלוציע, ווי דער באַרימטער סיעס, גאבעל, גרעגואַר און פיל אַנדערע. אבער די

מערהייט קירכן־דינער זיינען פארבליבן די שטיצע פון דער רע־אַקציע און כסדר אינטריגירט קעגן דער רעוואָלוציע. דאָס לעצטע, האָט סוף־כל־סוף אַרויסגערופן דאָס קאָנפיסקירן ביי דער קירכע איר פאַרמעגן, דאָס אויספאַרקויפן קירכעס אויף צו בויען וווין־הייזער פון זייערע שטיינער, און לסוף אויך דורך גרינדן נייע רעליגיעס, ווי דער „גלויבן אין פאַרנומפט" און פון „העכסטן וועזן".

בעת די לינקע עלעמענטן, אנגעפירט דורך קלאָץ און גאבעל שטורמען די קאטוילישע רעליגיע, ווערט זי פארטיידיקט דוקא דורך... דאנטאנען און ראבעספיערן, כאָטש זיי ביידע זיינען גאר־נישט קיין גלויביקע, זיי טוען דאָס צוליב מלוכישע טעמים. ראָ־בעספיער דערקלערט די קעמפער קעגן קריסטנטום פאר פארעטער און פאר אגענטן פון פראנקרייכ׳ס שונאים... שפעטער הייבט דער זעלבער ראבעספיער אן צו שטיצן די רעליגיע פון „העכסטן וועזן" וואס ווערט ענדלעך דערקלערט אלס אפיציעלע רעליגיע פון פראנק־רייך א דירעקטאָריע פון פינף הערשער מיט באראסן אין דער דראט דער פאנאטיקער ראבעספיער וואס האט שוין אין יאר 1794 די גאנצע מאכט אין זיינע הענט, מ י ט ט ו י ט ־ ש ט ר א ף, פ א ר נ י ש ט ג ל ו י ב ן. און שיקט טאקע אפ צו דער גי־לאטינע דעם געוועזענעם גלח גאבעל און דעם רעוואָלוציאָנער עבער־מעט, ווייל די לעצטע האבן גאר פארטיידיקט די רעליגיע „פון פארנומפט", און דעם 8 יוני 1794 ווערט אונטער ראבעספיער׳ס אנפירונג איינגעאָרדנט א גראנדיעזע יום־טוב־פייערונג אויף דעם מארס־פעלד לכבוד „דעם העכסטן וועזן".

ווידער זאמלען זיך דא טויזנטער פון פאריזער פאלק, די פייער־לעכקייט איז גראנדיעז, ביז גאר אימפאזאנט, אבער דאס אלץ טראגט אן אָפיציעלן כאראקטער, די שטימונג איז א געמאכטע, קיינער גלויבט נישט אין ראָבעספיערס נייעם אויפטו, און אז אין איניקע וואכן ארום פאלט ענדלעך ראבעספיערס קאפ, ווערט אויך צונישט זיין איינגעשטעלטע רעליגיע פון „העכסטן וועזן" וואס פלאצט ווי א זייפן בלאָז.

נאכן פאלן פון ראבעספיערן ווערט איינגעשטעלט אין פראנק־רייך אַ דירעקטאָריע פון פינף הערשער מיט באראסן אין דער שפיץ. דער קריזיס איז גרויס, די מאסן הונגערן, די סיטואציע איז ביז גאר א שווערע און די דירעקטאָריע זוכט צו פארשפילן די מאסן דורך איינאָרדנען גרויסע פאַרווייליונגען, וואָס שפילן זיך טאַקע אָפּ

אויף דעם מארס־פעלד, און דעמאלט טאקע, ווערט אין יאר 1798 איינגעאָרדנט אויף דעם מאַרס־פעלד די ערשטע פראנצויזישע לאנד־אויסשטעלונג.

נאך די רעוואָלוציע־אויפטרייסלונגען און מלחמות וואס דאס לאַנד האָט אַדורכגעמאַכט, איז די אויסשטעלונג אויפן מאַרס־פעלד געווען אַ גרויס נייעס וואס האט ארויסגערופן ביי איטלעכן אין לאנד און אפילו אין אויסלאנד א גרויסן אינטערעס, דערצו האט די דירעקטאָריע געזוכט מיט דער אויסשטעלונג צו באווייזן די שעפערישקייט פון דעם פריי־געוואָרענעם פראנצויזישן פאָלק, דאָס האט געזאלט זיין א גרויסע דעמאנסטראציע פון רעפובליקאנישן פראַנקרייך, קעגן דעם אייראָפּעאישן פעאָדאַליזם, די בורזשואזיע וואס איז א דאנק דער רעוואָלוציע געקומען צו דער מאכט, האט געזוכט אַזוי ארום צו באפעסטיקן אירע פּאָזיציעס, און דאס מארס ־ פעלד אויף וועלכן ס׳האבן זיך שוין אפגעשפּילט אזוי פיל געשעענישן, איז ווידער אמאל געווארן דער צענטראלער פונקט וווהין אלע האבן געאיילט זען די שאפונגס־פעאיקייט פון פאלק וואס האט זיך סוף־כל־סוף באפרייט פון דער פעאָדאלער הערשאפט און צעשלאגן אירע אויסערלעכע שונאים.

לאַנגזאַם גייט אויף דער שטערן פונ׳ם גענעראַל באָנאַפּאַרט, ער ווערט מעכטיקער פון טאָג צו טאָג ביז ער דערקלערט זיך אַלס קייזער פון פראַנקרייך, און דעם 3 דעצעמבער 1804, אַ טאָג נאָך זיין קרוינונג פירט ער אַדורך אויף דעם מאַרס־פעלד אַ גראַנדיעזן מיליטער־פּאַראַד. נאַפּאָלעאָן האָט אויסגעקליבן פאר זיין אימפּעריע, דעם אָדלער אַלס הערב, און ער טיילט דאָרט אָדלערס צו די פענער פון די מיליטער־פאָרמאַציעס. דער דאָזיקער פּאַראַד איז זער פיל באַשריבן געוואָרן, און אין דער מאלעריי פאַראייביקט געוואָרן אויף אַ גראַנדיעזן לייוונט דורך דעם גרויסן דאוויד.

נאַפּאָלעאָן גייט פון איין נצחון צום אַנדערן, באַהערשט אַלץ מער אייראָפּע, וואַרפט אום און שטעלט אויף טראָנען, ביז ס׳קומט דאָס יאָר 1812, דעמאָלט ווען נאַפּאָלעאָן געפינט זיך אין רוסלאַנד, קומט פאָר אין פאַריז די באַרימטע פאַרשווערונג פון גענעראַל מאַלע וואָס איז געווען געניאַל אין איר אַוואַנטוריסטישער פשוטקייט און וואָס האָט געקאָסט אַסך לעבנס.

זייענדיק גובערנאַטאָר פון רוים, איז דער גענעראַל מאַלע, אין יאָר 1808, געכאַפּט געוואָרן ביי אַ נישט ערלעכער האַנדלונג, און דערפאַר

באזייטיקט געוואָרן פון דער אַרמעי. ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ שנאה צו נאַפּאָלעאָנען, און בעת דער לעצטער פּאַרט אָפּ אין יאָר 1812 קיין רוסלאַנד, פאַרבינדט זיך מאַלע מיט נאָך אייניקע פער־זאָן, און גרייט צו זיין באַרימטע פאַרשווערונג.

דעם 23 אָקטאָבער 1812, פינף אַ זייגער פון אַ רעגנדיקן פינצ־טערן פאַרטאָג, האָט דער גענעראַל מאַלע, אנגעטאָן אין פולער פּאַראַדנער פאָרם און אין דער באַגלייטונג פון צוויי מיטהעלפער, איינער אַלס זיין אַדיוטאַנט און דער צווייטער אין ציווילע קליידער נאָר מיט אַ קאָמיסאַרן־שאַרף, אנגעקלאַפּט אין איינע פון די פּאַרי־זער קאַזאַרמעס, ער לאָזט אויפוועקן דאָס מיליטער, פאַראָרדנט אַז אַלע זעקס קאָמפּאַניעס זאָלן זיך זאָפאָרט און אין פולער באַוואפע־נונג פאַרזאַמלען אין הויף פון דער קאַזאַרמע, און אַז די זעלנער זיינען שוין געשטאַנען גרייט, האָט ער זיך צו זיי געווענדעט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „זעלנער, דער בעאַמטער וואָס באַגלייט מיך, וועט אייך מיטטיילן די באַפעלן פון סענאַט“.

אַלע זיינען געווען געשפּאַנט, און מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צום אומבאַקאַנטן גענעראַל. דער ציווילער מאַן מיט דעם קאָמי־סאַרן־שאַרף וואָס האָט באַגלייט דעם גענעראַל האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ פּאַפּיר און אנגעהויבן פון דאָרט אַרויסלייענען אַזאַל־כעס וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט מיט דעם אומגעוויינלעכן אינ־האַלט:

„דער סענאַט — האָט ער פאָרגעלייענט — וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אויף אַנ׳אויסעראָרדענטלעכער זיצונג, האָט אויס־געהערט די מיטיילונג וועגן טויט פון׳ם קייזער נאַפּאָלעאָן, וואָס איז געשען הינטער די מויערן פון מאָסקווע דעם 7 אָק־טאָבער. אַרומטראַכטנדיק גענוי די אַזוי וויכטיקע געשעעניש האָט ער אויסגעקליבן פון זיך אַ קאָמיסיע וואָס זאָל זאָפאָרט באַטראַכטן די מיטלען צו ראַטעווען דאָס פאַטערלאַנד פון די אומפאַרמיידלעך דראָענדיקע געפאַרן, און אויסהערנדיק די קאָמיסיע, באַשלאָסן.“

ס׳זיינען נאָכגעקומען אַ גאַנצע רייע פונקטן וואָס האָבן קריטי־קירט נאַפּאָלעאָנ׳ס רעזשים, אַז ער האָט נישט געבראַכט קיין גליק דעם פאָלק, נאָר כסדרדיקע מלחמות, אַז דאָס מיליטער וועט אין גיכן באַפרייט ווערן א. ז. א. וו.

אַזוי אַרום האָט זיך אנגעהויבן די דאָזיקע פאַרשווערונג, וואָס

האָט איבעראַשט אַלע זעלנער. אין דער מיטיילונג וועגן נאַפּאָ־לעאָנס טויט, האָט קיינער נישט געהאַט קיין סיבה צו צווייפלען, און אַלע האָבן געהאָרכזאַם אויסגעפירט די באַפעלן פון גענעראַל מאַלע, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן דעם אַרוים און אַריינפאָר אין פּאַריז און איז אַוועק אין דער קאָמענדאַנטור פאָדערן דאָס איבערגעבן אים די מאַכט. דאָרט האָט זיך אויפגעקלערט דער שווינדל, און אַז מען האָט ביים גענעראַל מאַלע געפאָדערט ער זאָל באַווייזן דעם שריפט־לעכן באַשלוס פון סענאַט, האָט ער אנגעהויבן שיסן, מען האָט אים גלייך ענטוואָפנט, און עלף אַ זייגער פאַרמיטאָג איז די פאַרשווערונג געווען געענדיקט. מאַלע מיט נאָך 23 פּערזאָן זיינען ארעסטירט געוואָרן, און דעם 28 אָקטאָבער, פינף טעג נאָך דער פאַרשווערונג זיינען זיי שוין געשטאַנען פאַרן געריכט.

בעת דער פּאָרזיצנדער ווענדעט זיך צום גענעראַל, ער זאָל זאָגן ווער ס'זיינען געווען זיינע מיטהעלפער, ענטווערט אים מאַלע:

— מיינע מיטהעלפער וואָלטן געווען אַלע, גאַנץ פראַנקרייך, און אפילו איר הער פּאָרזיצנדער, אויב מיין פאַרשווערונג וואָלט נאָר געלונגען.

דער אורטייל איז געווען זער אַ שטרענגער: 14 פּערזאָן זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און דערשאָסן געוואָרן, די איבריקע, אַלע מיליטער־לייט זיינען ארויסגעבערענגט געוואָרן אויף דעם מאַרס־פעלד, און דאָרט האָט מען זיי מיט אַ ספּעציעלער מיליטערישער צערעמאָניע דעגראַדירט פון אַלע זייערע מיליטערישע אויסצייכ־נונגען און פאַרשיקט אויף שווערע קאַטאָרגע אַרבעט.

דאָס וואָס ס'איז נישט געלונגען דעם גענעראַל מאַלע, איז פּאָרט געשען מיט אַנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער דורך דער פאַרייניקטער אייראָפּעאישער קאָאַליציע וואָס האָט אין יאָר 1814 מנצח געווען נאַפּאָלעאָנען און אים געצווונגען צו אבדיקירן. און אין לאַנד קומען צוריק די בורבאָנען, אָבער אין יאָר 1815 הויבט נאַפּאָלעאָן אויף אַנ'אויפשטאַנד, ער זעצט זיך אין געהיים אַרוים אויף דער פראַנ־צויזישער ערד, אים געלונגט צו געווינען די אַרמעי אויף זיין זייט, און ס'הויבן זיך אָן די באַרימטע „הונדערט טעג".

די אייראָפּעאישע קאָאַליציע קעגן נאַפּאָלעאָנען לעבט אויף דאָס ניי אויף. מען גרייט זיך צו אַנ'ערנסטער דעצידירנדיקער מלחמה, אום אויף תמיד אַ סוף צו מאַכן צו נאַפּאָלעאָנען. פראַנצויזישע פּאַטריאָטן ווערן ביז גאָר באַאומרואיקט פאַרן גורל פון זייער

לאַנד, און מענער וואָס האָבן ביז אַהער ביטער באַקעמפט באָנאַ־פּאַרטן טרעטן אים צו העלפן, אום כדי צו ראַטעווען פראַנקרייך פון דעם אומגליק וואָס דעם לאַנד דראָט, אויב נאַפּאָלעאָנס אַוואַנטורע זאָל אַדורכפאַלן. ס'שטעלן זיך אים העלפן אַזאָלכע מענער, ווי דער דיכטער בענזשאַמאַן קאָנסטאַן, דער גענעראַל לאַזאַר קאַרנאָ וואָס האָט אָרגאַניזירט די רעוואָלוציאָנערע אַרמעי און אין יאָר 1792 אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן נצחון איבער דעם אויסערלעכן שונא. ס'איז דאָך באַוווסט אַז דער גרויסער געטע וואָס האָט בייגעווינט די שלאַכט ביי וואַלמי, און זעענדיק מיט וואָס פאַרא ענטוזיאַזם די פראַנצויזישע אַרמעי גרייפט אָן אונטער קאַרנאָס אָנפירונג, האָט ער אויסגערופן: „ס'איז דער אנהויב פון א נייער עפּאָכע אין דער געשיכטע". אין נאַפּאָלעאָנס לאַגער גייט אויך אַריבער איינער פון זיינע גרעסטע שונאים, די מאַדאַם דע סטאַל, וועמען נאַפּאָלעאָן האָט בעת זיין פריערדיקער הערשאַפט, אַרויסגעשיקט פון לאַנד, און וועלכע איז אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע און גע־בונטעוועט קעגן אים. ס'איז באַוווסט איר באַרימטער אויסדרוק מיט וועלכן זי האָט זיך אנגעשלאָסן אין נאַפּאָלעאָנס פאַרשווערונג:

« Si Napoléon triomphe, c'en est fait de la liberté ; s'il succombe devant l'Europe, c'en est fait de l'independence nationale ! *)

און אויף דאָס ניי צעפלאַקערט זיך אין אייראָפּע די מלחמה.

פאַרן אָפּפאָרן אויפן שלאַכט־פעלד פירט נאַפּאָלעאָן ווידער אַמאָל דורך אַ גרויסן מיליטערישן פאַראַד אויף דעם מאַרס־פעלד, ווי אין די אַמאָליקע גוטע טעג פון יאָר 1804 בעת ר'האָט נאָך דער קרוינונג, געטיילט זיין מיליטער אדלערס. אויף דעם דאָזיקן מי־ליטער־פאַראַד. דעם 1 יוני 1815 פראָקלאַמירט אויך נאַפּאָלעאָן זיין ליבעראַלע קאָנסטיטוציע.

דאָס דערשיינען נאַפּאָלעאָנס פאַרן מיליטער און טויזנטער פון פאַריזער פאָלק וואָס האָבן אים געוואָלט זען פאַר זיין אָפּפאָרן אויפן שלאַכט־פעלד, איז געווען אַ גרויסע ענטוישונג פאַר איטלעכן, אַלע האָבן געהאָפט צו זען דעם קייזער ווי אַ זעלנער, די געשפאַנט־קייט פון'ם מאָמענט האָט געמאַלט נאַפּאָלעאָנען און גרויען מילי־

---

*) „אויב נאַפּאָלעאָן זיגט איז אַ סוף צו דער פרייהייט, אויב ער פאַלט, איז אַ סוף צו אונזער אומאָפּהענגיקייט".

טערישן מונדיר מיט זיין דריי־ווינקל הוט אויפן קאפ, מיט זעלנע־רישער פשוטקייט, מיט וועלכער ער האט אין די ערשטע צייטן פון זיין קאריערע געוואונען די סימפאטיע פון זיין מיליטער. נאפא־לעאן איז אבער דערשינען אין רייכע פאראד־קליידער וואס האבן נישט דערמאנט אין קיין קריגער נאר אין א האר, איטלעכער איז געווען ענטוישט, און די שטימונג איז געווען א קאלטע.

דער דאזיקער מיליטער־פאראד אויף דעם מארס־פעלד, דעם 1 יוני 1815 איז געווען נאפאלעאנס לעצטער פאראד אין פאריז. באלד דערנאך איז געקומען וואטערלאא און די פארשיקונג אויף דעם ווייטן, ווייטן אינזל.

אין יאר 1848 ווען פאריז מאכט ווידעראמאל דורך רעוואלוציא־נערע טעג, ווערן יעדע נאכט אהערגעברענגט אויפן מארס־פעלד פארהאלטענע פארברעכער און דא ווערן זיי דערשאסן.

אין דעצעמבער 1851 קומען ווידער פאר בלוטיקע טעג אין פא־ריז; נאפאלעאן דער דריטער שטעלט איין זיין דיקטאטור, און פארפלייצט די שטאט מיט בלוט פארן פרובירן זיך אנטקעגנשטעלן זיין פארשווערונג, דעמאלט אויך ברענגט מען אהער אויפן מארס־פעלד 337 צופעליק ארעסטירטע וואס ווערן דא דערשאסן. ערשט נאכ'ן דערהרגענען די מענטשן, שטעלט מען צונויף א ליסטע פון זייערע נעמען.

אין יאר 1852 איז פראנקרייך ווידעראמאל אנ'אימפעריע; נא־פאלעאן דער דריטער, זוכט מיט אלע מעגלעכקייטן נאכצוטאן זיין בארימטן פעטער; אויף דאס נייע פירט ער איין אין לאנד דעם נאפאלעאנישן אדלער, און דעם 10 מאי 1852 פירט ער דורך אויף דעם מארס־פעלד אויך אזא גראנדיעזן מיליטערישן פאראד, טיילנ־דיק אדלערס פאר די פענער פון דער ארמיי.

דאס מארס־פעלד ווערט כסדר אויסגענוצט פאר גרויסע פייער־לעכקייטן און אויסשטעלונגען וואס קומען פון צייט צו צייט פאר. אין יאר 1889 צוליב הונדערט־יאר פראנצויזישע רעוואלוציע, ווערט דא איינגעאָרדנט א גראנדיעזע אויסשטעלונג צו וועלכער ס'ווערט פארענדיקט דער אייפל־טורם וואס איז ביז היינט צו טאג פאר־בליבן איינס פון די זעאונגסווערטע ווערק וואס דער מענטשלעכער גייסט האט באשאפן.

אז מען האט זיך דערוווסט אין פאריז וועגן פלאן אויסצושטעלן אויף דעם מארס־פעלד אזא מעטאלענעם טורם, איז געווארן א

גרויסער טומל. די באַדייטנדיקסטע מענער פון דער ליטעראַטור און קונסט האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, אַז אַזאַ טורם וועט פאַרמיאוסן פּאַריז, די צייט האָט אַרויסגעוויזן זייער טעות, דער אייפעל־טורם איז אַזוי ענג צונויפגעוואַקסן מיטן פּלאַץ און גיט צו דעם מאַרס־פעלד אַזאַ אָרגינעלן גלאַנץ, אַז מען קען זיך דאָס אָרט מער נישט פאָרשטעלן אָן דעם מעטאַלענעם גיגאַנט.

צו פיסנס פונ׳ם טורם האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ באַשיידענעם דענקמאָל דעם אינזשיניער גוסטאַוו אייפעל, וועלכער האָט פון יאָר 1889 אָן, געוווינט אין דער הויך אויף זיין טורם, ביז צום יאָר 1923 ווען ער איז אין דער עלטער פון 91 יאָר געשטאָרבן.

יאָ, די געשיכטע פון מאַרס־פעלד איז רייך, דאָס פעלד איז געווען אַנ׳עדות פון אַן אַ שיעור געשעענישן וואָס פּאַריז האָט איבערגעלעבט. היינט איז עס פאַרוואַנדלט אין אַ שיינעם פּאַרק, פאַרפלאַנצט מיט בלומען און ביימער, ס׳איז דאָס אָרט ווו טוריסטן קומען אויפהערלעך אַהער באַטראַכטן דאָס מעטאַלענע וווּנדער פון דער טעכניק, רייסן זייערע קעפּ צום שפּיץ פונ׳ם טורם ווו אַ מענטש, פאַרמאַכט אין אַ באַזונדער צימערל רעדט זיך דורך מיט דער הילף פון ראַדיאָ־כוואַליעס, מיט דער גאַנצער מענטשהייט, און דערציילט די געשיכטע פון פעדעראַציע־יום־טוב, פון לאַפאַיעטס בלוט־פאַרגיסונג, פון ראָבעספּיערס פייערונג פון „העכסטן וועזן״, וועגן די נאַפּאָלעאָנישע פּאַראַדן און פיל אַנדערע געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם דאָזיקן, היינט אַזוי פּרעכטיקן שפּאַציר־פּלאַץ.

— — — — — — — — — — —

די שאַיאָ־הויכקייט וואָס געפינט זיך אַנטקעגן איבער דעם אייפעל־טורם, אויף דער רעכטער זייט פון דער סען, מיט איר בלענדנדיק ווייסן גראַנדיעזן פּאַלאַץ האָט איר באַזונדערע געשיכטע, אַ געשיכטע פון נישט רעאַליזירטע פּלענער, און נישט אויסדויער.

נאָך אין 16 י. ה. האָט קאַטערינע מעדיטשי דאָ געוואָלט אויסבויען אַ שלאָס, נאָר עס נישט רעאַליזירט צוליב מאַנגל אין געלט, דערנאָך האָט אַ געוויסער זשאַנען דאָ אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע ווילע וואָס איז שפּעטער אָפּגעקויפט געוואָרן דורכן מאַרשאַל באַסאָמפּיער, העענריך דעם פערטנס אַ פריינט, אום זי צו נוצן פאַר זיינע ליבע־אַוואַנטורעס, שפּעטער איז די ווילע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פרויען־מאָנאַסטיר, וועלכן די רעוואָלוציע האָט צע־

שטערט. נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט דאָ געוואָלט אויסבויען אַ שלאָס פאַר זיין זון, „דעם קעניג פון רוים“, אָבער אויך דאָס האָט זיך נישט רעאַליזירט. אין יאָר 1826 ווערט די הויכקייט שאַיאָ, אנגערופן מיטן נאָמען טראָקאַדעראָ, צוליב איינעמען אין יאָר 1823 די שפּאַנישע פעסטונג דורכן פראַנצויזישן מיליטער. מען האָט דאָ אויך געזאָלט אויסבויען אַ טריאומף־בויגן פאַר דער אַרמעי, אָבער אויך דער פּלאַן איז געבליבן נישט דורכגעפירט. פאַרן ברענגען נאַ־פּאָלעאָנס אַש קיין פּאַריז, האָט מען אויך געפּלאַנט דאָ אויסצו־בויען דאָס קבר, נאָר פון דעם פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן. צו דער אויסשטעלונג פון 1878 האָט מען דאָ אויסגעבויט אַ ריזיקן קאָנ־צערט־זאַל און מוזעי וואָס איז צעוואָרפן געוואָרן אין יאָר 1937 אויף צו בויען דעם היינטיקן שאַיאָ־פּאַלאַץ, נאָר צו איז עס דעם איצטיקן בנין באַשערט לאַנגע יאָרן ?

אויפהויבנדיק זיך איבער די מאָנומענטאַלע ווייטע טרעפּ פון׳ם פּאַלאַץ קומען מיר אַרוים אויף דעם פּלאַץ טראָקאַדעראָ. דאָ הויבט זיך אָן דער פּאַריזער קוואַרטאַל פּאַסי, וואָס האָט אין פאַרגאַנגענעם י. ה. מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שיין דאַטשע־שטעטל נישט ווייט פון פּאַריז. לינקס זעען מיר דעם דענקמאָל פון בענזשאַמאַן פראַנק־לין.

דער גרויסער אַמעריקאַנער געלערנטער איז געווען דער ערשטער פאָרשטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין פראַנקרייך, בעת זיי האָבן נאָך געקעמפט קעגן די ענגלענדער פאַר זייער אומאָפּהענ־גיקייט.

פראַנקלין איז געווען דער דערפינדער פון בליץ־אָפּלייטער. מען דערציילט אַז אין אַ מאָמענט פון גרויסער אויפרעגונג צוליב פראַנק־לינס דיפּלאָמאַטישע דערפאָלגן אין פראַנקרייך, האָט דער ענגלי־שער קעניג זשאָרזש דער דריטער באַפוילן אַראָפּצונעמען די בליץ־אָפּלייטערס פון אַלע זיינע פּאַלאַצן...

דער דענקמאָל דערציילט אונדז, אַז בעת זיין אויפהאַלטן זיך אין פּאַריז, האָט פראַנקלין געוווינט אין פּאַסי וואָס איז געווען אַ צענטער פאַר פיל באַרימטהייטן.

שטייענדיק דאָ אויפן פּלאַץ זעען מיר אויך איייניקע מצבות וואָס קוקן אַרויס פון קליינעם בית עולם פּאַסי, וואָס געפינט זיך דאָ דערנעבן. אין צווישן די מצבות זעען מיר דאָס ביזאַנטישע

טורעמל פון דער קליינער שאפעל וואס שטייט אויף דעם קבר פון מאריא באשקירצעווא.

ווייניק, זייער ווייניק קענען דעם נאמען!

דאס איז געווען א רוסיש מיידל, א מאלערן, זי האט געליטן אויף א מאגיע פון וועלן ווערן בארימט, צו וואס זי האט געשטרעבט מיט אנ׳אויסערגעוועהנלעכע עקשנות, און בארימט איז זי געווארן גראד נישט דורך איר מאלעריי, נאר דורך איר׳ס א טאג בוך וואס ענטהאלט אזש גאנצע צוויי טויזנט זייטן.

דאס שרייבן דעם טאג־בוך האט איר אינגאנצן פארכאפט און אומבאמערקט פאר איר אליין געווארן די סיבה פון שרעקלעכע ליידן און דערפירט צו אנ׳אויסערגעוועהנלעכע פארשווענדונג פון אירע כוחות.

אינ׳ם פארווארט צו איר טאג-בוך וואס זי האט אנגעשריבן קורץ פאר איר טויט, שרייבט זי צווישן אנדערס פאלגנדיקע שורות:

„אויב כ׳וועל לעבן לאנג אום צו כדי ווערן בארימט, וועט דער טאג־בוך פאראינטערעסירן די נאטוראליסטן. ס׳איז דאך סוף־כל־סוף אינטערעסאנט נאכצופארשן דאס לעבן פון א פרוי וואס דערציילט פון טאג צו טאג אלץ, אן וועלכן ס׳איז מאלן זיך, ווי קיינער דארף דאס קלוימערשט נישט לייענען, און אין דער זעלבער צייט שרייבט זי עס מיט דעם פארבארגענעם פארלאנג צו ווערן דורכגעלייענט".

פיינער זיך אויסצודריקן איז דוכט זיך נישט מעגלעך.

אין איר טאג־בוך דערגרייכט מאריא באשקירצעווא צו אנ׳אויסערגעוועהנלעכער מדרגה אינ׳ם שטודירן און באשרייבן זיך אליין, און איז דערביי צו זיך פולשטענדיק אומרחמנותדיק. די דאזיקע קראנקהאפטע זעלבסטבאאבאכטונג וואס האט זיך ביי איר אנגעהויבן נאך אין אירע קינדער־יארן, האט איר דערפירט צום פייניקן זיך אליין, און מיטגעווירקט צום פארקירצן איר לעבן.

מיט איר מאלעריי האט זי נישט דערגרייכט קיין רום, נאר עס דערגרייכט דורך איר מערקווירדיק טאג־בוך וואס פארכאפט מיט דעם אמת.

געשטארבן איז זי יונג, אריבערגייענדיק די צוואנציק יאר, ליב־האבנדיק רייכקייט און גלאנץ, האט זי געבעטן מען זאל איר לייגן נישט ווייט פון די עליזעי־פעלדער, און דערפאר האט מען איר אוועקגעלעגט אויף דעם קליינעם בית עולם פאסי.

נישט ווייט פון איר קבר, אויף דעם זעלבן בית עולם, געפינען מיר אויך דאָס קבר פון באַרימטן פראַנצויזישן דיכטער און רעוואָלוציאָנער אָקטאַוו מירבאָ.

בעת די טעראָריסטישע געשעענישן וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פראַנקרייך סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט אָקטאַוו מירבאָ פאַרטיידיקנדיק די טעראָריסטן, געשריבן:

„דער מענטש האָט אַ רעכט אנצווועגדן אַלע מיטלען אום צו צעברעכן זיינע קייטן".

הינטער דעם בית עולם אויף דער אַווני עלאָ נ. 22 האָט געוווינט און איז אין יאָר 1938 געשטאָרבן דער גרויסער רוסישער זינגער פיעדאָר שאַליאַפּין.

יאָ, מיטן קוואַרטאַל פּאַסי זיינען פאַרבינדן נאָך באַרימטע נעמען ווי: מאָליער, באַלזאַק א. א. וואָס האָבן דאָ געוווינט און געשאַפן, נאָר רייכער פון אַלעם דאָ אַרום איז די געשיכטע פון מאַרס־פעלד וואָס מיר האָבן אין קורצע שטריכן פּרובירט דערציילן.

קאפיטל 6.

# דאס אינזל פון הייליקן לודוויק

אין מיטן דער סען, וואס טיילט פונאנדער פאריז, געפינען זיך צוויי קליינע אינזלען. דאס גרעסערע אינזל וואס הויבט זיך אן ביי דער נייער בריק (פאן נעף) און ענדיקט זיך ביי דער סען פאל געגנט, איז באקאנט א. נ. „סיטע"; דאס צווייטע, קלענערע אינזל, וואס ליגט א צוויי דריי צענדליק מעטר אפגעטיילט פון ערשטן, און פארייניקט דורך א קליינע בריק, איז באקאנט אלס דאס אינזל פון הייליקן לודוויק.

היינט איז די שטאט גרויס, אירע גאסן און בולווארן פארנעמען מערערע קוואדראט-קילאמעטערס ווייט אוועק פון דער סען, איז עס שווער זיך פארצושטעלן אז די דאזיקע צוויי אינזלען, וואס האבן אין 17-טן י. ה. נאך פארגעשטעלט מיט זיך גאנצע זיבן אינזלען, זיינען געווען דאס וויגעלע פון פאריז.

יא, די צוויי אינזלען זיינען דאס אמאליקע, ערשטע פאריז; דא האט די שטאט זיך אנגעהויבן פארמירן, און ביי איר געבוירן ווערן, געהייסן „ליטעציא".

ערשט אונטער לודוויק דעם 13-טן טרעט מען צו פארייניקן די אינזלען. נאך אין יאר 1843 האט דאס היינטיקע אינזל פון הייליקן לודוויק מיט זיך פארגעשטעלט צוויי אינזלען.

אבער גאנץ פארשידן איז געווען זייער גורל; די אינזלען פון דער גרופע, וואס הייסט היינט „סיטע", זיינען געווארן דער צענטער פון מלוכישן לעבן, דא האבן זיך אויסגעבויט אזוי פיל וויכטיקע געביידעס, וואס האבן געצויגן צו זיך גייער און וואנדערער. ווו עס האבן זיך אפגעשפילט אזוי פיל וויכטיקע און גרויסע געשעענישן, און אין דער זעלבער צייט, איז דאס היינטיקע אינזל פון הייליקן לודוויק, געבליבן אינגאנצן אין א זייט, אפילו די וועגן צו דער סיטע האבן נישט געפירט דורך דאנען, ס'איז געבליבן מחוץ דעם לעבן;

נאָך אין 17־טן י. ה. איז עס געווען כמעט ווי נישט באַוווינט; באַדעקט מיט גראָז אוןביימלעך, פלעגן ווייבער קומען דאָ פון אַרום וואַשן זייער וועש, און זיי דאָ טריקענען אויף דער זון. בהמות האָבן זיך דאָ געפּאַשעט; אַ לאַנגע צייט האָט מען דאָס אָרט גערופן „די קי־אינזלען“.

ערשט אונטער לודוויק דעם 13־טן, כאַפּט מען זיך אַז דאָס אינזל קען אויסגענוצט ווערן אויף בויען וווין־הייזער, מען דערזעט וואָס פאַראַ שיין ווינקל דאָס אָרט שטעלט מיט זיך פאָר, און אין דעם זעלבן 17־טן י. ה. ווערט אַנגעצייכנט דער פּלאַן פון די היינטיקע גאַסן, וועלכע זיינען דעריבער נישט ווי אין איבעריקן פּאַריז, צופעליק ענטשטאַנענע, נאָר אין אַ שיינעם סדר.

די היינטיקע סען־פאַל געגנט, איז אין 17־טן י. ה. געווען אַ גרויסער צענטער פון דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט דאָ אויף טריט און שריט געהאַט אירע האָטעלן; צוליב דער נאָענטקייט פון אינזל צו דער סען־פאַל געגנד, ווערט עס גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם אַריסטאָקראַטישן צענטער; עס וואַקסן דאָרט אויס לויטער רייכע האָטעלן, באַוווינט דורך די אַנגעזעענסטע לייט פון יענער צייט, און ביז היינט צו טאָג, איז דאָס אינזל דאָס אמבעסטן דערהאַלטענע ווינקל, ווו איינגעהילט אין גרינס, דערזעען מיר פאַר זיך פּרעכטיקע אַרכיטעקטור־מוסטערן פון 17־טן י. ה. די צייט האָט כמעט ווי נישט אַנגערירט די פאַרחלומטע געסלעך, הייזער און האָטעלן.

אַריבערגייענדיק די לואי־פיליפּ בריק, געפינען מיר זיך ביי די גרעסערע נומערן פון קעי בורבאָן. איינס נעבן דאָס אַנדערע, שטייען אַלטע גרויסע הויזער, אַלע כמעט אָן אויסנאַם האָטעלן פון רייכע און אַריסטאָקראַטישע לייט פון 17־טן י. ה. פיל פון די הייזער זיינען געבויט דורך באַרימטע אַרכיטעקטן; דאָס הויז נ. 21 האָט געבויט דער זייער באַרימטער אַרכיטעקט לעוואָ. אַסך פון די הייזער טראָגן אויפשריפטן פון זייערע פריערדיקע בעלי־בתים. מיר פּאַרהאַלטן זיך ביים נ. 15. די גרויסע געביידע שטעלט מיט זיך פאָר דעם האָטעל שאַראָן; אין פּאַרגאַנגענעם י. ה. האָט דאָ געוווינט און געהאַט זיין אַטעליע דער מאָלער מעיסאָניע, דער מחבר פון באַרימטן בילד „1814“. וואָס שטעלט פאַר נאַפּאָלעאָנס אָפּטרעטן פאַר די קאָאַליציע־חילות. אגב געהערט שוין דאָס נישט

גרויסע בילד פון קינסטלער צו זיינע גרעסטע לייוונטן, ס׳רוב האַלטן זיינע מייסטער־ווערק אומגעפער, צוואַנציק סענטימעטער די גרויס.

דער נ. 1 פון קעי בורבאָן, נעמט אויך אַרום די גאַס פון צוויי בריקן (רי דע דעי פאָן); דאָ פאַרהאַלטן מיר זיך פאַר אַ אַלטע קאַפע און וויין־שענק, וואָס שייד זיך מיט גאַרנישט אונטער פון אַ סך אַזעלכע ענלעכע אנשטאַלטן, בלויז אַ זעלטן־שיינע אייזערנע פענסטער־אַפּצוימונג פון 18־טן י. ה. ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבייגייער; די דאָזיקע שענק, האָט אַן אַלטע געשיכטע הינטער זיך; זי האָט שוין עקזיסטירט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און געווען דאַן דער צענטער פון אַ געשעעניש וואָס האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד:

דעם 23־טן מאַי 1794 איז פּאַריז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ ידיעה, אַז אַ מיידל סעסיל רענאַ, האָט געוואָלט דערהרגענען ראָבעספּיערן; אַז עס איז אויפגעדעקט געוואָרן אַ ריזן־פאַרשווערונג קעגן אים, אין וועלכער עס זיינען געווען פאַרמישט גאַנצע 54 פּערזאָן, דערונטער אויך דער פאַטער, און פיל קרובים פון דעם מיידל.

די וויין־שענק וואָס האָט דעמאָלט געהייסן „קאַבאַרע די פּראָן־פינאָ“, האָט דאַן געהערט צו סעסיל רענאָ׳ס פאַטער; די פּאָליציי האָט זיך גלייך באַוויזן אין דער וויין־שענק, אים אַרעסטירט, און קורץ דערנאָך איז ער צוזאַמען מיט זיין טאָכטער, און אַנדערע קרובים, אומגעקומען אויף דער גילאָטינע. *)

די ווייטערדיקע טייל פון דער גאַס, לענגאויס דער סען, טראָגט שוין דעם נאָמען, קעי אנזשו, דאָ פאַרהאַלטן מיר זיך ביי דער געבײדע נ. 17. אַ שיין פיר שטאָקיק הויז פון כמעט מאָדערנעם אויסזען, נאָר די טונקלקייט פון די מויערן, און די באַגילדעטע וואַסער־רערן, באַפּוצט מיט פאַנטאַסטישע קעפּלעך, רעדן צו אונדז פון פאַרגאַנגענע צייטן; איבער דעם טויער לייענען מיר די אויפשריפט: „האָטעל לאָזאַן 1657“.

דער האָטעל פאַר וועלכן מיר געפינען זיך, איז איינער פון די באַרימטסטע פון פּאַריז; געבויט דורך דעם אַרכיטעקט לעוואַ, אין יאָר 1650 און געענדיקט אין יאָר 1657, פאַרמאָגט ער זייער אַ רייכע אינערלעכע דעקאָראַציע, און געהערט פון יאָר 1928 אָן צו

*) לייען דאָס קאַפּיטל: „די רי סענט אנאַרעי“.

דער שטאט פאריז, וואס האט דא אנגעזאמלט גרויסע קונסט-ווערק און אנטיקן, און באנוצט זיך מיט דעם האטעל, צו ספּעציעלע אויפנאמען פון הויכע געסט.

נאך דעם אויפבויען דעם האטעל, האט ער מערערע מאל געטוישט די בעלי בתים, ערשט אין לעצטן פערטל פון 17־טן י. ה. איז ער אריבער צום פירשט לאזאן, וועמענס נאמען דער האטעל טראגט ביז היינט.

דער פירשט לאזאן איז געווען איינער פון די גלענצנדיקע אפיצירן און פאוואריטן פון לודוויק דעם 14־טן, וואס פלעגט אבער אפט מאל, קומען מיט אים אין פארשידענע קאנפליקטן, וועלכע פלעגן ציען דעם אינטערעס פון אלע הויף־לייט, און געגעבן א סך אונטערהאלטונג־שטאף פאר דעם עולם, קאנפליקטן, וואס זיינען ביז היינט־צו־טאג אן אינטערעסאנטער מאטעריאל, פאר קענען די באציאונגען און פארהעלטענישן פון קעניגלעכן הויף.

דער פירשט לאזאן האט א געוויסע צייט געוואלט באקומען דעם אמט פון שעף איבער דער ארטילעריע; דער קעניג זאגט עס אים צו, אבער האלט נישט דאס ווארט; לאזאן ווענדעט זיך דאן צו זיין פריינדן, די באריכמטע מאדאם דע מאנטעספאן, די מעטרעסע פון קעניג, מיט דער ביטע, פאר אים צו אינטערווענירן; די לעצטע, טיילט אים דערנאך מיט, אז אלע אירע באמיאונגען האבן נישט געהאלפן.

לאזאן וויל זיך „קלאר" מאכן די זאך: ווייסנדיק וועגן א גאלאנטע זעאונג וואס די מאדאם דע מאנטעספאן, דארף האבן מיטן קעניג, קריגט זיך לאזאן אריין אין דעם צימער פון דער ראנדעוווּ, באהאלט זיך אונטערן בעט, איז אן עדות פון דעם אינטימען פארברענגען פון פארל, און פון זייער שמועס, פון וועלכן ער דערוויסט זיך אז די קעניגלעכע מעטרעסע איז גאר נישט אזוי אומשולדיק אין דעם נישט באקומען דעם אמט וועלכן ער וויל. אויפגערעגט אויף דער קורטיזאנע, דערציילט ער איר וועגן אלעם פון וואס ער איז געווען אן עדות, און וועגן דעם אונטערגעהערטן שמועס. איבעראשט, דערציילט די מאנטעספאן וועגן אלעם דעם קעניג, וועלכער רופט צו זיך דעם פירשט, כדי אים „דערציילן א מעשה"; לאזאן ציט דאן ארויס זיין שווערד, צעברעכט זי, און דערקלערט, אז ער וועט זיך מיט איר מער נישט באנוצן אויף צו דינען א קעניג, וואס האלט נישט זיין ווארט צוליב א זונה; אן אויסגעקאכטער, עפנט לודוויק דער

14־טער אויף דאָס פענסטער, און וואַרפט אַרויס זיין שטעקן „אויס מורא זיך נישט פאַרצוואַרפן אַז כ׳האָב געשלאָגן אַן אַדלמאַן“, און ער פאַרלאָזט דאָס צימער. אויף מאָרגן ווערט לאָזאַן פאַרשפאַרט אין דער באַסטיליע, נאָר ווערט אין גיכן באַפרייט, און נאָמינירט אַלס קאַפּיטאַן פון דער גוואַרדיע, אַ זייער הויכער אַמט.

אבער דער פירשט לאָזאַן איז גאַנץ ספּעציעל באַרימט געוואָרן צוליב זיין ראמאַן און געהיימע חתונה מיט דער פרינצעסין מאַנטפּאַנסיע, וואָס האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסן רויש, און איבערגעלאָזט נאָך זיך זייער אַ רייכע ליטעראַטור.

די פירשטין מאַנטפּאַנסיע איז געווען אַן אייניקל פון הענריך דעם פערטן; זי איז געווען די טאָכטער פון פירשט גאַסטאַן אָרלעאַן, דעם ברודער פון לודוויק דעם 13־טן, זי איז געווען אַ ליבלעכע קוזינע פון לודוויק דעם 14־טן, און נאָך דער קעניגן, האָט זי געטראָגן דעם העכסטן פרויען־טיטל אין לאַנד, „לאַ גראַנד מאַדמאַזעל“. זי האָט געזאָלט ווערן די כלה פון, דעם צוויי מאָל עלטערן פון איר, פערדינאַנד דעם 3־טן, קייזער פון דייטשלאַנד, דערנאָך געזאָלט אַ כלה ווערן מיט איר אייגענעם, פיל פון איר יונגערן קוזין לודוויק דעם 14־טן, דערנאָך געזאָלט אַ שידוך טאָן מיט פיליפּ דעם 4־טן, פון שפּאַניע, שפּעטער מיט שאַרל דעם 2־טן פון ענגלאַנד א. א. שידוכים, וואָס אַלע זיינען אָבער נישט צושטאַנד געקומען צוליב פאַרשידענע פּאָליטישע טעמים. ס׳איז נישט געווען אַזאַ פּשוטע זאַך חתונה צו מאַכן אַ פּרינצעסין פון אַזוי פיל יחוס, און געוואַלדיקן רייכטום וואָס זי האָט פאַרמאָגט. צווישן דער דאָזיקער פּרינצעסין איז לסוף ענטשטאַנען אַ ראָמאַן מיט דעם פירשט לאָזאַן, און ס׳איז געלונגען צו ווירקן אויף לודוויק דעם 14־טן ער זאָל דערלויבן, זיין שוין נישט יונגער קוזינע, טראָץ איר גרויסן יחוס און געוואַלדיקן רייכטום, חתונה צו האָבן מיט אים.

דער ענין וועגן זייער חתונה וואָס שווימט אַרויס אַזוי אומגעריכט פאַר די הויף־לייט, מאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. נאָר איינצלנע ווייסן וועגן דעם אַז דעם נאָענטסטן זונטיק, וועט עס געשען; אויף דעם פּאָן פון די געשעענישן שווימט אַרויס דער וואונדערבאַרער בריוו פון דער מאַרקיזן דע סעוויניע, אַ בריוו וואָס האָט אין זיין צייט געמאַכט אַ גרויסן רויש, מיט זיין קענען די הויף־פאַרהעלטענישן, מיט זיין בעסטע שילדערונג פון דעם איינדרוק וואָס די ידיעה האָט געמאַכט אויף די הויף־לייט, און מיט דעם

וואנדערבארן סטיל, מיט וועלכע די שרייבערן האט זיך אזוי באַרימט געמאַכט, און אַ דאַנק וועלכן זי איז אריין אין דער געשיכטע.

אַט וואָס זי האָט געשריבן צו איר קרוב, מיסיע דע קולאַנזש:

„איך גיי אייך מיטיילן אַ זאַך; די סאַמע שטוינענדיקסטע, די סאַמע פאַרכאַפּנדיקסטע, די סאַמע אומגעריכטסטע, די סאַמע שענסטע, די מערקווירדיקסטע, די סאַמע טריאומפירנדיקסטע, די סאַמע באַרוישנדיקסטע, די סאַמע אומדערהערטסטע, די סאַמע זעלטנסטע, די סאַמע נישט גלויבלעכסטע, די סאַמע אומגעריכטסטע, די סאַמע גרעסטע, די סאַמע קלענסטע, די סאַמע זעלטנסטע, די סאַמע פּשוטסטע, די סאַמע גלענצנדיקסטע, די סאַמע געהיימניס־פולסטע ביז היינט, די סאַמע שטראַלנדיקסטע, וואס איז אן ספק, ווערט מקנה צו זיין; מיט איין וואָרט, אַ זאַך וואָס מען געפינט נאָר איין ביישפּיל אין די פאַרגאַנגענע דורות; אָבער אויך דער איינער ביישפּיל איז נישט גאַנץ ריכטיק; אַ זאַך, וואָס מיר קענען עס נישט גלויבן אין פּאַריז, ווי אזוי וועט מען עס קענען גלויבן אין ליאָן? אַ זאַך וואָס רופט, מען זאָל צו דער גאַנצער וועלט שרייען, רחמים; אַ זאַך וואָס איבערפילט מיט פרייד די מאַדאַם ראהאַן און די מאַדאַם ד'האַטעריוו; מיט איין וואָרט, אַ זאַך וואָס וועט געשען מאָרגן, און די וואָס וועלן דאָס זען, וועלן זיין זיכער אַז עס האט זיך זיי געחלומט; אַ זאַך וואָס וועט געטאָן ווערן זונטיק, וואָס וועט אפשר נישט קענען געטאָן ווערן מאָנטיק. איך קען מיך נישט דערצידירן עס אייך צו זאָגן; טרעפט עס; איך וועט מיך קענען דריי; ווארפט אייער צונג פאַר די הונט? נו גוט, מוז איך אייך הייסט עס זאָגן: מיסיע דע לאָזאַן האט חתונה דעם זונטיק אין לוווּר, טרעפט מיט וועמען? איך וועט מיך קענען פיר, איך וועט מיך קענען צען, איך וועט קענען הונדערט. די מאַדאַם דע קולאַנזש זאָגט: אַט איז אַן ענין וואָס איז גענוג שווער צו טרעפן; ס'איז די מאַדמואַזעל לאַ וואַליער; אבסאָלוט נישט, מאַדאַם; איז עס די מאַדמואַזעל רעטז? ניין, איר זענט אַן אמתער פּראָווינציאַל. אָ! מיר זיינען טאַקע נאַראָנים, זאָגט איר, ס'איז די מאַדמואַזעל קאָלבער. נאָך ווייניקער. איז עס זיכער די מאַדמואַזעל גרעקי. איר האָט נישט געטראָפן. מוז מען, הייסט עס, לסוף אייך זאָגן: ער האָט חתונה, זונטיק אין לוווּר, מיט דער דערלויבעניש פון קעניג, מיט דער מאַדמואַזעל, מאַדמואַזעל פון די... מאַדמואַזעלן, טרעפט דעם נאָמען; ער האָט חתונה מיט דער מאַדמואַזעל, מיין וואָרט, די מאַדמואַזעל, דאָס אייניקל פון הענ־

ריך דעם פערטן, מאַדמואַזעל ד'אָ, מאַדמואַזעל דע דאָמב, מאַדמו־אַזעל דע מאָנטפּאַנסיע, מאַדמואַזעל ד'אָרלעאַן, מיט דער מאַדמו־אַזעל, די קוזינע פון קעניג!"*)

די מאַדאַם דע סעווינע, וואָס איז אַלעמאָל געווען אַמבעסטן אינ־פאָרמירט וועגן הויף־לעבן, און גוט געקענט אַלע פאַרהעלטענישן, האָט פאַרשטאַנען צו זאָגן אַז די חתונה איז „אַ זאַך וואָס וועט גע־טאָן ווערן זונטיק, וואָס וועט אפשר ניט קענען געטאָן ווערן מאָנ־טיק"; אַז די מיטגלידער פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, מיט דער קעניגין אין דער שפּיץ, האָבן זיך דערוווסט וועגן דער גרייטנדיקער חתונה, איז געוואָרן אַזאַ סקאַנדאַל, אַז לודוויק דער 14־טער איז גע־ווען געצוווּנגען צוריקצוציען זיין דערלויבעניש;

די חתונה קומט שוין נישט פאָר. און אין רעזולטאַט פון לאָזאַנ'ס אויפגעבראַכטקייט, ווערט ער ארעסטירט, פאַרמאַכט אין אַ פעס־טונג, ווו ער זיצט אָפּ גאַנצע צען יאָר, און ווערט ערשט דאַן באַ־פרייט, ווען די רייכע כלה שרייבט איבער איינע פון אירע רייכס־טע גיטער לטובות אַ קעניגלעכן ממזר, אַ זון פון דער מאַדאַם דע מאָנטעספּאַן. פאַר דעם דאַזיקן פּרייז געלונגט עס איר צו באַ־פרייען איר חתן, אָבער זי באַקומט נישט די דערלויבעניש מיט אים חתונה צו האָבן.**)

דעמאָלט, נאָך דער באַפרייאונג, קויפט דער פּירשט אָפּ דעם האָטעל, וואָס טראָגט טאָקע ביז היינט צו טאָג זיין נאָמען, האָט חתונה אין געהיים מיט דער פּרינצעסן, און ווינט דאָ נאָר צוויי יאָר, פון 1682 ביז 1684. דאַן איז שוין לודוויק דער 14־טער מיט אים צוריק איבערגעבעטן, אומגעקערט אים אַלע פאַרנומענע אַמטן, געשאָנקען אים גרויסע געלט־סומען, און לסוף, אים אויך גע־געבן דעם טיטל מאַרשאַל.

דער האָטעל לאָזאַן איז באַשריבן געוואָרן דורך דעם דיכטער טעאָפיל גאָטיע, וואָס האָט אין פאַרגאַנגענעם י. ה. אים באַוווינט. אויך דער דיכטער באָדלער ווינט דאָ אַ געוויסע צייט.

מיר וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף דער געביידע פון האָטעל, וואָס איז זייער גוט דערהאַלטן, און שטעלן זיך אָפּ איינִיקע טריט ווייַ־טער, ביים הויז נ. 9.

*) יידיש, יח. ק.

**) לייען דאָס קאַפּיטל: „דער לוקסנבורגער פּאַלאַץ".

אַן אויפשריפט אויף דער מויער מאַכט אויפמערקזאַם די דורכ־גייער, אַז אין דעם דאָזיקן הויז האָט פון יאָר 1846 ביז 1863 גע־לעבט דער גרויסער דאָמיע.

אַנאַרע דאָמיע האָט געהערט צו די גאָר גרויסע קינסטלער פון פאַרגאַנגענעם י. ה. אַ באַרימטער מאָלער, האָט ער זיך אָבער נאָך מער אויסגעצייכנט אַלס קאַריקאַטוריסט. דאָמיע האָט געהערט צו די ערלעכע און ראַדיקאַלע כאַראַקטערן פון זיין צייט, און געווען איינער פון די אונטערגרובער פון לואי פיליפ'ס רעזשים.

מיר קומען צו צום הויז פון קעי אַנזשו, נ. 1—3; די גרויסע געביידע איינגעהילט אין גרינס, נעמט אויך אַרום די רי סען לואי, און פאַרמירט דאָ אַ דרייעק, אַרויסרוקנדיק דעם שפּיץ צום בולוואַר פון העינריק דעם פערטן. מיר געפינען זיך פאַר דעם באַרימטן האָ־טעל לאָמבער, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1640 דורך דעם אַרכיטעקט לעוואָ, פאַר דעם פּרעזידענט לאָמבער דע טאָריני; אין יאָר 1750 קויפט אָפּ דעם האָטעל די מאַרקיזן שאַטלע, א שרייַ־בערן, און אַ פרוי מיט א גרויסער בילדונג. די מאַדאַם שאַטלע גע־פינט זיך אין אַ לאַנגיעריקער אינטימער פאַרבינדונג מיט וואָל־טערן, וועלכער האַלט זיך דאָ אויף, און דאָ טאַקע, שרייבט ער אין זיין בוך „אַנריאַד“, געווידמעט דער עפּאָכע פון העינריך דעם פערטן.

אין זיינע ווערק, פירט וואָלטער מערערע מאָל אַרויס די מאַרקיזן שאַטלע, א. נ. „לאַ בעל עמילי“.

אין יאָר 1842 ווערט דער האָטעל דאָס אייגנטום פון פוילישן פירשט טשאַרטאָריסקי. צו וועמענס יורשים ער געהערט ביז היינט צו טאָג. דער האָטעל איז זער רייך אין ווערק, געמאַכט דורך די קינסטלער לע בראַן און לע סיער; אין פאַרגאַנגענעם י. ה. איז די מאָלעריי רעסטאַווירט געוואָרן דורך דעם באַרימטן דעלאַקרואַ.

מער ווי דריי הונדערט יאָר אַז דער האָטעל לאָמבער איז אויפ־געבויט געוואָרן; זיינע טונקעלע מויערן, זיין סטיל, דערציילן די פאַרבייגייער וועגן זיין אַלטקייט, דאָך עטעמט די געביידע מיט אַ סך כוח, און וועט נאָך לאַנגע יאָרן דערציילן וועגן דעם מאָלער לע בראַן וואָס האָט געצירט זיינע מויערן, וועגן דעם שרייבער און פילאָ־זאָף וואָלטער, וואָס האָט דאָ געשאַפן, וועגן באַרימטן דעלאַקרואַ, וואָס האָט רעסטאַווירט די מאָלערייען וואָס דער האָטעל פאַרמאָגט און וועלכע מען קען זען ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן.

דער האָטעל לאָמבער נעמט אויך אַרום די סען לואי־גאס (רי סען לואי ען ל'איל), וואָס שניידט דורך דאָס גאַנצע אינזל אין דער לענג; מיר גייען אריין אין דער דאזיקער גאס, און פאַרהאַלטן זיך גלייך אין דער רי ברעטאנוויליע, ביים הויז נ. 3. דא האט פון יאר 1856 ביז 1868 געוווינט און געשאפן דער באַרימטער קריטיקער פילאָזאָף און היסטאָריקער היפּאָליט טען. דאָס געסעלע איז קליין, שטיל, אַזוי האט עס אויסגעזען, ווען דער פילאָזאָף האָט דאָ געלעבט, אַזוי האָט עס אויך אויסגעזען אין 17־טן י. ה

מיר קומען צוריק אַרויס אויף דער סען לואי גאס, און פאַרהאַלטן זיך גלייך ביים הויז נ. 11.

אין סוף פון 18־טן י. ה. האט דא געוווינט דער אינזשיניער פּיליפּ לעבאָן; אין יאר 1799, ענטדעקט ער דא, אין דעם הויז, דעם פּרינציפּ פון גאַז-באַלויכטונג.

ווען דעם 2־טן דעצעמבער 1804, איז אין דער נאָטר־דאָם, פאַרגעקומען די קריינונג פון נאַפּאָלעאָנען, האָט זיך לעבאָן געפינען צווישן די איינגעלאַדענע געסט. פאַרטאָג פון 3־טן דעצעמבער, געפינט מען אים אין די עליזעי פעלדער א דערמאָרדעטן, מיט גאַנצע דרייצן מעסער־ווונדן.

די סיבה פון זיין מאָרד איז פאַרבליבן א סוד.

האט דאָ אפשר געווירקט א פּאָליטישער מאָטיוו?

פיליפּ לעבאָן איז ביז גאָר געווען ענלעך צו נאַפּאָלעאָנען; דער פאַקט איז דורך אַלעמען אונטערגעשטראכן געוואָרן, און אין פאַריז האבן זיך דאן געפינען גענוג פאַרשווערער קעגן באָנאַפּאַרטן. האבן די מערדער נישט אמאל אנגענומען דעם דערפינדער, פאַר דעם נאָה וואָס געקרוינטן נאַפּאָלעאָן, וואָס איז אַרוים זיך דורכשפּאַצירן אין דער אָוונט־טונקלקייט?

אין דער זעלבער גאס געפינט זיך אויך די קירכע פון הייליקן לואי, די איינציקע קירכע פון אינזל. אנגעהויבן אין 1644 דורך דעם שוין דערמאנטן לעוואַ, ווערט דאָס בויען פאַרענדיקט ערשט אין יאָר 1726. די קירכע איז רייך מיט בילדער, און פאַרמאָגט ווערק פון אַזעלכע מייסטער ווי טיטשיען, וואַן לאָאָ, קויפעל, אַרי שעפער א. א.

גייענדיק איבער דער זעלבער גאַס פון הייליקן לואי, קומען מיר צו צום הויז נ. 51. מיר געפינען זיך פאַר דעם פּרעכטיקן האָטעל שעניזאָ, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאר 1730 אַלס דער פּאַלאַץ פאַר די פאַריזער בישאָפן. אָפּגעלאָזט, פאַרנאַכלעסיקט, פאַר־

מאַגט אָבער די אַרכיטעקטור פון האָטעל, דעם גלאַנץ פון זיין פאַרגאַנגענהייט, פּרעכטיקע וואַנט-אָרנאַמענטיק, אַ זעלטן שיינער באַלקאָן אונטערגעשפּאַרט דורך כימערן, א. א. באַפּיצונגען.

דער האָטעל שעניזאָ דערמאָנט אונדז אַ בלוטיקע דראַמע וואָס פּאַריז האָט איבערגעלעבט אין די יוני־טעג 1848 *).

צענדליקער טויזנטער פּאַריזער אַרבעטער, וואָס זיינען פּלוצים געבליבן אָן ברויט, צוליבן שליסן די „נאַציאָנאַלע אַטעליעס", הויבן אויף אַן אויפשטאַנד קעגן דער רעאַקציאָנערער רעגירונג. אין אַלע אַרבעטער־קוואַרטאַלן גיסט זיך בלוט; גוואַלדיק אויפגעטרייסלט פון די געשעעניש, איז דער פּאַריזער בישאָף אַפר, אוועק צו די אַרבעטער – באַריקאַדן פּרובירן ווירקן אויף זיי, אָפּצושטעלן דעם קאַמף; אים געלונגט צו מאַכן אַ צייטווייליקן וואָפן־שטילשטאַנד צווישן מיליטער וואָס געפינט זיך אויפן פּלאַץ פון דער באַסטיליע, און די אַרבעטער, און ער לאָזט זיך אַריין אין פאָבורג סענט אַנטואַן צו דער באַריקעדע; פּלוצים הויבט מען פון דער זייט פון מיליטער, אָן צו שיסן, די אויפשטענדלער ענטווערן צוריק; אין דעם טומל ווערט דער גוטער, אָבער זייער נאַאיווער בישאָף שטערבלעך פאַרוואונדעט. שוין טויט, ברענגט מען אים אַהער אין האָטעל שעניזאָ.

נאָך אַ פּאָר טריט, און מיר שטעלן זיך אָפּ אויף דער רי רעגראַטיע נ. 22.

אַן אויפשריפט אויף דער מויער דערציילט אונדז, אַז דאָ, אין דעם הויז, איז אין יאָר 1845 געבוירן געוואָרן דער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער און קעמפער זשול געד.

מיר קומען אַרויס אויף קעי אָרלעאַן, און פאַר אונדזערע אויגן ענטפּלעקט זיך אַ פּרעכטיקער אויסזיכט אויף דער שטאָט.

ווייניק ערטער אין פּאַריז זיינען פאַרבליבן אַזוי אָפּגעשוינט דורך דער צייט, ווי דאָס אינזל, אויף וועלכן ס'ליגט אויסגעגאָסן אַ געבענטשטע רו, וווּ די אַלטע האָטעלן דערציילן די ווייניקע הורכגייער וועגן דעם אַמאָליקן פּאַריז, און פּרעכטיק געשניצטע טויערן און באַפּיצונגען פון די מויערן ציען כסדר צו אונדזער אויפמערקזאַמקייט, און צווינגען צו טראַכטן וועגן אַזוי פיל פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן דאָס אינדזל געבויט, באַוווינט, און באַצירט.

---

*) לייען דאָס קאַפּיטל: „דאָס בית עולם אויפן מאָנמאַרט".

קאפיטל 7.

# דער מאנמארטער בארג

אין אַ שיינעם זומערדיקן טאָג, גייען מיר אַריין אין דער רי טאָלאָזע; גייען בארג אַרויף, שטייגן אַלץ העכער אויף דעם מאָנ־מאַרטער בארג. מיר גייען פאַרביי פאַרשידענע קאַפע־הייזער, און דערגרייכן ענדלעך צו דער געביידע פון דעם באַרימטן פאַריזער טאַנץ־זאַל „מולאַן דע לאַ גאַלעט", באַפוצט מיט אַ גרויסע ווינט־מיל, וואָס קוקט פון דער הויך אַראָפּ אויף פאַריז.

צוליב דער הויכקייט פון אָרט, פון וואַנען ס'האַט זיך אַמאָל גע־זען אַ שיינע פּאַנאָראַמע אויף די אַמאָליקע פעלדער און ווייטן פּאַריז, האָבן זיך דאָ, שוין אין 13־טן י. ה. געפינען פאַרוויילונגס־ערטער, און וויין־ווירטשאַפטן, וווהין דער עולם פלעגט אהערקומען אין שיינע יום־טובים־טעג, גוט אָפּעסן און פאַרברענגען. היינט איז די שטאָט אויסגעוואַקסן, גרויס, זי האָט זיך דערנענטערט צום באַרג, באַדעקט אים מיט גאַסן און געסלעך, און דערנאָך זיך אָנגע־הויבן אַראָפּלאָזן פון דער אַנדערער זייט. די מערערע ווינט־מילן וואָס האָבן זיך דאָ געפינען, זיינען שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, אַ חוץ די איינע מיל, וואָס געפינט זיך איבער דער רי טאָלאָזע, וואָס שטייט דאָ זינט דעם 17־טן י. ה. און וואָס דינט היינט אַלס אַן אָרגינעלע דעקאָראַציע, מיט וועלכן דער „מולאַן דע לאַ גאַלעט" איז באַרימט. בלויז ביי דער מויער פון טאַנץ־זאַל, זעען מיר, אין אייזערנע רייפן איינגעפאַסטע, אַלטע מיל שטיינער, וואָס זאָלן שטאַמען נאָך פון יענע ווייטע אַמאָליקע מילן וואָס האָבן זיך דאָ גע־פינען.

מיר פאַרקירוועץ אויף רעכטס פון דער רי לעפּיק, די גאַס ציט אַלץ העכער, מיט לאַנגזאַמע טריט גייען מיר פאַרביי אַנטיקוואַר־געשעפטן אויסגערעכנט אויף די טוריסטן וואָס קומען דאָ אהער אין מאַסן, וואַנדערן צו פּיס, אָדער מיט אויטאָמאָבילן. סוף רי לעפּיק זעען מיר

אונטער אנ'אפצוימונג א פרעכטיקן פאנטאן געבויט אין יאר 1835 אין פיינעם רענעסאנס־סטיל, און אנטקעגן איבער קוקט ארויס א שיין דעקארירטע מויער פון א קאפע וואס ליגט אין דער רי רוסטיק, ביי וועלכער מיר פארהאלטן זיך.

ווי פרעכטיק דא איז!

שמאל און אלט, מיט קליינע האלב איינגעפאלענע מויערן, דערציילט דאס געסל פון פארגאנגענע יארהונדערטער. גאר אין דער טיף, קוקט אריין אין דעם געסל דער דאס פון דער סאקרי־קער קירכע, ס'איז שווער זיך אפצורייסן פון דעם איינדרוק וואס די אלטע רי רוסטיק, מיט איר אויסזיכט אויף דער סאקרי־קער קירכע, מאכט אויף אונדז. זיצן דא טאקע שטענדיק קינסטלער און צייכנען און מאלן דאס דאזיקע ארגינעלע ארט.

אבער אויך דער נאמען פון געסל רי רוסטיק איז נישט קיין צופעליקער, ער איז פארבינדן מיט דער געשיכטע פון'ם בארג, מיט א געשעעניש וואס ציילט כמעט צוויי טויזנט יאר:

דאן, אין יענע וויטע צייטן, האבן די רוימער באהערשט דאס לאנד, און דא אויף דעם בארג, האבן זיי אויסגעבויט זייערס א טעמפל פאר די געטער פון האנדל און מלחמה, מערקור און מארס. אין 3 י. ה. האבן אין לאנד אריין אנגעהויבן אריינדרינגען די ערשטע פרעדיקער פון ניי־אויפקומענדיקן קריסטלעכן גלויבן; איינער פון די בארימטע פרעדיקער פון יענער צייט, איז געווען דער א.ג. הייליקער דיאניס, וואס ווערט באטראכט אלס דער ערשטער בישאף פון פאריז. די רוימער וואס האבן געזען אין קריסטנטום א געפאר פאר זייער שטאט, האבן אנגעהויבן פארפאלגן די ערשטע קריסטן, פייניקן זיי, און שטראפן אפילו מיט טויט. די פארפאלגונגען אויף דעם ניי אויפגייענדיקן גלויבן, האבן זיי אויך אנגעווענדעט אין אלע דורך זיי באהערשטע לענדער; דער הייליקער דיאניס ווערט דאן ארעסטירט, צוזאמען מיט זיינע צוויי תלמידים, עלעטער און רוסטיק. אלע דריי ווערן זיי ארויסגעברענגט אויף דעם מאנמארטער בארג, און דא, פארן טעמפל פון מארס און מערקור, אומגעברענגט.

ווען טויט פון די דריי מארטירער איז פארבליבן א לעגענדע, וואס דערציילט, אז נאך דעם ווי דער תליון האט אפגעהאקט דעם קאפ פון הייליקן דיאניס, האט דער געקעפטער אויסגעצויגן זיינע הענט, אויפצוהויבן זיין קאפ, א געשעעניש וואס האט איבעראשט אלע דערביי אנוועזנדיקע רוימער, און זיי באוויזן די הייליקייט פון די

אומגעברענגטע... די דאָזיקע לעגענדע איז אויך פאַראייביקט געוואָרן אין אַ פּרעכטיקן לייוונט, דורכן מאָלער באָנאַ, וואָס מיר באַוווּנדערן היינט צו טאָג אין פּאַריזער פּאַנטעאָן :

אין שייכות מיטן אומברענגען דאָ, די דריי קריסטלעכע פּרעדיקער איז ענטשטאַנען דער נאָמען פון באַרג ; וועגן דעם זיינען פּאַראַנען פאַרשידענע השערות, אָבער די וואַרשיינלעכסטע פון אַלע איז די, אַז נאָך דער טראַגעדיע וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט, האָט מען דאָס אָרט אָנגעהויבן רופן „מאָנט מאַרטיר", (דער באַרג פון די פּאַרפייניקטע), דאָס פּיטאָרעסקע געסל ווו מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן, טראָגט טאַקע דעם נאָמען פון איינעם פון די צוויי תּלמידים פון הייליקן דיאָניס. מיר גייען אַריין אין דער דערנעבנדיקער רי נאָרוואַן, אויך אַזאַ שמאָל געסל, אָבער וואָס פאַראַ קאָנטראַסט די רי נאָרוואַן שטעלט מיט זיך פאָר אין פאַרגלייך מיט דער רי רוסטיק !

אויך אַזוי שמאָל און אַלט, מיט קליינע, ממש דאָרפישע הייזלעך, איז אָבער די רי נאָרוואַן פיל מיט באַזוכער, און מיט אויטאָמאָבילן וואָס רוישן און טומלען. פון ביידע זייטן גאַס געפינען זיך דאָ געוועלבער ווו ס'ווערן פאַרקויפט פאַרשידענע פּאַריזער סוווענירן, קונסט־צייכענונגען פון פּאַריזער ווינקעלעך, פון מאָנמאַרטער באַרג גופא, און פון שיינע פרויען־געשטאַלטן. אויף יעדן טריט איז דאָ פיל מיט קאַפעס און קאַבאַרעטן, וואָס דער גרעסטער טייל זייערע זוכט צו דערהאַלטן זייער ראָמאַנטישע דעקאָראַציע פון 19 י. ה. ווען דער מאָנמאַרט האָט אָנגעהויבן שמ'ען מיט זיינע באַרימטע קאַבאַרעטן־זינגער, דיכטער, שיינע פרויען, און אָנגעהויבן ווערן דער צענטער פון פּאַריזער פריילעכקייט, וואָס איז לסוף געוואָרן וועלט־באַרימט. פיל פון די אמת־קינסטלערישע קאַבאַרעטן האָבן שפּעטער זיך אַראָפּגעלאָזט צו פיסנס פון באַרג, די מערהייט פון די דאָ פאַרבליבענע, זיינען פון צווייפלבאַרן קינסטלערישן ווערט, נאָר לעבן אין זכות פון „אַמאָל", פון דער שיינקייט פון באַרג, און זייַין אויסזיכט אויף פּאַריז.

פון דער רי נאָרוואַן קומען מיר אַרויס אויף דעם קליינעם פּלאַץ דע טערט.

מאַסן קאַפעס און פאַרווײַלונגס־לאָקאַלן פילן אויס דעם גאַנצן פּלאַץ מיט זייערע טישלעך, און ער שטעלט אַזוי אַרום מיט זיך פאָר איין גרויסע קאַפע, אונטערן פרייען הימל. ביי נאַכט ווערן אויף די טישלעך אָנגעצונדן לאָמפּן, איבערגעצויגענע מיט פאַרשידנפאַרביקע

אבאזשורן; די שיינע ליכטער, דער בלויער אויסגעשטערנטער הימל, די מוזיק וואָס טראָגט זיך פון אַלע אַרומיקע קאָפּעס און טאַנץ־זעלער, ברענגען אַריין אין יום טוב'דיקער שטימונג.

אַזעלכע ווינקעלעך זיינען נישט פאַרהאַנען קיין סך.

אויף פאַרשידענע מויערן זעען מיר דאָ אויפשריפטן וועגן מאָלער און דיכטער וואָס האָבן דאָ געלעבט; אויף דעם הויז נ. 3 דערציילט אַנ'אויפשריפט, אַז בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיך דאָ אין יאָר 1790 געפינען די מערי פון דער מאָנמאַרטער קאָמונע, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַ באַזונדער שטעטל נישט ווייט פון פּאַריז.

אין 1871, בעת דער פאַריזער קאָמונע, איז זשאָרזש קלעמאַנסאָ געווען דער מער פון מאָנמאַרט, און דאָ אין דעם הויז נ. 3 געהאַט זיין ביוראָ.

מיר פאַרלאָזן דעם פּלאַץ דע טערט און קומען צו צו דער קירכע פון הייליקן פּעטרוס וואָס געפינט זיך דערנעבן:

פון דרויסן אַ גאַנץ אָרעמער פאַסאַד, איז אָבער די קירכע אינטערעסאַנט מיט איר אינעווייניקסטער אַרכיטעקטור, וואָס שטאַמט נאָך פון 12 י. ה. דאָס זיינען די עלטסטע פאַריזער קירכע־מויערן; אויפגעבויט אין די יאָרן 1108־1147 דורך לודוויק דעם דיקן און זיין פרוי, אַלס בענעדיקטינער מאָנאַסטיר. פריער האָט זיך אויף דעם אָרט געפינען אַנ'אַלטער געצנדינערישע טעמפּל, מעגלעך אַז דאָס איז געווען דער שוין דערמאָנטער רוימישער טעמפּל פאַר מאַרס אין מערקור. אין דער טיף זעט מען דאָ פיר מירמלשטיין־זיילן וואָס שטאַמען נאָך פון יענעם אַלטן טעמפּל, און וועלכע מען האָט פאַרווענדעט צו דעם בוי; די פיר זיילן זיינען שוין אַלט, אום זיי צו דערהאַלטן האָט מען זיי געמוזט איינשליסן אין אייזערנע רייפן.

צוויי מאָל איז שוין די אַלטע קירכע געוואָרן צעשטערט: אין יאָר 1559 און אין יאָר 1792, צום לעצטן מאָל איז זי רעסטאַווירט געוואָרן אין יאָר 1906.

די קירכע פון הייליקן פּעטרוס וואָס שטאַמט נאָך פון 12 י. ה., מיט אירע מירמלשטיינערנע זיילן וואָס געדענקען נאָך די רוימישע הערשאַפט איבערן גאַלן־לאַנד, ציט צו פיל גלויביקע, וואָס אַ גרויסע טייל פון זיי קומט דאָ צוליב נאָך אַ סיבה:

אַ קליינע טיר וואָס געפינט זיך אין דרויסן ביים אַריינגאַנג אין דער קירכע, פירט (פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל) אינ'ם גערטנדל פון מאָנאַסטיר, ווו מיר זעען אויף אַ ספּעציעל אויסגעבויט בערגל, דריי

גרויסע צלמים מיט געקרייציקטע; דאָס איז די א. ג. גאלגאטע וואָס שטעלט אויף פאר די גלויביקע, דאָס בילד פון די לעצטע שטונדן פון ישו הנוצרי אויפן קרייץ, צוזאמען מיט די צוויי פאַר־ברעכער, ווי די עוואנגעליע דערציילט עס.

גלויביקע ווייגען דאָ אין דער שטיל, אויף די ליידן פון דערלייזער. אין דער זייט געפינט זיך אַ קליינע הייל, וווּ אַראָפּגייענדיק זעען מיר אין דער הערשנדיקער פינצטערקייט, די פיגור פון ישו, אין אַ ליגנדיקער פּאָזע, און אַרום אים פיל בלומען און אנגעצונדענע ליכט, וואָס די גלויביקע קריגן צו קויפן ביים אַריינגאַנג אין גערטנדל...

אַ שטילקייט איז אויסגעגאָסן אין דער באלב־פינצטערער הייל; אויף דער פיגור פון פאַרפייניקטן, פאַלן שאטנס פון די אנגעצונדענע ליכט.

אַמאָל האָט זיך די גאַלגאַטע געפינען אין אַן אַלטן קלויסטער אויף דעם נישט ווייטן וואַלעריאַן־באַרג. אין יאָר 1833 האָט מען יענע קירכע צעשטערט, און דעמאָלט, האָט מען די גאלגאטע דאָ אַהער־געברענגט, און אויפגעשטעלט הינטער דער קירכע פון הייליקן פּעטרוס.

דאָ, געפינען מיר זיך ביי דער גראַנדיעזער סאַקרי־קער קירכע, בלויז אַן אייזערנע אָפּצוימונג טיילט אָפּ דאָס גערטנדל פון דער גראַנדיעזער קאָנסטרוקציע.

וואָס פאַראַ קאָנטראַסט צווישן די צוויי טעמפּלען וואָס שטייען דאָ איינס נעבן דאָס אַנדערע, — די קליינע, נאָר עלטסטע פּאַריזער קירכע, נעבן דער יונגסטער און סאַמע גרעסטער.

מיר פאַרלאָזן דעם גאַלגאַטע־גאַרטן, און קומען אַריין אין דער קליי־נער רי עלעטער, אין דעם געסל וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם הייליקן דיאַנים צווייטן תּלמיד, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין פריער דערציילט, און מיר פאַרהאַלטן זיך גלייך ביי אַ קליינעם סקווער וואָס געפינט זיך דאָ, אונדזער אויפמערקזאַמקייט ווערט דאָ צוגע־צויגן דורך די פאַרבלייבעניש פון אַמאָליקן דענקמאָל פון שעוואַליע דע לאַ באַר. *)

---

*) די פיגור פון דעם קאַוואַליר דע לאַ באַר, איז אין רעזולטאַט פון באַמיאונגען פון די קאַטוילישע גייסטלעכע, אַראָפּגענומען גע־וואָרן אין יאָר 1925.

גאר וואס, האבן מיר דערציילט וועגן די טרערן וואס די גלויביקע פארגיסן פאר דער פיגור פון פארפייניקטן דערלייזער. דער דענקמאל פון דעם 19 יעריקן קאוואליר דע לא באר דעמאנט אונדז אז די טרערן־פארגיסער זיינען גאר נישט אזוי אומשולדיק ווי זיי שיינען צו זיין.

דער 19 יעריקער קאוואליר דע לא באר וואס האט געלעבט אין 18 י. ה. האט זיך געפינען אונטער דעם איינפלוס פון די פרייהייטס־אידעיען פון די ענציקלאפעדיסטן; דעם 1 יולי 1766 איז ער געווען דא אויפן בארג, און זיך דערלויבט נישט אראפצונעמען זיין הוט פאר א פארבייגייענדיקער רעליגיעזער פראצעסיע; די גוטהארציקע און אלץ מוחל׳דיקע קריסטן האבן דאן דעם בחור ביטער געשלאגן און אים פארפייניקט אויף טויט פאר זיין הזע.

מיר דערנענטערן זיך צו דער סאקרי־קער קירכע, אבער דא ווערן מיר מיטגעריסן מיט דער פרעכטיקער פאנאראמע פון פאריז, וואס אנטפלעקט זיך פאר אונדזערע אויגן. מאסן מענטשן זאמלען זיך דא, און קענען זיך נישט אפרייסן פון דעם בילד וואס מיר זעען, אראפקוקנדיק אויף דער שטאט פון א 104 מעטערדיקער הויכקייט.

אומענדלעך ווייט און ברייט ציען זיך אירע מויערן און דענקמעלער. פון אלע זייטן פון דער שטאט שטרעקן זיך צום הימל אירע קופאלן און טורעמס. לינקס, אויפן ווייטן בארג, זעען מיר דעם פער לא שעז, אנטקעגן איבער אונדז, זעען מיר דעם ווייטן פאנטעאן־דאם אויף דעם זשענעוויעוו־בארג, ווייט אוועק אויף רעכטס, רייסט זיך צום הימל דער אייפעל־טורם, און פון טאל דערטראגט זיך דער טומל פון דער שטאט וואס רוישט און קאכט.

פאריז!

ביי אונדזערע פיס ליגט די שטאט וואס שיקט ארויס אירע וויר־קונגס־וועלן אין דער גאנצער וועלט. דער צענטער פון דענקער, קינסטלער און קעמפער. די שטאט פון ווילאן, ראבלע, מאנטעין, רוסא, וואלטער, הוגא, און זאלא, די שטאט פון איגנאטיוס לויאלא און גראקכוס באבעף, די שטאט פון דער בארטאלאמעי נאכט און פון 14 יולי, דאס גרויסע, אייביקע, ווונדערבארע פאריז.

צו פיסנס פונ׳ם בארג געפינט זיך דער פלאץ סאן פיער; פון דארט איז דעם 7 אקטאבער 1870, בעת פאריז איז געווען באלא־גערט דורכן דייטשן מיליטער, אפגעפלויגן אין א לופט־באלאן לעאן גאמבעטא, ער האט געאיילט קיין דרום פראנקרייך, אום כדי דארט

צו אָרגאַניזירן נייע אַרמעיען צום קאַמף קעגן פּרייסישן מיליטער.

לינקס פון פּלאַץ סען פּיער, ליגט אַרום דעם מאָנמאַרטער באַרג די קליינע רי ראָנסאַר; דאָרט אויף די שטיינער וואָס בילדן דעם אונטערשטן באַרג־שיכט, לייענען מיר אַן׳אויפשריפט, וואָס דערמאָנט די דורכגייער, אַז דאָ האָבן אַמאָל די פּאַריזער גענומען שטיינער פאַר זייערע וווין־הייזער, און אַז אין דעם אַריינגאַנג אין די גראַבנס וואָס האָט זיך אַמאָל געפינען אויף דעם אָרט (וואָס ליגט היינט פּונקט אַנטקעגן איבער די רי שאַרל נאָדיע נ. 14) האָט דער גרויסער געלערנטער קיוויע ענטדעקט אין יאָר 1798 ביינער פון אוראַלטע אומבאַקאַנטע חיות, און אין רעזולטאַט פון דער ענטדעקונג, געוואָרן דער גרינדער פון דער פּאַלעאָנטאָלאָגישער וויסנשאַפט.

געבויט דורך דעם אַרכיטעקט באַדי, אין גריכיש־ביזאַנטישן סטיל, מאַכט די סאַקרי־קער קירכע אַ גראַנדיעזן, אָבער זייער קאַלטן איינ־דרוק. איר פאַסאַד פאַרמאָגט אַ ריזיקע אַכט־מעטערדיקע סטאַטוע פון דערלייזער, און איז אויך באַפּוצט מיט צוויי רייטער, מיט שווערדן־צלמים אין זייערע הענט. איינער פון די רייטער איז דער הייליקער לודוויק, דער צווייטער, איז די הייליקע זשאַן ד׳אַרק.

ס׳איז נישט מעגלעך נישט צו טראַכטן וועגן די צלמים־שווערדן אין די הענט פון די הייליקע, ווייל שטענדיק זיינען דאָס שווערדן, און קיינמאָל נישט קיין צלמים; ס׳איז באַוווּסט, אַז אין וויטן יאַפּאַן ווו מען האָט מיט איניקע צענדליק יאָר צוריק געזוכט אַן׳־אָפּיציעלע רעליגיע, האָט מען אָפּגעוואָרפן דאָס איינפירן דעם קריסט־לעכן גלויבן צוליבן מאָטיוו, דאָס די קריסטלעכע טעאָריעס וועגן מענטשן־ליבע, שוואַכן אָפּ די קאַמפס־פעאיקייט פון מיליטער...

ווי נאַאיוו די יאַפּאַנער האָבן זיך דאָ אַרויסגעוויזן!

די סאַקרי־קער קירכע איז מען צוגעטרעטן בויען ערשט אין יאָר 1874. דאָס איז געווען די לעצטע קירכע געבויט לויטן באַשלאָס פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס׳האָבן דאַן באַלאַבאַ־טעוועט די ראַיאַליסטן.

נאָך דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן ביי סעדאַן, און נאָכן דערשטיקן די פּאַריזער קאָמונע, האָבן די מאַכטהאַבערישע קרייזן געהאַפט ווידער איינצופירן אין לאַנד די מאָנאַרכיע פון די בורבאָ־נען; ס׳איז שוין אפילו געווען אַנגעגרייט אַ פּאַסיקער קאַנדידאַט, דער גראַף שאַמבאָר, וואָס האָט געזאָלט פאַרנעמען דעם טראָן, אַלס העינריך דער 5־טער, וועלכער האָט געחלומט צוריק איינצופירן די

ווייסע בורבאָנישע פאַן פון זיינע זיידעס. דער פּאַריזער אויפשטאַנד וואָס איז אַזוי בלוטיק דערשטיקט געוואָרן, האָט באַוויזן די מאָנאַרכיסטן צו פּאַרזיכטיקייט, און אונטערהאַנדלענדיק מיטן גראַף שאַמבאָר, האָבן זיי אים פּאָרגעשלאָגן צו לאָזן אין לאַנד די רעפּובליקאַנישע פאַרבן פון דער פאַן, דער גראַף שאַמבאָר וויל נישט הערן פון אַזאַ זאַך, און די אונטערהאַנדלונגען פּאַרציען זיך, אָבער אויך אין ראיאַליסטישן לאַגער איז נישט אַלץ בשלום; אַ טייל האָבן געוואָלט האָבן פאַר אַ קעניג אַ באָנאַפּאַרט, און אַנ'אַנדערע, אימיצן פון דער אָרלעאַנישער דינאַסטיע. דערווייל האָט מען אָבער גענוצט באַשליסן וועגן דער מלוכה־פאָרם. נישט קענענדיק צווישן זיך אַדורכקומען, האָבן אַ געוויסע צאָל מאָנאַרכיסטן געהאַלטן פאַר אַמבעסטן „אויף דערהווייל" באַשטעטיקן די רעפּובליק־פאָרם, אום צייטווייליק צו באַרואיקן די געמיטער. די אָפּשטימונג וועגן דער מלוכה־פאָרם האָט געגעבן 352 שטימען פאַר אַ מאָנאַרכיע און 353 פאַר דער רעפּובליק. אַזוי אָרום האָט איין שטימע דעצידירט די רעגירונגס־פאָרם פון לאַנד. קורץ דערנאָך האָט דער איינפלוס פון די מאָנאַרכיסטן אַנגעהויבן אַלץ מער פאַלן, געוואָרן בסדר נישטיקער, און די רעפּובליק „אויף דערהווייל", איז געוואָרן אַ פעסטע אינסטיטוציע. די מאָנאַרכיסטן קענען זיין צופרידן מיט זייער „קלוגן" גראַף שאַמבאָר.

אָבער דאַן אין יאָר 1874, ווען די מערהייט אין דער נאַציאָנאַלער פּאַרזאַמלונג איז געלעגן אין די הענט פון דער רעאַקציע און קלעריקאַליזם, האָבן זיי אויס צופרידנהייט פון זייער נצחון איבער דעם בונטאַרן גייסט פון די פּאַריזער מאַסן, זיי באַשאָנקען מיט נאָך אַ קירכע, די גראַנדיעזע סאַקרי־קער.

דער פּלאַץ אויף וועלכן די קירכע שטייט האָט פאַר אונדז נאָך אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס:

אין 16 י. ה. איז אויף דעם אָרט געשטאַנען אַ קליינע שאַפּעל, אין וועלכער אינגאַטיוס לויאָלאַ האָט דעם 15 אויגוסט 1534 אָפיציעל געגרינדעט דעם גיך באַרימט־געוואָרענעם יעזואיטישן אָרדן, *) פון דאַנען אויס האָט דער אָרדן אָנגעהויבן אויסשפּרייטן זיין פינצטערן כוח איבער דער גאַרער וועלט.

מיר פאַרלאָזן דאָס אָרט, און גייען אַריין אין דעם קליינעם דורכ־

---

*) לייען דאָס קאַפּ.: „דער לאַטיינישער קוואַרטאַל".

גאנג וואס טיילט פונאנדער די צוויי קירכעס; מיר ווארפן נאך א בליק אויף דער „גאלגאטע” וואס קוקט דא ארויס פון הינטער דער אפצוימונג, מיר באטראכטן דעם הויכן טורם פון דער סאקרי-קער קירכע ווו ס'העננט דער 17 טויזנט קילא-שווערער גלאק, דער גרעסטער פון אלע פראנצויזישע גלעקער, און מיר קומען אריין אין דער גאס וואס טראגט דעם נאמען פון דעם יונגן קאוואליר דע לא באר וועגן וועלכן מיר האבן שוין פריער דערציילט.

מערקווירדיק ווי ווייט ס'גרייכט די טאלעראנץ פון קאטאליציזם!

דא ביי דער זייט פון די צוויי קירכעס טרעפן מיר אן געוועלבער וואס פארקויפן אויסשליסלעך רעליגיעזע מציאות; קרייצן, בילדער פון הייליקע, ליכט א. א. די קלייטן מיט פרומקייט פארטראגן זיך דא אויף דעם מאנמארטער בארג ווונדערבאר גוט מיט די פארברענג-לאקאלן און קאבארעטן וועלכע מיר טרעפן דא איינס נעבן דאס אנדערע...

די רי שעוואליע דע לא באר וואס פארמאגט פון די ביידע סארטן אנשטאלטן, האט אויך צו דערציילן איר אייגענע געשיכטע, די געשיכטע פון קאמונע-אויפשטאנד וואס זיין אויסברוך, און די ערשטע דראמע האט זיך טאקע אנגעהויבן אויף דער גאס, וואס האט אין יאר 1871 געהייסן רי ראזיע:

דערהויסנדיק זיך וועגן טיער'ס אונטערהאנדלען מיט די דייטשן, זיינען די ברייטסטע פאריזער מאסן געווען אויפגעבראכט קעגן דעם ביז גאר; מען איז אויך הושד, אז טיער וועט ארויסגעבן דעם שונא די ווונדערבארע פאריזער ארטילעריע, וואס איז אויף גיך באשאפן געווארן אויף די געלטער, וואס די פאריזער מאסן האבן פרייוויליק געשפענדעט. די אומצופרידנהייט האט אויך ארומגעכאפט די נאציאנאלע גווארדיע וואס הייבט אן פארבאהאלטן די הארמאטן אין פארשידענע הייף, און פיל פון זיי אויך אויף דעם מאנמארטער-בארג. טיער פילט די געפאר פון אויפשטאנד, און זוכט ארויסצובאקומען די פארבאהאלטענע ארטילעריע: דעם 18 מערץ 1871 שיקט ער ארויס אנ'אפטיילונג מיליטער אונטער דער אנפירונג פון גענעראל לעקאנט וואס באווייזט זיך אויף דעם מאנמארטער בארג, די באפעלקערונג לאזט זיך ארויס אויף דער גאס, גרייט נישט צו לאזן אוועקנעמען די הארמאטן, ס'קומט צו א צוזאמענשטויס, דאס מיליטער גייט אריבער אויף דער זייט פון די מאסן, דער גענעראל לעקאנט ווערט פארהאלטן, באלד ווערט דא אויך אהערגעברענגט א

צווייטער גענעראל קלעמאן טאמא, וואס האט זיך נאך באריממט גע־מאכט אין יאר 1848 דורך זיין אויסשיסן די פאריזער ארבעטער; דעם גענעראל האט מען פארהאלטן אויף קלישי, וו ער האט אויך געזוכט אויסצוגעפינען די פארבאהאלטענע הארמאטן. דער אויפ־ברויז איז גרויס, ס'ווערט אימפראוויזירט א געריכט, און ביים הויז נ. 36 ווערן די צוויי גענערעלער פארמשפט צום טויט, און דא דערשאסן.

דער טאג פון 18 מערץ 1871 איז געווען דער אנהויב פונ'ם אויפשטאנד וואס האט זיך פון דאנען, פון דער רי שעוואליע דע לא באר, אריבערגעטראגן איבער גאנץ פאריז.

מיר פארלאזן דאס געסל, און קומען אריין אין די רי מאן סעני, די גאס ציט בארג אראפ. פוןביידע זייטן זעען מיר גרויסע ניי־אויפגעבויטע הייזער. מיר פארהאלטן זיך ביי דער רי וואנסאן, וואס קרייצט דעם וועג. דאס הויז נ. 11 פון דער גאס איז פון די יארן 1834 ביז 1837 באוווינט געווען דורך דעם קאמפאזיטאר העקטאר בערליאז; דא האט ער, צווישן פיל אנדערע ווערק, אויך געשאפן זיין „בענוועניטא טשעליני“.

מיר גייען פארביי פאר שיינע הייזלעך מיט ליכטיקע זוניקע קינסטלער אטעליעס. אט גייען מיר פארביי פאר דעם מאנמארטער וויינטרויבן־פעלד, וואס געפינט זיך דא, דער לעצטער סימן פון די אמאליקע מאנמארטער וויינטרויבן־פעלדער, און פארהאלטן זיך אין דער רי דע סאל, ביי דער בארימטער קאפע „לאפאן אזשיל“.

ס'מאכט א מאדנע איינדרוק, דאס באטראכטן ס'קליינע אלטע הייזל, ס'וואלט אונדז קיינמאל נישט איינגעפאלן, אז מיר געפינען זיך נעבן איינע פון די בארימטסטע קינסטלערישע מאנמארטער קאפע־הייזער. *)

אנטקעגן דער קאפע „לאפאן אזשיל“, אונטער דער גרויסער מויער

---

*) דער נאמען פון דער בארימטער ארטיסטישער קאפע, איז אויף א מערקווירדיקן אופן, פארגרייזט געווארן: די קאפע איז מיט א סך יארן צוריק, דעקארירט געווארן דורכן מאלער און קאריקאטוריסט אנדרע זשיל (געשטאבן אין 1885), א געוויסע צייט איז פאר דער קאפע געווען אנ'אויפשריפט אז די דעקאראציע איז געמאכט גע־ווארן „פאר לע פאנטר א. זשיל“, לאנגזאם איז די אויפשריפט פאר־וואנדלט געווארן אין „לאפאן אזשיל“.

געפינט זיך א... קליין בית עולם, וואָס דער אריינגאַנג איז אין דער זייטיקער רי לוסיען גאַלאַרד. דאָרט אויף דעם בית עולם, געפינט זיך דאָס קבר פון׳ם מאַלער קאַריער בעלעז, דער קינסטלער פון פיל פּרעכטיקע לייוונטן, וואָס איז געשטאָרבן אין 1913, און אויך דאָס קבר פון באַרימטן אילוסטראַטאָר סטיינלעין.

אין די אָוונט־שטונדן איז די קליינע קאַפע פול מיט באַזוכער וואָס אַפּלאָדירן די זינגער, און קיינער טראַכט נישט דערביי, אז ער פאַר־ווײַלט זיך אייניקע טריט נאָר, אָפּגערוקט פון אַ בית עולם.

יאָ, דער מאָנמאַרטער באַרג, מיט זיינע קאַפעס, קאַבאַרעטן און דאַנסינגען, מיט זיינע קירכעס און אַלטע מאָנומענטן, מיט זיין פּרעכטיקן אויסזיכט אויף דער שטאָט, ציט צו פיל באַזוכער וואָס וואַנדערן איבערן זיינע פּיטאָרעסקע געסלעך, וואָס דערציילן וועגן די רוימישע טויט־אויספירונגען, וועגן פאַנאַטיקער לויאַלאַ וואָס האָט דאָ געגרינדעט דעם יעזואיטישן אָרדן אום צו ראַטעווען דעם קאַטאָליציזם פון אונטערגאַנג, וועגן די שווערע שלאַכטן וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט אויף דעם באַרג, אין 1814, ווען די קאָאַליציע־אַרמעי, האָט באַזעצט פּאַריז, וועגן דער פּאַריזער קאָמונע וואָס האָט זיך דאָ אנגעהויבן, און וועגן דעם דערשטיקן די זעלבע קאָמונע דורך די ווערסאַלער וואָס באַשיסן פון דאַנען אוים מיט האַרמאַטן דעם פּער לאַ שעז. דאָס לעצטע ווינקל פון די קאָמונאַרן. די באַזוכער קויפן זיך דאָ איין פּאַרשידענע סוווענירן, וועלכע זיי פירן מיט זיך אוועק איבער אַלע לענדער און אָקעאַנען פון וואַנען זיי זיינען אהער גע־קומען, אום צו זען דאָס שיינע און גרויסע פּאַריז.

קאפיטל 8.

# דער לוווּר

די גרעסטע און סאמע שענסטע געביידע וואָס פּאריז פאַרמאָגט, איז אָן ספק דער לוווּר.

ער איז נישט נאָר די גרעסטע געביידע אין פּאריז, ער געהערט אויך צו די גרעסטע פּאַלאַצן אין גאָר דער וועלט. אין זיינע זאַלן איז אנגעזאמלט אזא רייכקייט, אזעלכע אוצרות, אז נאָר איינצעלנע מוזעיען אין דער וועלט, קענען זיך פּרובירן צו אים גלייכן.

פאַרנעמענדיק קנאַפּע צוויי הונדערט טויזנט קוואַדראַט־מעטער, איז דער לוווּר צעוואָרפן איבער אַ גרויסן שטח; שווער און ערנסט, מיט זיינע צענדליקער סטאַטועס פון מארשאַלן און גענעראַלער, געבויט אין 19־טן י. ה. וועלכע מיר זעען אויף דער ריוואָלי־גאַס, איז ער שפּילעוודיק־שיין לענג אוים דער סען, מיט זיין דעקאָראַציע וואָס שטאַמט נאָך פון 16־טן י. ה. מיט זיין פּרעכטיקן סטיל פון פראַנצויזישן רענעסאַנס וואָס מיר זעען אין זיין ריזיקן פּירקאַנטיקן הויף, אין וועלכן עס לעבן נשמות וואָס האָבן אים באַוווינט, און מיט זייערע מעשים אים טרויעריק־באַרימט געמאַכט.

— — — — — — — — — — —

אין 12־טן י. ה. פאַרנעמט דעם פראַנצויזישן טראָן פּיליפּ־אויגוסט. ער איז זער אַן ענערגישער מלוכה־מאַן, און קריגער. ער רעאָרגאַניזירט דאָס גאַנצע מלוכה־לעבן, און בויט פּיל בנינים. אַ גלויביקער קריסט, נעמט ער אַ וויכטיקן אנטייל אין קרייץ־צוגן. ער איז איינער פון די אַקטיוועסטע בויער פון דער פּאריזער נאָטר־דאַם, און זוכנדיק צו באַפעסטיקן דאָס אויסגעוואַקסענע פּאריז, לאָזט ער ארומצוימען די שטאָט מיט אַ שטאַרקער מויער, און אום כדי בעסער צו באַשיצן די רעכטע זייט סען, הויבט ער אָן אין יאָר 1204 צו בויען אַ מעכטיקע פעסטונג, מיט טורעמס און שפּיצן, מיט אַ גרויסן זייער דיקן

הויפט־טורם וואָס דאָמינירט דעם פּלאַץ, און וואָס איז שוין אין 13־טן י. ה. גערופן געוואָרן מיטן נאָמען לוווּר. *)

דאָס ענטשטיין פון לוווּר, וואָס האָט געזאָלט דינען אַלס פעסטונג צו פאַרטיידיקן די רעכטע זייט פּאַריז, האָט געהאַט נאָך אַ וויכטיקן פּאָליטישן זין: ביז פיליפ־אויגוסטן, האָבן די פראַנצויזישע קעניגן געהאַט זייער רעזידענץ אין סיטע־פּאַלאַץ. פיליפּ־אויגוסטן איז דאָ געווען ענג. דער פּאַלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט מיטן פאָלק, מיט וועלכן מען איז קיינמאָל נישט געווען זיכער, און מיטן וואַסער, וואָס קען שטערן אין אַ מאָמענט פון געפאַר. דערפאַר האָט ער אַריבער־געטראָגן זיין רעזידענץ אין דער ניי אויפגעבויטער פעסטונג, ווו ער האָט זיך געזען מחוץ די צוויי געפאַרן.

אין סוף פון 13־טן י. ה. פאַרנעמט דעם פראַנצויזישן טראָן פיליפּ דער פערטער, „דער שיינער". אַ ראַפינירטער פּאָליטיקער מיט אַ שווערן דעספּאָטישן כאַראַקטער, זיינען זיינע דרייסיק־יאָר הער־שאַפט, געווען אויסגעפילט מיט שווערע מאַכינאַציעס אינטריגעס און מלחמות, וואָס האָבן געקאָסט זייער פיל לעבנס. צוויי געשעענישן האָבן דאַן גאַנץ באַזונדער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנץ אייראָפּע: דאָס איז געווען דער קאַמף וואָס פיליפּ דער פערטער האָט געפירט קעגן פּויפּסט באָניפאַס (באָניפאַציוס) דער אַכטער, און דאָס פאַרניכטן דעם דעמאָלט זייער באַרימטן אָרדן פון די טעמפּל־ריטער, וואָס האָבן דאָ אין פּאַריז געהאַט זייער הויפּט־זיץ.

דער קאַמף קעגן פּויפּסט, איז ענטשטאַנען אין רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער ענטוויקלונג פון דער מלוכה; פיליפּ דער פערטער האָט נישט געקענט דערלאָזן אַז רוים זאָל האָבן אַ דעה איבער אים. ס'איז געווען אַ קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פראַנקרייך פון דער פּויפּסטלעכער מאַכט, וועלכע האָט זיך באַטראַכט ווי דער אויבער־הערשער איבער אַלע קריסטלעכע לענדער. דאָס איז געווען זער אַ געוואַנטער קאַמף וועלכן עס האָבן שוין פריער געפירט צוויי מעכ־טיקע גערמאַנישע אימפּעראַטאָרן, העגריך דער פערטער, און פריד־ריך באַרבאַראָסאַ, און ביידע אימפּעראַטאָרן האָבן דעם קאַמף קעגן פּויפּסט פאַרלוירן; העגריך דער פערטער איז געווען געצוווּנגען צו גיין קיין קאַנאָסאַ, אום אויסצוויינען מחילה, און פרידריך באַרבאַ־

*) די אָפּשטאַמונג פון נאָמען לוווּר, איז נישט באַקאַנט.

ראָסאַ האָט געענדיקט מיט פולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע, אין וועד־נעדיק אין יאָר 1177, נאָכן פאַרשפּילן די שלאַכט ביי לעגנאַנאָ.

דער קאַמף צווישן רוים און פיליפּן האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער צעפלאַקערט. דער פויפּסט האָט אַרויסגעגעבן קעגן דעם ווידערשפּעניקן קעניג אייניקע בולעס, און לסוף אים אויסגעשלאָסן פון דער קירכע. אויך פיליפּ דער פערטער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אָפענע בריוו קעגן פויפּסט, וועלכע האָבן אָפּגעלייקנט די הייליקייט פון באָניפאַסן, און זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַרן אָנרופן דעם קאָפּ פון דער רוימישער קירך מיטן נאָמען „דעמאָן״, און אַנדערע באַליידיקונגען. *)

דער דאָזיקער קאַמף מיט וועלכן עס האָט געקאָכט איראָפּע, און פאַרשטענדלעך, אַז אויך גאַנץ פראַנקרייך, איז אַנגעפירט געוואָרן אין די מויערן פון אַלטן לוווּר, וווּ עס זיינען פאָרגעקומען כסדר־דיקע באַראַטונגען פון קעניג מיט זיינע יועצים, און וווּ עס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן די בייסיקע בריוו, און אויפרופן קעגן פויפּסט.

פיליפּ דער פערטער שטעלט זיך אויך נישט אָפּ פאַר שיקן מענטשן וואָס זאָלן אויפכאַפּן דעם פויפּסט, וואָס זיי פירן אויך אַדורך, נאָר ער ווערט צוריק באַפרייט פון זיינע אַנהענגער, אום כדי גלייך צו שטאַרבן פון דער איבערגעלעבטער אויפרעגונג.

דער ניי־געוועלטער פויפּסט, קלעמענט דער פינפטער, איז שוין פיליפּס אַ געטרייער דינער... ער פירט אויס געהאָרכזאַם אַלע פאַר־לאַנגען פון קעניג, אַפילו אויך זיין פאַרלאַנג צו פאַרניכטן דעם אָרדן פון די טעמפּל־ריטער.

דאָס נויטיקן זיך אין געלט, דערפירט פיליפּ דעם פערטן צו מער־רערע קאָנפליקטן מיטן פאָלק, און גאַנץ באַזונדער מיט די שטאָט־לייט, וועלכע ער רואינירט מערערע מאָל צוליב זיינע פינאַנציעלע שפּעקולאַציעס, לסוף דערגייט ער צום פעלשן די וואָג פון גאָלד־געלט, און אַנדערע געלט־פעלשונגען, און הופּט אַרויס קעגן זיך אַ געוואַל־דיקן אויפברויז, וואָס טרעפט זיך אויך צונויף מיט אַ גרויסן הונגער

---

*) פיליפּ דער פערטער האָט אין זיינע אַרויסטרעטונגען, גערופן דעם פויפּסט מיטן נאָמען „מאַלעפּאַס״ (דער שלעכט־טוער) אַנשטאָט באָניפאַס (דער גוט־טוער) ווי דער פויפּסט האָט זיך גערופן.

אין ווינטער 1305־1306. עס ברעכן דאן אויס אומרועז, און דער המון באפאלט דעם לוווּר.

פיליפ דער פערטער, זעענדיק די געפאר, פארלאזט באצייטנס זיין רעזידענץ, און באהאלט זיך אויס א קורצע צייט הינטער די פיל דיקערע מויערן פון דעם אלטן טעמפל. פארלאזנדיק שפעטער די טעמפל־ריטער, קען דער פאראכטעטער קעניג נישט איינרועז; די רייכקייט פון די ריטער איז גרויס, און ער אליין איז ארעם, און דא אין לוווּר ווערט געבוירן די אידעיע פון צעברעכן דעם צו מעכטיק־געווארענעם ארדן, און ארײנצוקריגן זייערע מיליאנען.

און ער הויבט אן זיינע אונטערהאנדלונגען מיט קלעמענט דעם פינפטן וועגן זיין איינשטימיקייט. *)

אין זעלבן 14־טן י. ה. הערשט אין לאנד שארל דער פינפטער, מיטן צונאמען „דער געבילדעטער״.

ער איז טאקע געווען פראנקרייכס ערשטער געבילדעטער קעניג.

פיזיש זער א שוואכער, קען ער אפילו נישט האלטן אין זיין רעכ־טער האנט קיין געווער. להיפוך צו אלע איבעריקע קעניגן, זעט מעז אים כמעט נישט רייטן אויף קיין פערד. ער איז כסדר פארטיפט אין זיינע ביכער, און פון זיין קאבינעט, רעגירט ער מיטן לאנד. גיט ארויס פיל קלוגע געזעצן, וואס היילן דאס לאנד פון פיל אומ־גליקן און מלחמות.

שארל דער פינפטער פארברענגט אבער דער עיקר פון זיין צייט נישט אין לוווּר, וואס איז אן אומהיימלעכע פעסטונג, נאר אין סען־פאל האטעל, וואס איז באשטאנען פון מערערע געביידעס, מיט א שיינעם גארטן, מיט פרוכטן ביימער, און בלומען, און דערמאנט אין א דארפיש לעבן, וועלכעס דער קעניג האט זייער ליב געהאט. **)

פון צייט צו צייט האלט ער זיך נאר אויף אין לוווּר, און ער איז דער ערשטער הערשער, נאך פיליפ־אויגוסטן, וואס הויבט אן ארײנ־פירן ענדערונגען אין דעם געבוי פון פעאדאלן לוווּר. ער לאזט אויס־האקן א ריי פענסטער צו דער סען צו, שטעלט דא אוועק פיל סטא־טוען, און הייבט אים אלץ מער אן צו באשיינען, און אויסנוצנדיק די פעסטע מויערן פון דעם ריזיקן, 15־מעטער־דיקן גרויסן טורם

---

*) לייען דאס קאפיטל: „ארום דעם טעמפל־סקווער״.

**) דער האטעל סען פאל האט זיך געפינען אויף דער הײנטיקער רי סענט אנטואן.

וואָס געפינט זיך אין צענטער פון פּאַלאַץ, זאַמלט ער דאָ צונויף ביז טויזנט מאַנוסקריפּטן, און אַזוי אַרום ווערט ער דער גרינדער פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק.

אין 15־טן י. ה. שפּילן זיך אָפּ אין לאַנד שווערע מלחמות מיט די ענגלענדער וואָס מאַנען זיך די פראַנצויזישע קרוין. פראַנקרייך איז כמעט אין די הענט פון שונא. פּאַריז גופא איז לאַנגע יאָרן באַזעצט דורך די ענגלענדער, וואָס באַלעבאַטעווען אויך אין לוווּר, ווען די קעניגן האַלטן זיך אויף אין זייער שלעסער ביים טייך לואַר.

אין 16־טן י. ה. ווערט דער לוווּר אויף דאָס ניי די רעזידענץ פון די פראַנצויזישע קעניגן, און דער פּאַלאַץ מאַכט דורך גרויסע ענדערונגען. פראַנסואַ דער ערשטער, דער ערשטער זאַמלער פון קונסטווערק, וואָס באַזעצט זיך דאָ אין יאָר 1527, טרעט צו מאָדערניזירן דעם פּאַלאַץ; ער לאָזט אַראָפּרייסן דעם ריזיקן טורם וווּ שאַרל דער פינפטער האָט געהאַט זיין זאַמלונג פון זעלטענע מאַנוסקריפּטן, און לאָזט צעשטערן אויך אַנדערע טיילן פון אַלטן לוווּר. אין יאָר 1546 נעמט איבער די רעקאָנסטרוקציע פון לוווּר, דער דעמאָלט באַרימטער אַרכיטעקט פּיער לעסקאָ, וואָס צעוואַרפט און בויט דאָ אויף נייע געביידעס; ער גייט אויך אָן מיט דער דאָזיקער רעקאָנסטרוקציע, אונטער דער הערשאַפט פון הענריך דעם צווייטן.

אין יאָר 1550 הייבט אָן דעקאָרירן די נייע געביידעס, דער סקולפּטאָר, און גרויסער קינסטלער זשאַן גוזשאָן, וועלכער לייגט אויף דעם לוווּר דעם סטעמפּל פון זיין וווּנדערבאַרער פאַנטאַזיע.

אָבער אין זעלבן יאָרהונדערט, ווען עס קומט פאָר אַזאַ אינטענסיווע איבערבויאונג פון לוווּר, ווען ער ווערט אַלץ מער און מער, פון אַ פעאָדאַלער פעסטונג, פאַרוואַנדלט אין אַ פּרעכטיקן מאָדערנעם פּאַלאַץ, אין זעלבן י. ה. ווערן די מויערן פון לוווּר עדות פון אַ טראַגיש געשעעניש, וואָס איז דאָ צוגעגרייט געוואָרן, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט, און וואָס האָט פון דאַן אויס זיך אַרויסגעטראָגן איבער דער שטאָט. אַ געשעעניש וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון טויזנטער מענטשן, און וואָס הערט ביז היינט נישט אויף אַרויסצורופן צו זיך אַ גאָר גרויס אינטערעס.

די געשעעניש, דאָס איז געווען דער פּאָגראָם אויף די פּראָטעסטאַנטן, אין דער נאַכט פון הייליקן באַרטאָלאָמעי, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם 24 אויגוסט 1572.

נאָך דער הונדערט־יעריקער מלחמה מיט די ענגלענדער, וואָס דאָס לאַנד האָט אַדורכגעמאַכט אין 15־טן י. ה. איז דאָס 16־טע י. ה. געווען אן אַרענע פון מוראדיקע מלחמות און קעגנזייטיקע אויס־שחטונגען, אין רעזולטאַט פון דער גרויסער שפּאַלטונג וואָס האָט געזוכט צו רעפאָרמירן דאָס קריסטלעכע גלויבן, און „גוטע" קאַטאָ־ליקן וואָס האָבן געזוכט צו דערהאַלטן אין אומבאַרירלעכקייט, די מאַכט פון קאָמפּראָמעטירן רוים.

יאָר צענדליקער האָבן אנגעהאַלטן די דאָזיקע מלחמות, וואָס האָבן פאַרוויסט פראַנקרייך, און געקאָסט אַ ים מיט בלוט.

נאָך מערערע שלאַכטן צווישן די פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוי־לישע אַרמעיען, ווערט ווידער געשלאָסן (צום וויפלטן מאָל שוין) אַ שלום. עס ווערט אויך באַשלאָסן אַז די קאַטוילישע פּרינצעסן, מאַר־גאַריטע וואַלוא, די שוועסטער פון הערשנדיקן שאַרל דעם נײַנטן, זאָל חתונה האָבן מיטן פּראָטעסטאַנטישן קעניג פון נאַוואַר, הענריך בורבאָן, (דער שפּעטערדיקער הענריך דער פערטער). מען האָפט אַז דער דאָזיקער שידוך וועט העלפן איינשטעלן אַ דויערהאַפטן שלום.

דער חתן, קומט דאַן אויף דער חתונה מיט אַ סוויטע פון אַכט הונדערט פּערזאָן (געוויסע קוועלן האַלטן אַז די סוויטע האָט גע־ציילט צוועלף הונדערט מאַן). זיי ווערן אײַנגעקוואַרטירט אַרום לוווּר, און דער חתן, דער קעניג הענריך בורבאָן מיט אַ גרויסע סוויטע וווינען אין לוווּר גופא.

די חופה קומט פאָר דעם 18־טן אויגוסט 1572 אין דער נאָטר־דאַם. אין לוווּר ווערן געפּראַוועט בעלער, און אין דער זעלבער צייט ווערן רייף געשעענישן וואָס דערפירן צו דער ריזיקער דראַמע, דאָס שרעקלעכסטע וואָס עס איז אין לוווּר געגרייט געוואָרן.

אַ גאַנצע ריי סיבות האָבן צוגעפירט צום אומגליק:

שאַרל דער נײַנטער איז געווען אַ מענטש אָן אַ ווילן, וואָס איז לײַכט אַרונטערגעפאַלן אַ פרעמדן איינפלוס. ער האָט כסדר געלעבט אין אַ מורא אַז זײַנע ברידער זוכן זײַן סוף, אום צו באַקומען זײַן קרוין. זײַן שלעכטער גייסט איז געווען זײַן מוטער קאַטערינע מע־דיטשי, די געוועזענע רעגענטן, וואָס האָט געהאַט געוואַלדיקע אַמבי־ציעס צו הערשן, און איז געווען די הויפּטשולדיקע אין דעם בלוט־באַד.

אין די טעג פון דער חתונה, גרייט קאַטערינע מעדיטשי צו אַן אַטענטאַט קעגן דעם פּראָטעסטאַנטישן פירער, דעם אַדמיראַל

קאַליני, וואָס האָט באַקומען אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם שוואַכן און ווילנסלאָזן שאַרל דעם ניינטן. די קעניגין־מוטער קען נישט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז אַן אַנדערער, אַחוץ איר, זאָל באַאיינפלוסן איר זון, בפרט נאָך, אַ פּראָטעסטאַנט. אַ געדונגענער מערדער שיסט אין אַדמיראַל, און פאַרוואונדעט אים בלויז אין דער האַנט. שאַרל דער ניינטער איז אויסער זיך צוליב דעם אַטענטאַט אויף קאַליני, און זוכט די פאַרשווערער. זעענדיק אַז איר ראָל קען אויפגעדעקט ווערן, באַשליסט קאַטערינע מעדיטשי, צוזאַמען מיט אירע לייט, אויסצונוצן די זאַך, אום זיך אָפּצורעכענען מיט די פאַרהאַסטע הוגענאָטן.

און אין איינעם פון די זאַלן פון לוווּר קומט פאָר אַ שטורמישע סצענע צווישן דעם קעניג, זיין מוטער, און אירע מענטשן, וועלכע זוכן צו ווירקן, דורך איינרעדן אים, אַז ער טרויט זיך אַן אין מענטשן וואָס זוכן זיין אונטערגאַנג; אַז די הוגענאָטן גרייטן אַ פאַרשווערונג, און עס וועט זיין צו שפּעט, אויב מען וועט נישט איצט אויסנוצן די געלעגנהייט, און אויסמאָרדן די גאַנצע חברה. שאַרל דער ניינטער פּרובירט זיך אַנטקעגנשטעלן, דערנאָך, וויל ער מען זאָל כאָטש אָפּשוינען דעם פאַרוואונדעטן אַדמיראַל קאַליני, און נאָך איניקע פון די פּראָטעסטאַנטן. קאַטערינע מעדיטשי איז אומרחמנותדיק, און זעענדיק אַז איר זון הויבט אָן גלויבן די אַלע ליגנס וועגן די כלומערשטע כונות פון די הוגענאָטן, פאָדערט זי אומבאַדינגט די אויסראָטונג אויך פון קאַליני.

אַ צוגעדריקטער פון אַלע זייטן, גיט דער קעניג נאָך „מיטן באַדינג עס זאָלן אויסגעהרגעט ווערן אַלע פּראָטעסטאַנטן, אום עס זאָל נישט בלייבן קיין איינציקער, וואָס זאָל אים דערנאָך קענען פאַרוואַרפן די שחיטה“.

און עס האָט זיך אנגעהויבן דער פּאָגראָם!

מען האָט געשחטן, דערשטיקט, געשאָסן, געהרגעט אויף רעכטס און לינקס. אנגעהויבן אַרום לוווּר, אויף די הוגענאָטן־גאַסן, האָט זיך די שחיטה גלייך אַריבערגעטראָגן אין דער גאַנצער שטאָט. מען האָט געמאָרדעט וועמען מען איז נאָר חושד געווען אין פּראָטעסטאַנטיזם. יעדער האָט דענאָנסירט זיין שכן, זיין פריינט אָדער קרוב וועלכן ער האָט געהאָפט צו ירשנען. מען האָט אומגעברענגט זקנים און קליינע קינדער, געהרגעט שוואַנגערע פרויען, מען האָט פאַרגעוואַלדיקט, ראַבירט וואָס און ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

„דער פאַנאַטיזם איז נישט מער ווי אַ פּרעטעקסט ביים איבער־פלוס פון ווילדן חיה־אינסטינקט, וואָס וואַקט אַן אין דער ברוסט פון אַ קאָרומפּירטער ציוויליזאַציע. די ראַפינירטע הויף־לייט פון לוווּר און די שלעפּער פון נסים־הויף *) האָבן זיך געברידערט ביים גנבהנען און מאָרדן", שרייבט דער היסטאָריקער אַנרי מאַרטאַן, שילדערנדיק דעם פאַרלויף פון פּאָגראָם.

שווידערלעך איז געווען די שחיטה אינעם לוווּר גופא, ווו מען האָט אויסגעהרגעט די געסט אין די אויגן פון די פּרינצעסנס און פון קעניג. ס'איז וואַרשיינדלעך, אַז שאַרל ניינטער זאָל אַליין האָבן אָנטיילגענומען אין פּאָגראָם, שיסנדיק דורך אַ פענסטער פון לוווּר אויף די אַנטלויפנדיקע הוגענאָטן.

און בעת מען האָט אויסגעהרגעט די סוויטע פון קעניג פון נאַוואַר, איז ער אַליין אַראָפּגעפירט געוואָרן צום קעניג, וועלכער האָט אים בייז דערקלערט, אַז אַלץ וואָס ער זעט, געשעט מיט זיין ווילן.

— איך וויל נישט קיין צוויי רעליגיעס אין מיין קעניגרייך! — האָט ער צו אים געשריגן, — דער קאַטאָליציזם אָדער דער טויט? קלויבט אויס!

לסוף גיט ער אים דריי טעג צייט אויף דעצידירן זיך.

דער שווידערלעכער פּאָגראָם האָט געקאָסט דאָס לעבן פון צוויי טויזנט מאַן.

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, איז אין דער דאָזיקער נאַכט אויך

---

*) אַזוי האָט מען גערופן אַ נעסט מיט אָרעמע הייזער, וואָס האָט אין מיטלאַלטער זיך געפינען אין פּאַריז, אויף דעם אָרט ווו ס'גע־פינט זיך היינט דאָס הויז נ. 100 אויף רי רעאָמיר. דאָס איז געווען אַ צענטער פון דער פּאַריזער אונטערוועלט וואָס האָט זיך דאָ אויפ־געהאַלטן. פאַרשטעלט אַלס קאַליקעס, אַלס לאָמע, בלינדע, הויקערס א. א. וו. פלעגן זיי בעטלען איבער פּאַריז. און דערנאָך קומענדיק פון זייער „באַשעפטיקונג" אַהער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייערע הויקערס, לאָמקייט א. א. וו. און פאַרוואַנדלט ווערן אין געזונטע מענטשן. צוליב די דאָזיקע „נסים", האָט מען דעם הויף גערופן מיט דעם דאָזיקן נאָמען.

אומגעקומען דער גרויסער קינסטלער זשאַן גוזשאַן. דער פּרעכטיק־סטער סקולפּטאָר און באַפּוצער פון היינטיקן לוווער. *)

שאַרל דער ניינטער ווערט דערנאָך פאַרפאָלגט פון די שרעק־לעכע סצענעס וואָס זיינען אים פון דער נאַכט פאַרבליבן אין זכרון, פון אַ געוואַלדיקן געוויסנס־ביסן פון דערלאָזטן אומגליק, און אין צוויי יאָר אַרום, שטאַרבט ער אין שלאָס פון וואַנסען.

דעם טראָן פאַרנעמט דאַן זיין יונגערער ברודער, אַלס הענריך דער דריטער, וואָס איז איינגאַנצן אַלט 23 יאָר, און וואָס איז דעם 9 מאַי 1572 געוועלט געוואָרן אַלס קעניג פון פּוילן.

אין קראָקע זייענדיק, דערוווסט ער זיך וועגן טויט פון זיין ברודער. ער לאָזט פאַלן דעם פּוילישן טראָן, גנבעט זיך פּשוט אַרויס פון לאַנד, בגנבענדיק גלייכצייטיק דעם פּוילישן מלוכה־אוצר, דורכ'ן מיטנעמען מיט זיך פיל בריליאַנטן און פּערל וואָס האָט אנגעהערט דער קרוין.

דאָס איז געווען זער אַ קליינלעכער און שלעכטער מאַן, דעמאָ־ריליזירט ביז גאָר. זער ליב געהאַט צו טראָגן צירונג. אָפּגעגעבן פיל צייט אויף זיינע טואַלעטן, שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קאָמפּאַניע דעמאָראַליזירטע לעבּ־יונגען וואָס האָבן צוזאַמען מיטן קעניג זיך געפּוצט אַזוי ווי פרויען. דאָס איז געווען דער ער־שטער פראַנצויזישער קעניג וואָס פלעגט אַרויספאָרן אין אַ קאַרעטע און נישט אויף פערד, ווי מען איז עס געווען געוווינט צו זען.

אין לאַנד גייען כסדר אן די קאַמפן צווישן די קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן. די לאַגע איז פיל קאָמפּליצירטער ווי בעת דער הערשאַפט פון זיין ברודער, און הענריך דער דריטער איז אַבסאָלוט נישט די פּערזאָן וואָס זאָל זיך קענען אַנ'עצה טאָן מיט דער לאַגע. ער איז אַ גרויסער געלט־פאַרשווענדער, פּראַוועט אויסגעלאַסענע

---

*) פון דער קאַטוילישער זייט פּרובירט מען אנהאַלטן אַ ווערסיע, אַז זשאַן גוזשאַן, זאָל קורץ פאַר דער באַרטאָלאָמעי־נאַכט, האָבן אָפּגעפאָרן קיין איטאַליע, וווּ ער איז ערגעץ געשטאָרבן; די דאָ־זיקע ווערסיע איז גיכער אַ פּרובע אָפּצוואַשן נאָך אַ שווערן פלעק פון אָפּגעטאָענעם פאַרברעכן. אויב דער פּראָטעסטאַנט זשאַן גוזשאַן האָט זיך טאַקע געפינען אין אויסלאַנד, וואָלט זיין אַקטי־וויטעט, נישט געבליבן פאַר די צוקונפטיקע דורות אומבאַקאַנט. ער איז געווען אַ צו גרויסער קינסטלער.

ארגיעס, און איז פארשפילט מיט הינט און אנדערע חיות וועלכע ער האלט אויס אין די מאסן, און וואס קאסטן אפ פארמעגנס. איינמאל, נאך דעם ווי עס האט זיך אים געחלומט אז זיינע חיות האבן אים אויפגעפרעסן, לאזט ער אומברענגען זיינע לייבן, בערן, און אקסן. אין אויפרעגונג אויף זיינע מיניסטארן, צוליב זיין אומפעאיקייט, שלאגט ער זיי מיט די פויסטן.

ווי שארל דער ניינטער, האט אויך הענריך דער דריטער נישט קיין קינדער, און צו דער איבעראשונג פון גאנצן קאטוילישן פראנקרייך, און דער עיקר, קאטוילישן פאריז, איז די פערזאן וואס האט די רעכט צו ירשנען די פראנצויזישע קרוין, נישט קיין אנדערער, ווי דער פראטעסטאנט, דער קעניג הענריך בורבאן פון נאוואר.

דער דאזיקער געדאנק לאזט די קאטאליקן נישט איינרוען, און אין 1576 ווערט אין פאריז באשאפן א „הייליקע ליגע" וואס גרופירט די אולטרא־קאטאליקן צום קאמף קעגן די פראטעסטאנטן, אבער די אמתע כונה פון די ליגיסטן, איז אויך געווען דאס ארויפזעצן אויף דעם טראן זייער פירער, דעם אין פאריז זער באליבטן פירשט גיז.

הענריך דער דריטער וויים די געפאר, און ער צווינגט דעם פירשט דע גיז צו פארלאזן פאריז.

די ליגיסטן וואס ווילן ענדלעך מאכן א סוף צו הענריך דעם דריטן, ברענגען דעם פירשט צוריק אראפ קיין פאריז, וו ער ווערט שטורמיש באגריסט דורך דער באפעלקערונג „ווי א קעניג". הענריך דער דריטער ברענגט דאן אראפ קיין פאריז מיליטער אום זיך צו פארטיידיקן, אבער דעם 12 מאי 1588 וואקסן אויס ארום לוור באריקאדן. דאס מיליטער וואס דארף שיצן דעם אומבאהאלפענעם קעניג קעגן די ליגיסטן, הויבט אן אריבערגיין אויף זייער זייט, און הענריך דער דריטער איז געצוואונגען צו אנטלויפן פון לוור.

מער האט ער שוין דעם לוור נישט געזען.

די ליגיסטן ווערן די פולשטענדיקע בעלי בתים פון דער שטאט, און פון לוור, און דער ברודער פון פירשט דע גיז, דער פירשט מאיען שיכורט דא אין דעם פרעכטיקן קאריאטידן־זאל, און לאזט דא, אין דעם זעלבן זאל, אויפהענגען א גרופע פאווארטיטן און „אנהענגער" פון אנטלאפענעם קעניג.

הענריך דער דריטער אנטלויפט קיין שארטר. ער איז געצוווונגען איינצוגיין אויף קאמפראמיסן מיטן זיין גרעסטן שונא, דעם פירשט

דע גיז, און נאָמינירט אים אלס וויצע־קעניג. דערנאָך הופט ער צונויף קיין בלוא די פאַרזאַמלונג פון די גענעראַל־שטאַטן, אין דער האָפנונג צו ראַטעווען זיין קאָמפּראָמעטירטע פּאָזיציע, נאָר זעענדיק דעם כסדרדיקן גרויסן איינפלוס פון פירשט דע גיז, גרייט ער צו אַ פאַרשווערונג.

זייענדיק אין פּאַלאַץ פון בלוא, טיילט מען מיט דעם פירשט דע גיז אַז דער קעניג וויל אים זאָפּאָרט זען. גיז גייט אַריין אין די אַפּאַרטעמענטן פון קעניג, און דאָ, ווערט ער דערשטאָכן דורך אַכט מענער, וואָס האָבן אים צו דעם צוועק, בכיון אָפּגעוואַרט.

העגריך דער דריטער זאָגט אַליין אָן זיין מוטער, קאַטערינע מע־דיטשי וועגן דורכגעפירטן מאָרד:

— מאַדאַם, היינט בין איך געוואָרן קעניג פון פראַנקרייך; איך האָב געלאָזט אומברענגען דעם קעניג פון פאַריז.

— איר האָט געלאָזט אומברענגען דעם פירשט דע גיז — שרייט אויס קאַטערינע מעדיטשי אַנ׳איבעראַשטע — זאָל גאָט געבן אַז איר זאָלט דורך דעם דאָזיקן טויט, נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קעניג פון גאָרנישט! ס׳איז גוט צוגעשניטן, נאָר וועט איר דאָס קענען צו־נויפשטעלן?

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם מאָרד, ענטוועַרט פאַריז מיט אַנ׳אויפ־שטאַנד. העגריך דער דריטער זעט אַז ער איז פאַרלוירן, און ער איז געצווונגען צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט זיין שונא, מיט די פּראָטעס־טאַנטן, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך זיין שוואָגער און פאַקטישן טראָן־יורש העגריך בורבאָן, דעם קעניג פון נאַוואַר. זייערעביידע אַר־מייען גייען אויף פאַריז, און געפינענדיק זיך אין סען קלו, ווערט העגריך דער דריטער דערשטאָכן דורך דעם דאָמיניקאַנער זשאַק קלעמענט.

פאַרן אָפּשטאַרבן, אנערקענט ער די רעכט פון נאַוואַרישן קעניג אויפן פראַנצויזישן טראָן.

מיט זיין טויט האָט זיך אויסגעלאָשן די וואַלוא־דינאַסטיע וואָס האָט געהערשט צווייהונדערט זעכציק יאָר איבערן לאַנד, געגעבן פראַנקרייך דרייצן קעניגן, און דעם ערגסטן נאָמען האָט איבערגע־לאָזט נאָך זיך, העגריך דער דריטער.

מיטן טויט פון פירשט דע גיז און פון העגריך דעם דריטן, פאַר־לירט די „הייליקע ליגע" פון איר קריגערישקייט; דעם ענטגילטיקן קלאַפּ באַקומט זי פון נאַוואַרישן קעניג, וועלכער דערקלערט, אַז

„פאריז איז ווערט א מעסע“, און גייט אריבער צום קאטאליציזם. דאן, אין יאר 1589 עפנט פאר אים פאריז אויף אירע טויערן, און ער באזעצט זיך אין לווור, אלס העגריך דער פערטער.

מיט זיין ארויפטרעטן אויפן פראנצויזישן טראן, שטעלן זיך ענדלעך אפ די רעליגיעזע מלחמות וואס האבן אנגעהאלטן אזוי לאנג און אריינגעברענגט אין לאנד אזוי פיל אומגליק. העגריך דער פערטער נעמט אונטער א ריי שריט אים צו היילן דאס לאנד פון דער פארוויסטונג און איינגעטרעטענער פאראַרעמקייט, גלייכצייטיק זארגט ער אויך פאר דער שיינקייט פון לווור און פארגרעסערט דעם פאלאץ.

דעם 14 מאי 1610 פארט העגריך דער פערטער ארויס פון לווור. זיין פינאנץ־מיניסטער און פריינט, דער פירשט סילי איז קראנק, און ער פארט אים זען. ער האט זיך געשלאגן מיט דער דעה „פארי, נישט פארן?“ ער באשליסט פארן. און בעת זיין קארעטע קומט ארויס אויף דער רי פעראנערי, וואס געפינט זיך נישט ווייט פון לווור, ווערט ער דערשטאכן פון פאנאטיקער ראוואליאק. העגריך דער פערטער ווערט גיך צוריקגעברענגט אין לווור, און שטארבט דארט באלד אפ.

ער איז געווען דער איינציקער פון אלע פראנצויזישע קעניגן וואס איז געשטארבן אין לווור.

דא, אין דעם קאריאטידן־זאל, איז פארגעקומען די חתונה פון העגריך דעם פערטן, און דא, אין דעם זעלבן זאל איז ער געלעגן נאך זיין טויט.

דער טראן פארנעמט זיין זון לודוויק דער דרייצנטער וועלכער איז אינגאנצן ניין יאר אלט. דערוויסנדיק זיך אז ער איז געווארן קעניג, הויבט ער אן וויינען. אויף דער פראגע פארוואס ער וויינט, ענטווערט ער:

— איך האב מורא אז מען וועט מיך הרגענען, ווי מיין טאטן!

בעת לודוויק דעם דרייצנטנס מינדיעריקייט, הערשט אין לאנד די רעגענטן, זיין מוטער מאריע מעדיטשי. זי האט פארמאגט גרויסע הערשערישע אמביציעס, אבער אינגאנצן נישט, קיין פאליטישע רייפקייט און נויטיקע אינטעליגענץ אום צו קענען שפילן די ראל. זי פאלט גיך ארונטער אונטערן איינפלוס פון אן איטאליעניש־אוואנטוריסטיש פארל, לעאנארא גאליגאי מיט איר מאן קאנטשיני, וואס ווערן די אמתע בעלי בתים אין לאנד. זיי ראבירן דאס לאנד. זאמלען

אָן אוצרות. קאָנטשיני ווערט אַ פראַנצויזישער מאַרשאַל, גייט אַרום מיט אַ ריזיקער סוויטע, קויפט זיך הייזער און גיטער, פירט זיך דאָ, ווי דער קעניג אַליין. בעת דער יונגער לודוויק דער דרייצנ־טער ווערט אויף קיין פאַל נישט דערלאָזט זיך צו באַטייליקן אין מלוכה־לעבן, זיין סוויטע ציילט אָפט מאָל נישט קיין צען פּער־זאָן. ער לייד צוליב זיין הילפלאָזיקייט און גרינגשעצונגס־בליקן פון זיין מוטערס פאַוואָריט, און זיין סוויטע.

אין לאַנד גופא, הויבט זיך אויף דאָס ניי אַן אַנ'אומצופרידנהייט צוליב דער אומבאַהאָלפענער רעגענטשאַפט פון מאַריע מעדיטשי מיט אירע פאַוואָריטן. און אין לוווּר ווערט מיט דער צושטימונג פון יונגן קעניג צוגעגרייט אַ נייע פאַרשווערונג, וואָס איז אויסן אַ סוף צו מאַכן צום אַוואַנטוריסטישן פּאָרל מיט דער אומבאַהאָלפענער קעניגין־מוטער.

דעם 24 אַפּריל 1617 ווען קאָנטשיני קומט אָן אין לוווּר מיט זיין סוויטע, ווערט ער, גלייך ביים דורכגיין דאָס טויער, דערהרגעט דורך די פאַרשווערער.

לודוויק דער דרייצנטער, וואַרט אָפּ דעם רעזולטאַט פון דער פאַר־שווערונג אין דעם גוועוער־זאַל. ער ציטערט אויף ווען ער דערהערט די פּיסטאָלעטן־שאָסן, וואָס דערטראָגן זיך פון דרויסן. גלייך קומט אָן דער קאָלאָנעל אָרנאַנאָ.

— האַר — זאָגט ער צום 17־יעריקן בחור — פון איצט אָן, זענט איר שוין דער קעניג! דער מאַרשאַל איז טויט!

— מיין שווערד! מיין ביקס! — רופט לודוויק דער דרייצנטער, און לויפט צום פענסטער זיך ווייזן פאַר די פאַרשווערער, און פאַרן מיליטער וואָס פילט אויס דעם הויף פון לוווּר. — אַ דאַנק, אַ דאַנק אייך! — און ער חזרט איבער די רייד פון אָרנאַנאָ:

— פון איצט אָן בין איך קעניג!

דער רעגענטן, דער קעניגין־מוטער מאַריע מעדיטשי, ווערט פאַר־באָטן צו פאַרלאָזן אירע צימערן, און אין איינציקע טעג אַרום, ווערט זי פאַרשיקט אויף צו וווינען אין בלואַ.

לעאָנאָראַ גאַליגאַי ווערט אַרעסטירט, און באַשולדיקט אין כישוף־מאַכעריי, פאַרברענט מען איר אויפן פּלאַץ דע גרעוו.

די פאַרשווערונג פון יונגן לודוויק דעם דרייצנטן, איז געווען די לעצטע פּאָליטישע דראַמע וואָס דער לוווּר האָט אַדורכגעמאַכט. די געשיכטע פון דעם פּאַלאַץ אַלס די רעזידענץ פון די פראַנצויזישע

קעניגין דערנענטערט זיך צום סוף. אין זעלבן 17 י. ה. ווינט דאַ אויך לודוויק דער 14־טער. אין די ערשטע צייטן פון זיין הערשאַפט גייט נאָך דאָ אַן אַנ'אינטענסיווע בוי־אַרבעט, דורך די אַרכיטעקטן לעמערסיע און לעוואָ אָבער שוין אין יאָר 1676 ווערן די קאָנסטרוק־ציע־אַרבעטן פאַרנאַכלעסיקט. לודוויק דער פערצנטער איז שוין אינגאַנצן פאַרנומען מיט ווערסאַל, און אין גיכן פאַרלאָזט ער דעם לוווּר.

מיט לודוויק דעם 14־טנס פאַרלאָזן דעם לוווּר. ענדיקט זיין גע־שיכטע אַלס די קעניגלעכע רעזידענץ, וואָס דער לוווּר האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אין לויף פון פינף הונדערט יאָר פראַנצויזישער גע־שיכטע, ווען ער איז אויסגעבויט געוואָרן אַלס פעאָדאַלע פעסטונג, און לאַנגזאַם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ פון רע־נעסאַנס סטיל. וואָס זעענדיק די וואונדערשיינע דעקאָראַציע און שניצונג פון אַ זשאַן גוזשאָן פאַרגעסט מען אין דעם געלט־פעלשער פיליפ דעם פערטן, וואָס לאָזט פאַרברענען די טעמפּל־ריטער אום אַריינצובאַקומען זייער רייכטום, מען טראַכט נישט מער וועגן די דערמאָרדעטע הוגענאָטן, אין דער נאַכט פון היילִיקן באַרטאָלאָמעי, אויך נישט וועגן ווייבלעכן הענריך דעם דריטן וואָס לאָזט אויס־הרגענען די חיות נאָך אַ שלעכטן חלום, און די באַריקאַדן פון דער „היילִיקער ליגע". און וועגן זיין גאַנצער בלוטיקער פאַרגאַנגנהייט.

— — — — — — — — — — — — — —

שוין אונטער לודוויק דעם 14־טן, הייבט מען דאָ אָן צונויפזאַמלען די קונסט־ווערק פון קעניג, און מען הויבט אָן אַקטיוו איינקויפן פון בילדער און אַנדערע קונסטדווערק, אויך אין אויסלאַנד.

בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען דאָס אייגנטום פון דער קירכע ווערט קאָנפיסקירט, און בעת עס ווערן אויך קאָנפיסקירט פיל פאַרמעגנס פון אַריסטאָקראַטן, ווערט די מלוכה די באַזיצערן פון אַ קאָלאָסאַלער צאָל ווערק, וואָס אַלע ווערן זיי אַהערגעבערענגט אין לוווּר, וואָס עפנט דעם 10 אויגוסט 1793 זיינע טירן אַלס מוזעי.

די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן געהאָלפן אין איין באַרייכערן דעם לוווּר, ווארום פון אַלע אָקופּירטע לענדער, האָט מען אויסגע־קליבן פיל קונסט־אוצרות, און זיי דאָ אַהערגעברענגט. דער לוווּר איז געוואָרן דער מוזעי פון אייראָפּע,

אין 1814, ווען די קאָאַליציע־אַרמעי באַזעצט פּאַריז, אין דער דרך ארץ פאַרן לוווּר אַזוי גרויס, אַז די זיגרייכע אַרמעיען, דערוועגי

זיך נישט צוריקצונעמען די קונסט־ווערק, וועלכע די נאפאלעאנישע ארמעיען האבן ביי זיי צוגענומען. אבער אין 1815, ווען די קאאלי־ציע־ארמעי קומט ווידער אמאל אריין אין פאריז, דאן, קומט שוין דאס פרעמדע מיליטער אריין אין לוווער. און טראץ די פראטעסטן פון זיין דירעקטער דענאן, ווערן א ריי אוצרות, צוריק אפגענומען דורך די זיגער.

דעם 2 מערץ 1871 געפינט זיך די פרייסישע ארמעי אין פאריז. די צווייטע אימפעריע איז צעקלאפט. טיער אונטערהאנדלט וועגן שלום. די דייטשן ווילן צונעמען בעלפאר, לסוף ציען זיי צוריק די פאדערונג פארן פרייז פון אריינלאזן זייער ארמעי אויף צוויי טעג אין פאריז. אין דעם דאזיקן טאג, פארהאלט זיך ביים לוווער א גרופע דייטשע אפיצערן און איניקע ציווילע לייט, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך ביסמארק.

דער לוווער איז אין די טעג געשלאסן. ענדלעך זוכן זיי אויס איינעם פון די היטער.

— מיר ווילן זען די ווענוס פון מילא.

— היינט איז די ווענוס נישט צו זען, ענטווערט זיי דער היטער ברוגז, און דרייט זיך אוועק פון דער נישט סימפאטישער גרופע.

— — — — — — — — — — —

ציען מענטשן פון גאר דער וועלט צום לוווער, שפאצירן ביי זיינע מויערן, באטראכטן זיין פראכטפולע קאנסטרוקציע, און וואנדערן איבער זיינע זאלן פיל מיט ענטציקונג פון זיין אינהאלט.

קאפיטל 9.

# די גרויסע בולוואַרן

אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג שטעלן מיר זיך אָפּ אויף דעם פּלאַץ רעפּובליק.

איינער פון די גרעסטע פּלעצער פון דער שטאָט, קאָכט עס דאָ און רוישט מיט אַ געוואַלדיקער אויטאָמאָבילן־באַוועגונג, און גע־דראַנג פון גרויסע מענטשן־מאַסן וואָס שטראָמען פון אַלע זייטן.

אויסגעבויט מיט גרויסע פּילשטאָקיקע הייזער, מיט געשעפטן וואָס ציען צו אַ גרויסן עולם, און גרויסע קאַפע־הייזער, פאַרמאָגט דער פּלאַץ, צוויי לעצטנס געפּלאַנצטע גערטנדלעך, וואָס געפינען זיך ביי די זייטן פון דער שוועלער, 25 מעטער־הויכע סטאַטוע, גע־ווידמעט דער רעפּובליק, וועלכע מען האָט דאָ אויפגעשטעלט, אין יאָר 1883.

דער רעפּובליק־פּלאַץ איז נאָך קיין הונדערט יאָר נישט אַלט; ער איז ערשט באַשאַפן געוואָרן אין יאָר 1854. דאַן האָט ער גע־הייסן „דער פּלאַץ פון וואַסער־פּאַלאַץ" (פּלאַס שאַטאָ ד'אָ), צוליב אַ גרויסן פאָנטאַן וועלכן מען האָט דאָ אוועקגעשטעלט; אַ פאָנ־טאַן וואָס איז געווען אָרומגערינגלט מיט בראָנזענע לייבן. אין יאָר 1891, ווערט דער פאָנטאַן מיט זיינע לייבן איבערגעטראָגן אויף דעם פּלאַץ דאָמעניל וווּ ער געפינט זיך ביז היינט צו טאָג. אויף דעם אָרט פון פאָנטאַן, ווערט אוועקגעשטעלט די קאָלאָסאַלע סטאַ־טוע פון דער רעפּובליק, געמאַכט דורך די ברידער מאָריז. און באַ־פּוצט מיט באַרעליפן פון קינסטלער דאַלו, וואָס דערציילן די גע־שיכטע פון דער רעפּובליק.

בעת דער פּאַריזער קאָמונע, האָט דאָ געפּלאַקערט אַ קאַמף; די קאָמונאַרן וואָס האָבן זיך דאָ באַפעסטיקט אין דער קאַזאַרמע פון דער רעפּובליקאַנישער גוואַרדיע, האָבן באַשאָסן די רי טירביגאָ,

ווי עס האָבן זיך געפינען די אנגרייפנדיקע ווערסאַלער סאָלדאַטן, און דערנאָך, אָפּגעטיילט פון די הויכקייטן פון בעלוויל.

אין מיטן דעם פּלאַץ, אויף דעם אָרט ווו עס געפינט זיך היינט דער הויפּט־אַריינגאַנג אין דער מעטראָ, איז פאר דער באַשאַפונג פון פּלאַץ, אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1847 א טעאַטער, געגרינדעט דורך אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער זון; אין דאָזיקן טעאַטער, איז אין 19 מערץ 1859 אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל, די היינט אַזוי באַרימטע אָפּערע „פאוסט", פון פראַנצויזישן קאָמפּאָזיטאָר גונאָ.

דערמאָנענדיק די געביידע פון דער רעפּובליקאַנישער גוואַרדיע, זאָל אויך דערציילט ווערן, אַז אויף איר מויער, אויף דער זייט פון רי דע לאַ דוּאַן, זעען מיר אַן אויפשריפט, וואָס דערציילט די דורכגייער אַז דאָ, אויף דעם אָרט, האָט זיך אין 19־טן י. ה. געפינען די לאַבאָראַטאָריע, ווו דער געלערנטער דאַגער האָט אין יאָר 1839 געמאַכט זיין גרויסע דערפינדונג, וואָס ווערט טאַקע גערופן „דאַגעראָטיפּ", אַ דערפינדונג פון געוואַלדיקן ציוויליזאַטאָרישן ווערט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטוינונג אין דער וועלט.

דאַגער'ס דערפינדונג איז נוגע פאָטאָגראַפיע, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט, אָבער פּראַקטיש נישט רעאַליזירבאַר. דאַגער האָט דערפינדן די גלעזערנע קלישע, וואָס האָט מיטאַמאָל רעאַליזירט אַ ווונדערלעכע זאַך, און געפירט דערצו, אַז די פאָטאָגראַפיע זאָל אָנהויבן שפּילן אַזאַ ראָל אין לעבן, און דערפירן (דערוויילע) ביז צו די היינטיקע פילמען, וואָס געבן אַזוי פיל עמאָציע דער מענטשהייט.

דאַגער'ס דערפינדונג האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. נאָר ווי אַ סך גרויסע אויפטואונגען איז זי אין אירע ערשטע טעג, נישט דורך אַלעמען גלייך פארשטאַנען געוואָרן: פון איין זייט האָט מען עס באַוווּנדערט, פון דער אַנדערער זייט אויסגעלאַכט. די צייטונגען און זשורנאַלן זיינען געווען פיל מיט קאַריקאַטורן אויף דעם גרויסן קאַסטן פון פאָטאָגראַף, וואָס האָט דאַן געוויגן 24 קילאָגראַם (אַנדערהאַלב פוּד), ווי אויך אויף דער פּאָזיציע פון דעם מענטש וואָס לאָזט זיך פאָטאָגראַפירן; די קאַריקאַטורן האָבן געוויזן, ווי אַזוי דער מענטש ווערט צוגעשמידט ביים קאָפּ און האַלז מיט פאַרשידענע צוואַנגען, אום צו זיצן אומבאַוועגלעך...

אין יאָר 1939 האָט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט געפייערט

הונדערט יאָר פון „דאַגעראַטיפּ“, אײנאָרדנדיק אויסשטעלונגען און לעקציעס, און דורך פאַרעפנטלעכן פיל אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער דאָזיקער דערפינדונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער לאַבאָראַטאָריע וואָס האָט זיך געפינען אויף דעם אָרט, וווּ עס געפינט זיך די הײנטיקע קאַזאַרמע פון דער רעפּובליקאַנישער גוואַרדיע, אין דער זײַט פון רי דע לאַ דואַן, ווו אַ ספּעציעלע אויפשריפט, דערציילט עס די דורכגייער.

דא, ביים פּלאַץ רעפּובליק, הויבן זיך אָן די באַרימטע גרויסע בולוואַרן *), וואָס זײַנען איבערפילט מיט קאַפעס, פילם־הײַזער, טעאַטערן, מוזיק־האַלן, גרויסע פּרעכטיקע געשעפטן, רעסטאָראַנען און האָטעלן. דאָס פּאַריזער לעבן פולסירט דאָ מיט אַ געוואַלדיקן טעמפּאָ. דאָ האָבן אין פיל הײַזער געלעבט באַרימטע פּערזענלעכקייטן. מאָנומענטן פון פאַרגאַנגענע צײַטן, זײַנען דאָ צעשטעלט אויף טריט און שריט. די בולוואַרן האָבן געפיבערט מיט גרויסע איבערלעבונגען.

אַרײַנגייענדיק אין די בולוואַרן, פאַרהאַלטן מיר זיך ביים טעאַטער „פּאָרט סען מאַרטאַן“:

אין לעצטן פערטל פון 18־טן י. ה. האָט אַ שרפה פאַרניכטעט די פּאַריזער אָפּערע; מען האָט זיך גענויטיקט אין אַ נײַער, זאָל זײַן צײַטווײַליקער געבײַדע פאַרן טעאַטער; און דאָס טעאַטער „פּאָרט סען מאַרטאַן“, ווערט אין יאָר 1781 אויפגעבויט דורך דעם אַרכיטעקט לענואַר, אין פאַרלויף פון 75 טעג. אַ רעקאָרד וועלכן ס'איז אפילו הײַנט צו טאָג שווער צו דערגרייכן.

דאָ געפינען מיר זיך פאַר צוויי טריאומף־טויערן וואָס שטייען אין מיטן פון די בולוואַרן. די ערשטע אַרקע איז באַקאַנט אַלס „פּאָרט סען מאַרטאַן“, און די צווייטע איז דאָס באַרימטע סען דני־טויער (פּאָרט סען דני).

ביידע טויערן זײַנען דאָ אױפגעשטעלט געוואָרן אין 17־טן י. ה. לכבוד די מיליטערישע נצחונות פון לודוויק דעם 14־טן, נאָר וואָס אָפּגעהאַלטענע אין דײַטשלאַנד און אין האָלאַנד.

לודוויק דער 14־טער, וועמען מען האָט גערופן „קעניג־זון“, האָט

---

*) „טעאָרעטיש“, הויבן זיך אָן די גרויסע בולוואַרן ביים פּלאַץ פון דער באַסטיליע, פּאַקטיש אבער הויבן זיי זיך אָן ביים רעפּובליק־פּלאַץ.

געקוקט אויף זיך ווי אויף גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד. דאָס איז געווען אַ זעלבסטהערשער וואָס האָט געוואָלט האָבן די פולסטע מאַכט נישט נאָר ביי זיך אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד, און אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע אַמביציעס, האָט ער געפירט אומאויפהערלעכע מלחמות, וואָס האָבן געבראַכט פיל רום דעם פראַנצויזישן געווער, נאָר האָבן אָבער רואינירט דאָס לאַנד, און פאַראָרעמט די באַפעלקערונג.

לודוויק דעם 14־טנס הערשאַפט האָט באַשאַפן אַ גאַנץ ספּעציעלע עפּאָכע, וואָס ווערט דורך פיל באַזינגען, ווי איינע פון די שענסטע צייטן פון דער פראַנצויזישער מאָנאַרכיע. דער קעניג האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גלענצנדיקער סוויטע הויף־לייט און קורטיזאַנען; געלאָזט אויסבויען דעם פּרעכטיקן ווערסאַלער פּאַלאַץ, פּראָטעזשירט און געשטיצט פיל גרויסע שרייבער, דיכטער און קינסטלער פון זיין צייט. געפראַוועט אויסערגעוויינלעכע פייערונגען. דער דאָזיקער אויסערלעכער גלאַנץ פון זיין הערשאַפט, וואָס פאַרשלינגט געוואַלדיקע מיליאָנען, גייט צוזאַמען מיט זיינע אומאויפהערלעכע מלחמות, וואָס רואינירן אַלץ שטאַרקער די ברייטסטע מאַסן.

יאָ, זיין הערשאַפט האָט געגעבן אַ סך גלאַנץ דער מאָנאַרכיע, און אַ סך אומגליק פאַרן פאָלק.

אין יאָר 1671, נאָך זיינע מלחמות אין דייטשלאַנד און אין האָלאַנד, ווערן אויף דעם חשבון פון דער שטאַט פּאַריז, אויפגעשטעלט די צוויי טריאומף־טויערן, וואָס לויבן לודוויק דעם 14־טנס נצחונות אין יענע לענדער.

דעם 21־טן יאַנואַר 1793 ווערט לודוויק דער 16־טער, געפירט צו דער גילאָטינע; דער וואָגן פאָרט איבער די גרויסע בולוואַרן, און אַז ער קומט צווישן די טויערן סען מאַרטאַן און סען דני, ווערט געמאַכט אַ פּרובע צו באַפרייען דעם קעניג, די פּרובע אַרויסצורייסן לודוויק דעם 16־טן, ווערט דורכגעפירט דורך דעם באַראָן באַז, אַ באַרימטער פאַרשווערער קעגן דער רעוואָלוציע. באַז וואַרט דאָ אויפן אנקומען פון אַרעסטאַנט, און דערזעענדיק דעם אנקומענדיקן וואָגן, ווענד ער זיך צו די פאַרבייגייער, נישט צו דערלאָזן אומקומען דעם פאַרמשפּטן קעניג; דער רוף פון דעם פאַרשווערער פאַלט אָן אָפּקלאַנג; באַז מוז זיך גיך אָפּטראָגן. די פאַרשווערונג ביים פּאָרט סען מאַרטאַן, די לעצטע פּרובע צו ראַטעווען לודוויקן

איז דאָ, אויף דעם פּלאַץ דורכגעפאַלן. לודוויק דער 16־טער באַצאָלט מיט זיין קאָפּ פאַר זיינע זינד, ווי אויך פאַר די זינד פון זיינע פאָרגענגער, לודוויק דעם 15־טן און 14־טן.

אין 1814 פאַלט נאַפּאָלעאָנס אימפּעריע. זי פאַלט צו דער גרויסערע צופרידנהייט פון דער מערהייט פון פאָלק, וואָס האָט שוין קיין כוח נישט פון די אומאויפהערלעכע מלחמות, און דעם 19־טן מערץ, אין דער פרי, הויבט אָן די קאָאַליציע־אַרמעי אַריינדרינגען אין פאַריז. אויך דורך דעם סען מאַרטאַן־טויער מאַרשירט אַריין דער אנקומענדיקער שונא. די ערשטע אָפּטיילונגען וואָס גייען דורך דאָס טויער, זיינען עסטרייכישע גרענאַדירן, נאָך זיי קומט נאָך די רוסישע אַרמעי, וואָס מאַרשירט מיט מוזיק און פּויק.

דאָ, ביים סען מאַרטאַן־טויער, פאַרלאָזן מיר אויף אַ ווייל די בולוואַרן, גייען אַריין אין דער רי סען מאַרטאַן, און פאַרהאַלטן זיך גלייך ביי דער רי מעלע; אין דער דאָזיקער גאַס, האָט זיך אין יאָר 1789, נאָך פאַרן פאַלן פון דער באַסטיליע, אָפּגעשפּילט אַ שווערער קאַמף צווישן די פאַריזער מאַסן און מיליטער; אַזעלכע צוזאַמענשטויסן, אנזאגערס פון דעם וואָס עס קומט אָן, זיינען דאַן געווען מערערע. דער קאַמף אין דער רי מעלע, האָט געקאָסט אַ סך בלוט, און פיל דערהרגעטע, וועמענס ביינער מיר זעען היינט, אין די פאַריזער קאַטאַקאָמבן, ליגן אין אַ באַזונדער ווינקל.

אין דער זעלבער רי מעלע נ. 46, איז אין יאָר 1803, ביי דער פאַמיליע דיפּאַן געבוירן אַ מיידעלע, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן, אַלס די גרויסע ראָמאַנטישע שרייבערן זשאָרזש זאַנד.

מיר מאַכן נאָך אַ פּאָר טריט אין דער רי סען מאַרטאַן, קומען צו צו דער רי ווערבוא, און דערזעען זיך ביי אַ פּרעכטיקן מיטלאַלטערלעכן טורם, וואָס געפינט זיך ביי דער געביידע פון טעכנישן מוזעי „אַרז־ע־מעטיע“.

דער דאָזיקער זייער אינטערעסאַנטער מוזעי, נעמט אַרום אַ גרויסן שטח. מיט ווייטע יאָרהונדערטער צוריק, האָט זיך דאָ געפינען אַ גרויסער מאָנאַסטיר, וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין לעבן פון אַמאָליקן פאַריז. אַלץ וואָס עס איז פון דעם מאָנאַסטיר פאַרבליבן, איז די אַלטע ראָמאַנישע קירכע, וועלכע מיר זעען אויף דער רי רעאָמיר, דער פּרעכטיקער עס־זאַל (רעפעקטואַר), געבויט אין פיינסטן גאָטישן סטיל, וואָס דינט היינט צו

טאָג אַלס לייען זאַל ביי מוזעי, און דער שיינער טורם ביי דער רי ווערבוא.

אין דעם פאַרגאַנגענעם י. ה. האָט מען דאָ דורכגעפירט גרויסע בוי־אַרבעטן, מען האָט דאַן געזאָלט פונאַנדערוואַרפן דעם אַלטן טורם, נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַ גרויסער דיכטער; ער האָט זיך געווענדעט צום פּאַריזער שטאָט־ראַט מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט געבעטן אָפּשוינען דעם אַלטן שיינעם טורם.

דעם גרויסן דיכטער האָבן אַלע ליב געהאַט. צו זיין וואָרט האָט מען זיך באַצויגן מיט גרויס דרך ארץ. דער טורם איז געוואָרן אָפּגעשוינט, רעסטאַווירט, און באַשיינט היינט די שטאָט.

דער דיכטער וואָס האָט געבעטן אָפּשוינען דעם ווערבוא־טורם, איז געווען וויקטאָר הוגאָ.

מיר קומען צוריק אריין אין די גרויסע בולוואַרן, שניידן דורך דעם טומלדיקן קרייץ־וועג ביים סעוואַסטאָפּאָלער בולוואַר, און פאַר־האַלטן זיך ביים גרויסן סען דני־טויער, אויפגעבויט דורך דעם אַר־כיטעקט בלאָנדעל. דאָס קאָכנדיקע לעבן פון דער שטאָט, וואָס רוישט דאָ און טומלט, די שיינע מאָדערנע קאַפעס און גרויסע געשעפטן וואָס מיר זעען דאָ, געפינען זיך ס׳רוב אין אַלטע געביי־דעס; די רי סען דני, וו מיר געפינען זיך איצט, געהערט צו די גאָר אַלטע גאַסן פון פּאַריז; אין דער דאָזיקער גאַס נ. 224 איז אין יאָר 1798 געבוירן דער גרויסער היסטאָריקער זשיל מישלע. דער מחבר פון דער באַרימטסטער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָס הויז עקזיסטירט שוין לאַנג נישט, נאָר דער אויפשריפט אויף דער איצטיקער מויער דערציילט עס די פאַרביי־גייער.

ביים זעלבן סען דני־טויער עפנט זיך אַ שיינער אויסזיכט אויף אַ הויז וואָס פאַרמירט אַן אָנהויב פון צוויי באַזונדערע גאַסן; דאָס איז דאָס הויז נ. 97 אויף רי דע קלערי. דאָס הויז איז אַלט, קיינער וווינט שוין נישט דאָרט. אַרומגעצוימט מיט ברעטער קוקט עס אַריין אין די גרויסע בולוואַרן, צום סען דני־טויער, און וואַרט דעם נישט ווייטן טאָג, ווען אַרבעטער וועלן אָנהויבן זייער אַרבעט פון פונאַנדערהוואַרפן עס.

אין דער דאָזיקער מויער, וואָס לעבט אירע לעצטע טעג, האָט אין יאָר 1794 געוווינט דער דיכטער אַנדרע שעניע. פון אָנהויב, סימ־פּאַטיש צו דער רעוואָלוציע, רייסט ער מיט איר איבער, בעת עס

ווערט פראָקלאַמירט די רעפּובליק; אין די טעראָר־טעג, פאַרעפּנט־לעכט ער אַ ריי פּאַמפּלעטן, און איז געצווונגען זיך אויסצובאַ־האַלטן; אין 1794 ווערט ער אַרעסטירט, און גילאָטינירט אויף דעם פּלאַץ דע לאַ נאַציאָן.

אויף צו מאָרגנס נאָך זיין טויט, איז געפאַלן ראָבעספּיער, און ס'איז געווען געענדיקט מיטן טעראָר.

מיר זעצן פאָר אונדזער שפּאַציר, און פאַרהאַלטן זיך ביי דעם פאָבורג (פאָרשטאָט) פּואַסאָניער.

דאָ, אין דער דאָזיקער גאַס נ. 41 האָט אין פאַרגאַנגענעם י. ה. געוווינט הענריך היינע. דאָ, אין דער וווינונג האָט ער אָנגעהויבן דערפילן דעם אָנקום פון זיין קראַנקייט, וואָס האָט אים די לעצטע אַכט יאָרן פון זיין לעבן צוגעשמידט צו זיין בעט. פון דאַן האָט ער געמאַכט זיין לעצטן שפּאַציר אין לוווּר, ווו באַטראַכטנדיק די וווּנ־דערבאַרע ווענוס פון מילאָ, האָט דער קראַנקער היינע זיך פונאַנדער־געוויינט. *)

אין דער זעלבער גאַס, נ. 34, איז אין יאָר 1839 געבוירן דער דיכ־טער סילי־פּרידאָם, און נ. 56, האָט געלעבט, געשאַפן, און געשטאָרבן דער גרויסער פּעיזאַזשיסט קאָראָ.

מאָלער, דיכטער! ווי ווייניק שייכות די היינטיקע גאַס, אַ צענ־טער פון האַנדל, האָט מיט די פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן דאָ אַמאָל געלעבט, געחלומט, און געשאַפן.

טראַכטנדיק וועגן די ענדערונגען וואָס די צייט האָט דאָ אַריינ־געפירט, הויבן מיר אָן אונדזער ווייטערדיקן שפּאַציר, און פאַרהאַלטן זיך ביים פאָבורג (פאָרשטאָט) מאָנמאַרט.

דאָ געפינען מיר זיך ביי אַ גרויסער מאָדערנער קאַפע „לע ברע־באַנד".

וואָס פאַרא פאַרגאַנגנהייט די קאַפע האָט הינטער זיך!

געגרינדעט דורך צוויי קרובים פון דעם קאָנוועַנט־מיטגליד באַראַ (באַראַס), איז זי אונטער דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָנען דעם ערשטן, געווען דער צענטער ווו עס פלעגן זיך טרעפן און פאַר־ברענגען זיינע מאַרשאַלן. דערנאָך זיינען דאָ געווען אָפטע געסט טיער און דער מאַרשאַל מאַק מאַהאָן. דאַ אויך פלעגן קומען זיך

*) לייען דאָס קאַפּיטל, „דאָס בית עולם פון מאָנמאַרט". ע־שטער באַנד.

אַפּרוען, און לייענען זייערע צייטונגען אַנרי ראָשפאָר, און הענריך היינע. אירע לעצטע באַרימטהייטן זיינען געווען, גאַמבעטאַ, ראָדען, די ברידער גאָנקור, אַלפאָנס דאָדע, און קלעמאַנסאָ.

די צייטן האָבן זיך געביטן. היינט איז עס נישט מער קיין צענטער פאַר מיליטער־לייט, פּאָליטיקער און קינסטלער. ס'איז אַ קאַפע ווי טויזנט אַנדערע. איבערגעמאַכט און מאָדערניזירט, פעלט קיינעם נישט איין אַז זי איז אַמאָל געווען אַן אָרט פאַר אַזויפיל באַרימטהייטן. אַלץ וואָס איז פאַרבליבן פון דער ראָל וואָס זי האָט אַמאָל געשפּילט איז איר נאָמען „לע ברעבאַנד".

נישט ווייט פון דאַנען, אין דער רו מאָנמאַרט נ. 146, פאַרהאַלטן מיר זיך אויף דאָס ניי פאַר אַ קאַפע; אַן אויפשריפט אויף דער מויער דערציילט אונדז, אַז אין דער קאַפע, איז אין יאָר 1914, דערמאָרדעט געוואָרן זשאַן זשאָרעס.

ס'איז דאַן געווען ערב מלחמה. זשאָרעס האָט מיט אַלע זיינע כוחות זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן דעם אויסברוך פון דעם שגעון. אין אַ מאָמענט, ווען ער איז אַ מידער אַריין אין דער קאַפע (דעמאָלט אַ רעסטאָראַן), אום זיך אָפּצורוען, האָט אים די האַנט פון פאַרברעכער געטויט.

און נאָך אַ דענקמאָל געפינט זיך דאָ אין דער נאָענט; דאָס איז דאָס הויז נ. 10 אויף דער דערנעבנדיקער אַלטער און זייער שמאָלער רי סען זשאָזעף.

דאָ איז אין יאָר 1840 געבוירן געוואָרן עמיל זאָלאַ, איינער פון די באַדייטנדיקסטע שרייבער און שענסטע גייסטער צווישן די מענטשן.

מיר וואַרפן אונדזער לעצטן בליק אין דער אַלטער און שמאָלער רי סען זשאָזעף, און דורכגייענדיק אַ קליין געסל קומען מיר אַרויס אויף דעם פּלאַץ פון דער בערזע (פּלאַס דע לאַ בורס), און פאַרהאַלטן זיך פאַרן הויז נ. 12.

אויך די דאָזיקע געביידע, גרויס און ציכטיק, האָט אונדז צו דערציילן וועגן אַ גרויסן פּאָעט וואָס האָט אין פאַרגאַנגענעם י. ה. זיך דאָ אויפגעהאַלטן אַ קורצע צייט, דאָס איז געווען דער רוסישער דיכטער גאָגאָל, בעת זיין זיין אין פּאַריז. דאָ אין דער געביידע האָט ער געשריבן טיילן פון זיין באַרימט און מערקווירדיק בוך „די טויטע נפשות" (מיאָרטוויע דושי).

אויף טריט און שריט זיינען דאָ פאַראַן אַזעלכע ערטער ווו עס

האָבן געלעבט און געשאַפן גרויסע דיכטער און פּערזענלעכקייטן. וואָס הערן ביז היינט נישט אויף צו ציען אונדזער אויפמערקזאַמ־קייט, צו באַשעפטיקן אונדז, אַזוי אויך דער גורל פון דיכטער גאָגאָל, וואָס פאַרלירט זיין גייסטיקע גלייכגעוויכט, און פאַרברענט אייגנ־הענטיק טיילן פון זיינע „טויטע נפשות“, וואָס זיינען שוין צו אונדז קיינמאָל נישט דערגאַנגען.

ווידער זיינען מיר אויף די בולוואַרן, און פאַרהאַלטן זיך פאַרן הויז נ. 11 אויף דעם בולוואַר דעז איטאַליען.

דאָס איז אַ גרויסע געביידע, מיט קאַפעס, רייכע געשעפטן, און ביורעס אויף אַלע אירע שטאָקן, באַהאַנגען מיט שילדן און רעקלאַ־מעס.

דאָס איז דאָס הויז פון דער אַזוי באַרימטער פּאַריזער אָפּערע, באַ־קאַנט אַלס די „אָפּערא קאָמיק“, וועמענס פּאַסאַד איז צו אַלעמענס פאַרוווּנדערונג, אָפּגעקערט מיטן פּנים פון די בולוואַרן, און געפינט זיך אויף דעם דערנעבנדיקן קליינעם פּלאַץ בואַלדיע.

מען האָט שוין מערערע מאָל געוואָלט איבערבויען די געביידע פון דער אָפּערע אַזוי, אַז איר הויפּט אַריינגאַנג זאָל זיך געפינען אויף דעם בולוואַר; דאָס איז אָבער פאַרבינדן מיט אַזעלכע אויס־גאַבן, וואָס האָבן ביז איצט זיך נישט געלאָזט רעאַליזירן.

די סיבה וואָס דאָס טעאַטער שטייט אָפּגעקערט מיט זיין פּנים פון די בולוואַרן איז אַ זער אָרגינעלע:

שוין אין 18־טן י. ה. האָבן זיך דאָ געפינען פיל טעאַטערן; דאַן האָט דאָ אויך געשפּילט אַ הויף־קינסטלערישע איטאַליענישע טרופּע (דערפון דער היינטיקער נאָמען פון בולוואַר). די איטאַליענישע קינסטלער האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די אַרומיקע טעאַ־טערן, און אום כדי צו ווייזן דעם עולם, אַז זייער טעאַטער האָט נישט קיין שייכות מיט די איבעריקע טרופּעס, האָבן זיי זייער בנין געבויט מיטן רוקן צו די בולוואַרן, און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן ביז היינט.

דאָ, אויף דעם קליינעם פּלאַץ בואַלדיע נ. 1, אנטקעגן דעם פּאַסאַד פון דער אָפּערע קאָמיק, איז אין יאָר 1824, געבוירן אַלעקסאַנדער דיומאַ (דער זון), דער מחבר פון באַרימטן ראָמאַן „די קאַמעליע דאַמע“ א. א. ווערק.

ווידער שפּאַנען מיר אויף די בולוואַרן. אַן אויסגעפּוצטער עולם שפּאַצירט געדיכט איבער אירע ברייטע טראָטואַרן. מאַסן מענטשן

זיצן דא אויף די טעראַסן פון אירע פּילצאָליקע קאַפּעיען; טראַכטן זיי וועגן די קינסטלער און פּערזענלעכקייטן וואָס זיינען דאָ געבוירן, און וואָס האָבן דאָ געלעבט אין די אַרומיקע הייזער?

מיר גייען פאַרביי די רי לואי לע גראַן, וווּ נ. 1 איז אין דעצעמבער 1743 געשטאָרבן דער באַרימטער מאָלער היאַצענט ריגאָ, ער האָט געלעבט אין 17־טן און אין 18־טן י. ה. און איבערגעלאָזט פיל באַרימטע ווערק און דער עיקר, פּאָרטרעטן פון פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט, וועלכע ריגאָ האָט געמאָלן מיט אַ געוואַלדיקע גענויקייט.

מיר קומען צו צו דער פּלאַץ פון דער אָפּערע. באַטראַכטן די פּרעכטיקע געביידע פון טעאַטער, און פאַרהאַלטן זיך אויף אַ ווייל פאַר איר סקולפּטור־גרופּע „דער טאַנץ” פון קאַרפּאָ *), מיר וואַרפן אַ בליק אויף דער טראַיאַן־קאָלאָנע וואָס קוקט אַרוים פון נישט ווייטן וואַנדאָם־פּלאַץ **), און פאַרהאַלטן זיך ביי דער רייכער קאַפע „סקריב”, וואָס געפינט זיך שוין אויפן בולוואַר קאַפּוצין נ. 14.

אַנהויבנדיק אונדזער שפּאַציר, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביים הויז ווו דער געלערנטער דאַגער, האָט געמאַכט זיין דערפינדונג פון דער גלעזערנער קלישע, וואָס האָט מיטאַמאָל מעגלעך געמאַכט אַז פאָטאָגראַפיע זאָל ווערן אַ רעאַלע זאַך; דאָ, אין דער קאַפע סקריב, האָבן די ברידער לימיער, די דערפינדער פון פילם, דעמאָנסטרירט דעם 18־טן דעצעמבער 1895, פאַר אַ גרופּע איינגעלאַדענע, דאָס נייע ווונדער, וואָס האָט גיך באַהערשט די וועלט.

נאָך אייניקע מינוט, און מיר קומען צו צום מאַדלען־פּלאַץ, מיט איר ריזיק גרויסער קירכע, געהאַלטן אין אַלטן גריכישן סטיל.

אָנגעהויבן איר בוי אין יאָר 1764, ווערט זי אָבער אייניקע מאָל צעשטערט אום כדי צו ענדערן איר סטיל. אין יאָר 1806, וויל נאַפּאָלעאָן פאַרוואַנדלען די געביידע אין אַ רום־טעמפּל פאַר זיין גרויסער אַרמעי. נאָכן צוריק קימען פון די בורבאָנען, טרעט מען ענדלעך צו צו איר פאַרענדיקונג, אין אַנטיקן גריכישן סטיל, ווי מיר זעען די קירכע היינט.

דאָ, אויפן פּלאַס דע לאַ מאַדלען, ענדיקן זיך די גרויסע בולוואַרן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אונטער לודוויק דעם 14־טן, נאָר

---

*) לייען דאָס קאַפּיטל „יידישע מאָנומענטן פון אַלטן פּאַריז”.
**) לייען דאָס קאַפּיטל, „די רי סענט אָנאָרעי”.

האָבן פּאַקטיש אנגעהויבן שפּילן אַ ראָל אין דעם לעצטן פערטל פון 18־טן י. ה. שפּאַנענדיק איבער די בולוואַרן, האָבן מיר זיך אָפּגע־שטעלט פאַר הייזער און מאָנומענטן פאַרבינדן מיטן לעבן פון פיל פּערזענלעכקייטן, און געשעענישן, אָבער די בולוואַרן גופא, האָבן צו דערציילן זייער אייגן לעבן:

אין 1830, בעת דעם אראָפּוואַרפן די בורבאָנען, האָבן זיך אויף די בולוואַרן אָפּגעשפּילט פיל קאַמפן. אין 1831, בעתן אויפשטאַנד אין פּוילן, קומען פאַר אויף די בולוואַרן ריזיקע מאַניפעסטאַציעס לטובות דעם קעמפנדיקן פּוילן; די מאַסן פאָדערן אַז פראַנקרייך זאָל דערקלערן קריג רוסלאַנד, און אַזוי אַרום העלפן דעם פּוילישן פאָלק. דעם 4 דעצעמבער 1851, ווען נאַפּאָלעאָן דער דריטער פירט דורך זיין פאַרשווערונג קעגן דער צווייטער רעפּובליק, און שטויסט זיך אָן אין ווידערשטאַנדס־פּרובן, שיקט ער אַרויס גרויסע מיליטער אָפּטיילונגען אויף די גרויסע בולוואַרן, וואָס עפענען אַ שיסעריי אויף די צופעליקע דורכגייער, אין דעם עולם, אין די קאַפעס, און אין די פענסטער פון די הייזער. מיליטער־רייטער טרעטן איבער שפּאַ־צירנדיקע פרויען און קינדער. אַז אין אַמעריקע ווערן אומגעבראַכט די איטאַליענישע אַנאַרכיסטן סאַקאָ און וואַנזעטי, קען עס דאָס פּאַריזער געוויסן נישט אראָפּשלינגען, און אויף די גרויסע בולוואַרן קאָכט עס פון הונדערטער טויזנטער פּאַריזער, וואָס פּראָטעסטירן קעגן דעם פאַרברעכן.

די געשיכטע פון פּאַריז איז רייך, און אין דער דאָזיקער געשיכטע האָבן די גרויסע בולוואַרן זייער וויכטיקן חלק.

קאפיטל 10.

# יידישע מאנומענטן פון פאריז

פאריז איז רייך אין מאנומענטן וואס ציען אלעמענס אויפמערקזאמקייט, רייך אין ערטער ווו עס האבן זיך אפגעשפילט גרויסע, וויכטיקע געשעענישן, ווו עס האבן געלעבט פערזענלעכקייטן וואס האבן זיך אויף תמיד איינגעקריצט אין דער געשיכטע, אבער די שטאט פארמאגט אויך פיל ערטער וואס האבן צו דערציילן וועגן יידישער פארגאנגנהייט, וועגן יידיש לעבן, און יידיש שאפן, וועגן יידישן אנטייל אין בויען דאס אייביקע פאריז, וועגן יידישן אייג־פלוס, אבער אויך, יידישע טרערן און בלוט, וואס זיינען דא פארגאסן געווארן אין לויף פון לאנגע יארהונדערטער.

אויף דער לינקער זייט סען, אנטקעגן איבער דער נאטר־דאם, זעען מיר אין א גערטנדל, די קליינע קירכע סען זשוליען לע פאוור, וואס פארלירט זיך דא צווישן די אלטע הייזער פון לאטיינישן קווארטאל. די שווארצע חורבה־מויערן דערציילן וועגן א טיפע עלטער; זי געדענקט נאך די צייט ווען מען האט געבויט די נאטר־דאם, און אירע אינטערעסאנטסטע יארן האט זי דורכגעמאכט צווישן 12־טן און 17 י.ה. בעת אין פאריז האט אויפגעבליט דער אוניווערסיטעט. דארט, אין יענער קירכע האט געפרעדיקט דער בארימטער אבעלאר, דער געליבטער פון עלאאיזען. אין יענע מויערן פלעגן יעדע דריי חדשים פארקומען די וואלן פון רעקטאר פון אוניווערסיטעט. טייל־מאל פלעגט אלס רעקטאר געוועלט ווערן אן ארעמער סטודענט, וואס קוים האט מען אויף אים אנגעטאן דעם רעקטאר־מאנטל, איז ער געוועזן אנגעזען ווי דער קעניג אליין. זער אפט פלעגן די וואלן זיין זער שטורמיש, און ס'פלעגן פליען די שויבן פון דער קירכע... דארט האבן קינסטיקע פויפסטן זיך געשפארט מיט איינאנדער; ווילאן, ראבליע און קאלווין זיינען דא געוועזן אפטע געסט. דער דיכטער דאנטע זאל דא האבן גענעכטיקט, נישט האבנדיק קיין געלט אויף קיין נאכטלעגער.

די דאָזיקע קירכע איז אויפגעבויט געוואָרן אין 12־טן י. ה. אָבער שוין אין 6 י. ה. האָט זיך דאָ געפינען א טעמפּל און וועלכן ס'האָט זיך אָפּט אויפגעהאַלטן דער שונא ציון, דער בישאָף גרעגואַר פון טור, וואָס האָט פיל יידן אָפּגעשמד מיט געוואַלד.

אין דעם זעלבן 6 י. ה. האָט זיך אויף דעם אָרט אָפּגעשפּילט א שווערע דראַמע, און ס'איז פאַרגאָסן געוואָרן יידיש בלוט.

אין פאַריז האָט זיך דאַן געפינען דער ייד פּריסקוס, וואָס איז געווען אַנ'אַריינגייער און יועץ פון דעמאָלטיקן פראַנקישן קעניג שילפעריק, וועלכער האָט פיל יידן געצוואונגען איבערצוגייען צום קריסטנטום, אָבער דעם ייד פּריסקוס, האָט ער זער געשעצט פאר זיינע קלוגע עצות, און אים דעריבער צורו געלאָזט.

גייענדיק איינמאָל אום שבת פון שול, איז פּריסקוס באַפאַלן געוואָרן פון זיינס א קרוב, א משומד, מיטן נאָמען פאַטיר, און דורך אים דערשטאָכן געוואָרן אויפן אָרט. פאַטיר ווערט באַפאַלן פון אַרומיקן עולם, און ער פּרובירט זיך ראַטעווען אין דעם אַלטן טעמפּל, נאָר ר'איז געצוואונגען צוריק אַרויסצוקומען און קומט גלייך אום, דערהרגעט פון אויפגעבראַכטן המון. *)

אין עלפטן און צוועלפטן י. ה. שטעלט שוין פראַנקרייך מיט זיך פאָר א לאַנד מיט גרויסע בליענדיקע יידישע צענטערן. יידן האָבן דאָ פיל גרויסע ישיבות און שפּילן א וויכטיקע ראָל אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. האָבן הייזער, ערד, ווייַנטרויבן־פעלדער, מאַכן גרויסע געלט־אָפּעראַציעס און געניסן פון פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג און רואיקייט, האַלב פאַריז געהערט דאַן צו יידן.

נאָר די קרייץ־באַוועגונגען וואָס ווערן דאַן געבוירן, דאָס ראָמאַנטישע געפיל פון אויסגעוואַקסענעם קריסטנטום וואָס וויל אָפּנעמען ארץ־ישראל פון די נישט־קריסטלעכע הענט, ווערט אויסגענוצט דורך די רויבערישע אינסטינקטן פון אָנפירנדיקן ריטערטום און קלער, וואָס פאַרוואַנדלען לסוף די באַוועגונג אין א פּשוטן רויבערשטראָם, פאַרגיסן טייכן אומשולדיק בלוט, און האָט א סוף געמאַכט

---

*) לויט פּראָפ. גרעץ, זאָל פאַטיר זיך האָבן צייטווייליק געראַטעוועט. דער קעניג איז געווען זיין טויף־פאָטער, און ער האָט אים נישט געלאָזט באַשטראָפן, נאָר אַרויסגעשיקט אין בורגונדיען, ווו די קרובים פון דערהרגעטן פּריסקוס האָבן אים לסוף אויפגעזוכט, און אים דאָרט אומגעברענגט.

צו דער יידישער רואיקייט אין לאַנד, איינשרייבנדיק גרויליקע בלעטער אין אונדזער געשיכטע.

דער באַרימטער פּעטרוס פון קלוני, שרייבט דאַן צו לודוויק דעם 7־טן:

„צוליב וואָס נוצט אונדז זיך אַוועקצולאָזן אין ווייטע לענדער זוכן די שונאים פון קריסטוס, ווען די גאָט־לעסטערנדיקע יידן, פיל ערגער פון די סאַראַצענער, לעבן דאָ צווישן אונדז, שענדיקנדיק קריסטוסן און די הייליקע קירכע" — און אַ ביסל ווייטער — „כ'פאָדער נישט מען זאָל טויטן די יידן, דען ס'שטייט געשריבן „דו זאָלסט נישט טויטן", נאָר זיי זאָלן ווי דער ברודער־מערדער קין, פאַרברענגען זייערע יאָרן אין גרויסע צרות און אין שאַנד. ס'זאָל זייער לעבן זיין ערגער פון טויט".

לודוויק דער זיבנטער בלייבט אָבער ביי זיין פריערדיקער מיינונג, און לאָזט נישט אָנרירן די יידן.

די קרייץ־באַוועגונג צעוואַקסט זיך אַלץ שטאַרקער און צוזאַמען דערמיט פאַרערגערט זיך אויך די יידישע לאַגע. ס'קומען פאָר פיל יידן־פּאָגראָמען, אין בלויז ווערט געבוירן דער כמעט ערשטער בלוט־בילבול וואָס האַלט אָן זיין פינצערן כוח ביז היינט צו טאָג. אונטער לודוויק דעם 7־טן האָבן נאָך יידן געהאַט אַ באַשוצער, זיי פאַרלירן אים אָבער מיט זיין טויט, און מיט פיליפּ־אויגוסט'ס ארויפשטייגן אויפן פראַנצויזישן טראָן.

דער דאָזיקער קעניג, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין געלט אויף זיינע מלחמות און גרויסע בוי־פּלענער וואָס ער האָט אַדורכגעפירט, ווי דאָס אָפּצוימען פאַריז מיט אַ מויער וועמענס זכר מיר זעען נאָך היינט אין קיר דע ראָהאַן, אויף בויען דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ, די נאָטרדאַם א. א. ביניגים, האָט גלייך דערזען די מעגלעכקייט פון קענען ארויסצאַפּן די נויטיקע געלטער פון אומבאַשיצטן יידנטום, און טאַקע אין יאָר 1180 לאָזט ער אין אַ יידישן יום טוב־טאָג ארעסטירן אַ גרויסע צאָל יידן און באַפרייט זיי ערשט נאָכן באַקומען אַ גרויסע סומע זילבער, אַלס אויסלייז־געלט.

פיליפּ אויגוסט שאַפט דערנאָך אָפּ אַלע חובות וואָס די קריסטן קומען די יידן, צונעמענדיק זיך אַ פינפטל פון דער סומע, און נאָכדעם ווי ער וויל צווינגען די יידן פון שטעטל ברי, אַריבערצוגיין צום קריסטנטום, און שטויסט זיך אָן אויף זייער דעצידירנדיקן

אָפּזאָג לאָזט ער זיי אין אַ צאָל פֿון גאַנצע הונדערט פֿאַרברענען לעבעדיקערהייט.

גלייך דערנאָך טרייבט ער אַרויס פֿון זיין קעניגרייך אַלע יידן, קאָנפֿיסקירנדיק זייער גאַנץ אומבאַוועגלעך פֿאַרמעגן. יידישע הייזער, פעלדער און וויינגערטנער, אַלץ גייט אַריבער צו דער מלוכה. אפילו די שולן, ווערן פֿאַרוואַנדלט אין קירכעס. דעמאָלט מסתמא, איז מעגלעך געוואָרן, אַז אויף די מויערן פֿון דער נאָטר־דאַם וואָס האָט זיך דאַן געבויט, צום טייל, אויך פֿאַר צוגעראַבטע יידיש געלט, זאָל פֿון ביידע זייטן פֿון הויפּט־פּאָרטאַל, אַוועקגעשטעלט ווערן די צוויי פֿיגורן: „די טריאומפֿירנדיקע קירכע“



און די „באַזיגטע סינאַגאָגע“ מיט די אַראָפּגעשלייערטע קרוין ביי איר פּיס. *)

*) אין פֿאָרוואָרט צום בוך „אַלט פֿאַריז“, האָט דער מחבר אויפֿמערקזאַם געמאַכט אַז ער „פּרעטענדירט נישט אויף קיין אייגענע געשיכטלעכע ענטדעקונגען“. די איצט אַרויסגעפֿירטע השערה מכוח דער ענטשטייאונג פֿון דער פֿיגור „די באַזיגטע סינאַגאָגע“ אויף די מויערן פֿון דער נאָטר־דאַם, וואָס האָט זיך שפּעטער אויך, אַריבער־

באַזיגט דורך... פאַרברענען יידן, דורך צורויבן זייער פאַרמעגן.

דאָס וואָס מען האָט נישט דערגרייכט דורך קריסטלעכן גייסט... האָט מען דערגרייכט דורך די באַרמהערציקע קריסטלעכע פויסט און שייטערהויפן, די גאַנצע קריסטלעכע געשיכטע איז איין קייט פון אַזאָלכע אַ, נצחונות...

צום גליק איז פיליפּ אויגוסט'ס מלוכה נישט געווען צו גרויס און יידן האָבן זיך געקענט ראַטעווען אין אַנדערע פראַנצויזישע פּראָווינצן, און ווי מערקווירדיק ס'זאָל נישט קלינגען, נאָר ווען מען האָט אין די אַנדערע פראַנצויזישע פּראָווינצן אנגעהויבן אַרויסטרייבן יידן, האָט פיליפּ אויגוסט אין יאָר 1198 ווידער אויפגעעפנט פאַר זיי די טויערן פון זיין קעניגרייך.

ער האָט געוווסט וואָס ער טוט...

אָבער אַ חוץ די פיגור פון דער „באַזיגטער" סינאַגאָגע, פאַרמאָגט די קאַטעדראַל נאָך סטאַטועז וואָס האָבן אַ שייכות מיטן יידנטום: דאָס זיינען אירע 28 קעניגן, וועלכע מיר זעען איבער אירע טויערן. די גאַלעריע מיט מלכים וואָס פאַרנעמען די גאַנצע ברייט פון איר פאַסאַד. לאַנגע יאָרהונדערטער האָט מען די פיגורן באַטראַכט פאַר סטאַטועז פון פ ר אַ נ צ ו י ז י ש ע קעניגן, און אַלס אַזעלכע, האָט מען זיי, בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פאַרניכטעט. בעת מען האָט אין פאַרגאַנגענעם י. ה. דורכגעפירט אַ גרויסע רעסטאַוו־ראַציע פון דער קאַטעדראַל, האָט דער אַרכיטעקט וויאָלע לע דיק, באַזירנדיק זיך אויף אַלטע צייכענונגען, צוריק אויפגעשטעלט די 28 קעניגן. איצט ווייס מען אויף זיכער אַז די פיגורן שטעלן פאָר די קעניגן פון מלכות יהודה פון וועמען, עס שטאַמט כלומערשט, די מוטער מרים.

אין יאָר 1380, גלייך נאָך דער קרוינונג פון שאַרל דעם זעקסטן, קומען פאָר אין פאַריז אומרוען. דער עולם איז אויפגעבראַכט אויף די צו גרויסע שטייערן וועלכע מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. זייער כעס לאָזן זיי אויס צו די פאַריזער יידן, וועלכע מען שלאָגט, הרגעט און רויבט, פאַר איין וועג, כאַפּט מען אויך יידישע קינדער, מען ברענגט זיי אין דער נאָטר־דאַם, און מען שמד זיי דאָ אָפּ.

---

געטראָגן אויף אַנדערע גאָטישע קאַטעדראַלן (שטראַסבורג), איז די איינציקע אָפּוויכונג פון דער אויפגאַבע, וועלכע דער מחבר האָט זיך געשטעלט.

פון פּלאַץ שאַטלע פירט צו דער סיטע, די טויש־בריק (פּאָן אָ שאַנזש), דעם נאָמען האָט זי באַקומען צוליב דעם וואָס דאָ האָט זיך געפינען דער צענטער פון די גאָלד־הענדלער און געלט־טוישער. אין 13־טן און אין 14־טן י. ה. איז די בריק מערערע מאָל צעשטערט געוואָרן צוליב סען־פאַרפליצונגען. אין יאָר 1393 האָט אַ שטאַרקער סען־אויסגוס ווידער צעבראָכן די בריק. מען האָט דאַן געצוווּנגען אַ באַשטימטע צאָל יידן אַריינצוטראָגן די נויטיקע סומע, אום כדי די בריק ווידער אויפצובויען.



דאָ, ביי דער טויש־בריק, געפינט זיך דער יוסטיץ־פּאַלאַץ, וואָס

איז אויך דאָס ווערק פון פיליפּ־אויגוסטן. זיינע טורעמס דערציילן אונדז פון פיל מענטשן־פּיין *), אָבער שוין אין 13 י. ה. האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט אַ געשעעניש, וואָס האָט שווער געטראָפן דאָס פראַנצויזישע יידנטום:

אויפן גרונד פון אַ תלמודישן סיכסוך צווישן אַ גרופּע יידן, איז דער יידישער געלערנטער דאָנין פון לאַראָשעל אַריינגעלעגט געוואָרן אין אַ חרם; ער שמד זיך דאַן אָפּ, נעמט אָן דעם נאָמען ניקאָלאַי, פאָרט אָפּ צום פּויפּסט גרעגאָר דעם 9־טן, און באַשולדיקט דעם תלמוד, אַז ר'איז פיל מיט פאַלטשקייט, גאָטלעסטערונג און באַליידיקונגען אויף ישו און דער הייליקער מוטער.

ער פאָרמולירט אַ באַשולדיקונג פון 35 פּונקטן, און אין רעזולטאַט דערפון הויבן זיך אָן אין אַ ריי לענדער, נייע פאַרפאָלגונגען אויף יידן. דער קעניג לודוויק דער 9־טער, דער הייליקער, אַ פאַנאַטיש־גלויביקער, און אנפירער פון די קרייץ־צוגן, באַפעלט צו פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן תלמוד, וואָס שפּילט זיך טאַקע אָפּ דעם 26 יוני 1240 אין דער געביידע פון יוסטיץ־פּאַלאַץ, די דעמאָלסטיקע קעניגלעכע רעזידענץ.

פאַרטיידיקן דעם תלמוד טרעטן אַרויס: ר' יחיאל פון פּאַריז, ר' משה פון קוצי, ר' יהודה בן דוד פון מעלון און ר' שמואל בן שלמה פון שאַטאָ טיערי. די דיסקוסיעס קומען פאָר אין לאַטיין, אין דער אנוועזנהייט פון קעניגס מוטער און פיל הויכגעשטעלטע באַאמטע און גייסטלעכע. די יידישע רבנים געלונגט איבערצוציי‍גן איינעם פון די העכסטע גייסטלעכע אין דער אומגערעכטיקייט פון דאָנינ'ס באַשולדיקונג, נאָר דאָ געשעט אַן'אומגליק; דער גייסטלעכער שטאַרבט פּלוצים, און זיין טויט ווערט גלייך אויסגעטייטשט אַלס שטראָף פון גאָט פאַר זיין גלויבן די יידן. דער פּראָצעס ווערט פאַר די יידן, באַטראַכט אַלס פאַרשפּילט. ס'ווערן באַפאַלן בתי־מדרשים, און 24 וועגענער אנגעלאָדנט מיט תלמוד ווערן קאָנפיסקירט, און עפנטלעך פאַרברענט אויף איינע פון די פּאַריזער פּלעצער.

מיר דערציילן וועגן אַזעלכע ווייטע געשעענישן, אָבער דער זעלבער יוסטיץ־פּאַלאַץ איז געווען דאָס אָרט וווּ עס האָט זיך גאַרנישט לאַנג צוריק, אָפּגעשפּילט אַ פּראָצעס וואָס האָט דערציילט וועגן אַ גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, איבערגעלעבט אין די יאָר 1918-1921.

*) לייען דאָס קאַפּיטל: „דער יוסטיץ־פּאַלאַץ“, ערשטער באַנד.

דאָס איז געווען דער פּראָצעס פון דעם יידישן זייגערמאַכער שלום שוואַרצבאַרד, וועלכער האָט, דאָ אין פּאַריז, אויף דער רי ראַסין, האַרט ביי דעם בולוואַר סען מישעל, אויסגעפירט זיין אורטייל אויף דעם אוקראַינישן פירער סימאָן פּעטלורא, דערשיסנדיק אים מיט פינף קוילן, אַלס שטראָף פאַר די טויזנטער יידישע קדושים, דער־הרגעטע אין די שטעט און פעלדער פון אוקראַינע.

און דאָ, אין די מויערן פון יוסטיץ־פּאַלאַץ, קומט פאָר אין 1927 דער פּראָצעס פון שוואַרצבאַרדן. אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ מען האָט אין 13 י. ה. פאַרמשפּט דעם תלמוד, ווערן אַרויסגעפירט די שוידער־לעכקייטן וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט זיך אַזוי פיל מאָל דער־לויבט קעגן אונדז, און אין די יאָרן 1918-1921, די פּעטלורא־אַרמעי אין אוקראַאינע.

די ריכטער דערפילן די געשעענע גרויזאַמקייט, און שלום שוואַרצ־באַרד ווערט אָנערקענט פאַר אומשולדיק.

אויף רי דעז אַרשיוו נ. 24 שטייט אַנ׳אַלט הויז מיט צוויי אַריינ־גאַנגס־טויערן. מיר גייען אַריין, און דערזעען זיך אין אַ פּירקאַנטיקן הויף אַרומגערינגלט מיט שיינע גאָטישע אַרקאַדן. דער דאָזיקער אַרכיטעקטור־סטיל איז אַזוי אומגעריכט פאַר אונדז אַז מיר בלייבן שטיין איבעראַשט, די שווערע טירן איזאָלירן דאָ יעדן גערויש פון דער גאַס. אַ מערקווירדיקע שטילקייט עטעמט אויף אונדז פון די טונקעלע אַרקאַדן וואָס זיינען איינציק אין פּאַריז, און שטאַמען נאָך פון 15 י. ה.

דאָס אָרט דערציילט אונדז פון נאָך אַ בלוטיקן עפּיזאָד וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט אין 13 י. ה.

אין יענער צייט האָט דאָ געוווינט דער יידן יונתן, וואָס האָט גע־באָרגט געלט אויף פּראָצענט. די לעגענדע דערציילט אַז איינמאָל זאָל ער האָבן פאַרלאַנגט פון אַ קריסטלעכער פרוי, זי זאָל אים ברענ־גען די הייליקע האָסטיע, פאַר אַ פאַרמשכנט מלבוש, וואָס זי האָט געוואָלט צוריקבאַקומען.

די פרוי האָט אים געבראַנגט די האָסטיע.

יונתן, זאָל דאַן האָבן מערערע מאָל דורכגעשטאָכן די האָסטיע, און דערנאָך זי אַריינגעוואָרפן אין קאָכנדיקן וואַסער, וואָס איז גלייך געוואָרן רויט... פון גאַנס בלוט.

גלייך האָבן זיך די אַרומיקע שכנים דערוווסט וועגן דעם געשעע־נעם. יונתנס הויז איז געוואָרן צעראַבירט, און ער אַליין איז אומגעקו־

מען פאַר זיין פאַרברעכן, דעם 12 אַפּריל 1290, פאַרברענט אויף אַ שייטערהויפן.



אויף דעם דאָזיקן אָרט וווּ דער ייד יונתן האָט געהאַט זיין וווינונג, און וווּ ס'איז פאָרגעקומען אַזאַ געשעעניש, ווי דאָס בלוטיקן פון דער האָסטיע, מיט וועלכן פּאַריז האָט דאַן געקאָכט, אַ מעשה וואָס איז געווען אַ טייערע מציאה פאַר די גייסטלעכע, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין אַזעלכע נסים, האָט מען סוף פון 13 י. ה. אויפגעשטעלט, מיט דער דערלויבעניש פון פּויפּסט, דורך זיינס אַ בולע פון 17 יולי 1295, אַ קליינע קירכע וואָס האָט געהייסן דאָס „נסים הויז". שפּעטער האָט מען די שאַפּעל פאַרוואַנדלט אין אַ גרעסערע קירכע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „קירכע ווי גאָט איז געוואָרן אָפּגעקאָכט", און אויך די גאַס האָט אַ לאַנגע צייט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען.*)

*) דער מוזעי קלוני, באַזיצט אַ בראָנזן־שילד, וואָס שטאַמט פון דער דאָזיקער קירכע, און וואָס שטעלט פאָר די געשיכטע ווי יונתן שטעכט דורך די הייליקע האָסטיע און וואַרפט זי דערנאָך אין הייסן וואַסער. דאָס שילדל וואָס האַלט 63 סענטימעטער די הויך, און 27 די ברייט, פלעגט באַנוצט ווערן ביי רעליגיעזע פּראָצעסיעס.

די קירכע עקזיסטירט שוין לאַנג נישט, אַלץ וואָס איז פֿון פֿאַר־בליבן פֿון דער קאָנסטרוקציע איז דער פּרעכטיקער קליינער הויף מיט זיינע גאָטישע אַרקאַדן פֿון 15 י. ה. וואָס איז מיט זיין סטיל איינציק אין היינטיקן פּאַריז.

נישט ווייט פֿון דאַן, געפֿינט זיך די אַלטע און שמאָלע רי מאָנמאָ־רענסי, וווּ נ. 51 האָט אין 15 י. ה. געלעבט אַ באַרימטער פֿילאַנטראָפּ ניקאָלאַי פֿלאַמעל.

דאַן איז ניקאָלאַי פֿלאַמעל זער באַקאַנט געווען אין פּאַריז, אַלס איינער פֿון די בעסטע בריוו־שרייבער צו וועמען ס׳פֿלעגן אַנקומען נישט נאָר פּשוטע סוחרים, נאָר אויך פֿיל באַרימטע לייט און פּרינצן. פֿלאַמעל איז זער רייך געוואָרן, און געטיילט צדקה מיט ביידע הענט. אָבער געשמט האָט זיין נאָמען צוליב נאָך אַ גאַנץ אַנדערער, מיסטע־ריעזער געשיכטע. אין יענער צייט האָט מען שטאַרק געגלויבט אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט צו קענען פֿאַבריצירן גאָלד. מען דאַרף נאָר געפֿינען דעם סוד וואָס איז ערגעץ פֿאַראַנען. ניקאָלאַי פֿלאַמעל האָט אויך געהאַנדלט מיט ביכער, און האָט אָפּגעקויפֿט אַ יידיש ספר אין וועלכן ס׳האָט זיך געזאָלט געפֿינען דער סוד צו פֿאַבריצירן גאָלד. פֿלאַמעל האָט זיך אויסגעלערנט לייענען די יידישע שריפֿט, שטודירט דאָס בוך, און אין יענעם הויז געעפֿנט אַ לאַבאָראַטאָריע פֿאַר זיינע עקספּערימענטן. די גרויסע געלטער וואָס פֿלאַמעל האָט פֿונאַנדערגעטיילט אַלס צדקה, האָט געמאַכט אַלעמען גלויבן אַז אים איז געלונגען צו געפֿינען דעם סוד, און אַז ער אַרבעט אויס גאָלד. דאָס הויז אויף רי מאָנמאָראַנסי האָט געצויגן צו זיך די נייגעריקייט פֿון אַלע פּאַריזער, און נאָך פֿלאַמעלס טויט, זיינען אומבאַקאַנטע, מערערע מאָל אַריינגעדרינגען אין הויז, זוכנדיק דאָס יידישע ספר. צוויי הונדערט יאָר שפּעטער איז דאָס בוך אַריינגעפֿאַלן צום אַלמעכ־טיקן קאַרדינאַל רישעליע, וואָס האָט אויך פּרובירט פֿאַבריצירן גאָלד. דאָ פֿאַרלירט זיך דער שוין דער שפּור פֿון דעם יידישן בוך, וואָס האָט יאָרהונדערטער לאַנג, געשטערט די פּאַריזער די רו.

פּאַריז פֿאַרמאָגט צוויי אינזלען. די „סיטע“ און דאָס אינזל „פֿון הייליקן לודוויק“. אין מיטלאַלטער האָבן זיי מיט זיך פֿאַרגעשטעלט גאַנצע זיבן קליינע אינזלען. און דאַן האָט איינס פֿון זיי, וואָס פֿאַר־מירט איצט דאָס סיטע־אינזל, די טייל אויף וועלכע ס׳געפֿינט זיך דער היינטיקער פּלאַץ דאָפֿין, געהייסן דאָס „יידן אינזל“. די היינ־טיקע רי דע לאַ טאַשערי, וואָס געפֿינט זיך ביים פּלאַץ סען מישעל.

איינע פון די עלטסטע פאַריזער גאַסן, איז אין מיטלאַלטער געווען באַוווינט כמעט אויסשליסלעך דורך די יידן פון פאַריז.

די רי אָטפוי ( Hautefeuille ) איז פון 12 ביזן 14 י. ה. געווען אַ יידיש בית עולם, אַזוי אויך איז די רי דע לאַ האַרפּ געווען אַ יידיש בית עולם אין 15 י. ה.

איינס פון די שענסטע סקולפּטור־ווערק וואָס באַפּוצט די געביידע



פון דער פאַריזער אָפּערע, איז די גרופּע „דער טאַנץ“ פון דעם גרויסן קינסטלער קארפּא. די סקולפּטור שטעלט פאָר דעם יונגן אפּאלאן, ווי ער פירט אן אַ קאראכאד מיט באכוס־טעכטער. דאָס איז נישט נאָר די שענסטע סקולפּטור וואָס די אָפּערע־געביידע פאַרמאָגט, נאָר

אויך איינס פון די בארימטסטע פאריזער קונסט־ווערק, וואס ציט אומאויפהערלעך צו מבינים, וואס זאמלען זיך ביי דער גרופע, און באוואונדערן זי. נישט איטלעכער אבער ווייס די געשיכטע פון דעם ווערק, וואס האט פאר אונדז א חוץ א קינסטלערישן, אויך א אינטערעס פון יידישן שטאנדפונקט, ווייל אין דעם שיינענדיקן פנים פון אפאלאנען, האט דער קינסטלער קארפא, פאראייביקט איינע פון די פאטאלסטע און ראמאנטישע פרויען פון פארגאנגענעם י. ה. די דעמאלט בארימטע העלענע דאניגעס, צוליב וועמען עס איז אומגעקומען פערדינאנד לאסאל.

זי איז געווען א טאכטער פון אן אנגעזעענעם ביירישן דיפלאמאט, און זיין יידישע פרוי, (א קרובה פון הענריך היינע). געבוירן אין 1845, איז איר קינדהייט פארביי אין דעם מינכענער קעניגלעכן הויף, וו זי פלעגט זיך שפילן מיטן יונגן פרינץ, דעם קומפטיקן לודוויק דעם צווייטן. אפט מאל פלעגט זי שלאגן דעם פרינץ, און איינמאל בעת אזא געשלעג, האט ער איר אויסגעריסן א בונט פון אירע געלגאלדענע האר. אנדערסען, ווײלנדיק אין מינכען, פלעגט איר דערציילן זיינע פרעכטיקע מעשהלעך, און אויסשניידן איר, בלומען און זומערפויגעלעך, פון פאפיר. שוין אלס גאנץ קליין מיידעלע, פלעגט זי איבעראשן איטלעכן מיט איר שיינקייט, און מען פלעגט איר רופן, „די קליינע סירענע".

איר מוטער, א זער לייכטזיניקע פרוי, האט איר צו צוועלף יאר געמאכט פאר א כלה פון איר אייגענעם געליבטן, אן איטאליענישן אפיציר, אין דער האפענונג, אים צו דערהאלטן נעבן זיך. העלענען איז פון אנפאנג זייער געפעלן געווארן די שפיל, אבער גיך איז דאס איר נמס געווארן, און פון שידוך איז פארשטייט זיך גארנישט געווארן. אלס פערצן יעריק מיידל, קומט זי מיט איר מוטער קיין ניצע, און פארליבט זיך צום ערשטן מאל, אין א רוסישן פלאט־אפיציר. זיין פריינט דער באראן קאצעוו, דער שפעטערדיקער רוסישער אמבאסאדאר אין בערלין, האט וועגן דעם דערציילט: „דריי געוואלדיק גרויסע זאכן האב איך געזען אין מיין לעבן: דעם טייפון אויפן כינעזישן ים, אנ'אויסברוך פון א ווולקאן, און דער אויפרייס פון העלענע דאניגעס ערשטע ליבע". דער רוסישער אפיציר פארט גיך אפ פון ניצע, און העלענע בארואיקט זיך לאנגזאם פון איר ערשטער אויפטרייסלונג.

אין ניצע זייענדיק, באקענט זי זיך מיט א יונגן רומענישן פירשט

יאנקאַ ראַקאָוויצאַ וואָס פאַרליבט זיך אין איר, און וויל זי זאָל ווערן זיין פרוי, העלענע איז ווייט פון חתונה האָבן; איר חלום איז דאָס טעאַטער, ווערן אַ שוישפּילערן, און זי זאָגט אים: „אפשר שפּעטער". דער יונגער פירשט האַלט זיך פאַר געבונדן מיט זיין וואָרט; ער וועט וואַרטן אויף איר באַשליסן זיך!

אין יאָר 1863, ווען זי ווערט אַלט אַכטצן יאָר באַקענט זי זיך אין בערלין, אויף אַ באַל מיט לאַסאַלן. דער באַרימטער סאָציאַליסט איז דאַן אַלט פערציק יאָר, ער איז נישט נאָר אַ הערשער איבער די אַרבעטער־מאַסן, נאָר אויך אַ גרויסער גאַלאַנט, אַ באַצווינגער פון פיל פרויען־הערצער. ער ווערט איבערראַשט פון דער דאָזיקער שיינ־הייט און פאַרברענגט מיט איר כמעט די גאַנצע צייט פון דעם באַל, און ביים געזעגענען זיך, זאָגט צו איר לאַסאַל וואָס וויים דעם כּוח פון זיין אייגענער שיינקייט: „מאָרגן וועל איך זיין ביי אייערע עלטערן בעטן אייער האַנט".

אירע עלטערן זאָגן זיך אָפּ אים צו געבן זייער טאָכטער פאַר אַ ווייב. ס'געפעלט זיי נישט אַלס איידעם אַ רעוואָלוציאָנער, אַ מענטש וואָס וויל צעשטערן די הערשנדיקע אָרדענונג. העלענע וואָס איז באַגייסטערט פון לאַסאַלן איז אָבער נישט פאַרליבט אין דעם אָדלער, אום זיך איינצורייסן מיט אירע עלטערן, ער איז פאַר איר גיכער געווען אַ קאַפּריז ווי עפּעס אַנדערש, און זי האָט אים געוואָרנט: „פאַרגעסט נישט אַז איך בין אַ פרוי, די סאַמע ווייבלעכסטע אויף דער וועלט, ד.ה. נישט קיין דעצידירטע, אַ קאַפּריז־פולע". דאָך געפעלט איר דער שידוך, און זי שרייבט אים אַ בריוו אַז זי איז גרייט מיט אים חתונה צו האָבן, אויב ער וועט עס פּוילן ביי אירע עלטערן. גלייכצייטיק שרייבט זי אויך צום פירשט ראַקאָוויצאַ אַז זי ליבט אַנ'אַנדערן.

לאַסאַל מיט העלענען האָבן זיך געזען אין געהיים, און פאַרבליבן צוויי טעג הינטער זשענעוו. דאָס זיינען געווען צוויי טעג פיל מיט גליק פאַר אים, אָבער נאָך זייער זעאונג, האָבן איר די עלטערן בוכ־שטעבלעך פאַרשלאָסן אין שטוב, אום צו שטערן די פאַרבינדונג.

לאַסאַל איז געווען פאַרצווייפלט, ער לאָזט פאַלן זיין גאַנצע טעטיקייט, „איך שלאָג מיך פאַר אַ פרוי אין וועלכע כ'בין משוגע־פאַרליבט, און נאָך מער משוגע ווייל זי ליבט מיך אויך. איך מוז איר באַקומען, וואָס פאַראַ קרבנות דאָס זאָל מיך נישט קאָסטן", שרייבט ער צו זיין פריינט האַרטאָרף, נישט וויסנדיק אַז ער וועט

באַצאָלן מיטן פּרייז פון זיין לעבן. ער רינגלט אַרום דאָס הויז ווי זי וווינט מיט זיינע מענטשן, וואָס זוכן איר איבערצוגעבן זיינע בריוו, נאָר העלענע שווייגט, ענטוועדט נישט; „איך פאָר קיין קאַרלסרוע און וועל ברענגען אין באַוועגונג דעם הימל און די ערד, אום כדי דער ביירישער קעניג זאָל אינטערווענירן ביי העלענעס עלטערן״ שרייבט לאַסאַל צום זעלבן פריינט, פאַרגעסנדיק זיך אינגאַנצן.

דערווייל האָבן די עלטערן אַוועקגעפירט זייער טאָכטער אין אַן אומבאַקאַנט אָרט. לאַסאַל איז אויסער זיך, ער לעבט ווי אין אַ פיבער, אין איין טאָג שיקט ער פונאַנדער זעכציק בריוו צו זיינע פריינט, וועגן העלפן אים געפינען די פּחוי; ער האָט בדעה ווידער זיך צו ווענדן צום ביירישן קעניג, און וואַגנער זאָגט אים צו צו זיין דער פאַרמיטלער, ענדלעך באַקומט ער דעם 21 אויגוסט 1863 אַ בריוו פון העלענע׳ן אין וועלכן זי שרייבט אים:

„פיל געשעצטער הער לאַסאַל! כ׳האָב מיך איבערגעבעטן מיט מיין חתן יאַנקאָ ראַקאָוויצאַ... און טייל אייך גאַנץ פריי מיט אַז ס׳קען נישט זיין קיין רייד מכוח אונדזער שידוך; כ׳האַלט מיך פאַר פולשטענדיק פריי אין באַצוג צו אייך, און האָב פעסט באַשלאָסן אָפּצוגעבן מיין חתן מיין ליבע און טרייהייט.״

לאַסאַל לעבט אין אַ טראַנס, דער בריוו האָט אים גאַרנישט אויסגעניכטערט. „איצט דאַרף איך אויף דאָס ניי אנהויבן געווינען העלענען״ שרייבט ער; ער האָפט נאָך אַלץ, אַז דער ענין מיט דעם יונגן רומענישן פּירשט איז אַ שפּאַס, אַ קאַפּריז, און ער שיקט צו איר פאָטער זיין אַדוואָקאַט, פאָדערנדיק אַ זעאונג מיט דער טאָכטער, וואָס האָט „געבראָכן איר וואָרט״, דאַן שווימט אַרוים אויף דער אויבערפלעך אַ נאָטער; העלענע שיקט אים אַ נאָטאַריעלן אָפּזאָג פון זען זיך מיט אים, און לאַסאַל, אַ קעגנער פון דועלן, רופט אַרויס איר פאָטער אויף אַ דועל. דער פּירשט יאַנקאָ ראַקאָוויצאַ שלאָגט זיך פאָר צו פאַרטרעטן דעם פאָטער. דער דועל קומט פאָר דעם 28 אויגוסט אין אַ קליינעם פראַנצויזישן דאָרף. יאַנקאָ שיסט דער ערשטער, פאַרוווּנדעט אים אין בויך, לאַסאַל באַווייזט נאָך אויסצושיסן, אָבער טרעפט נישט. פיר טאָג שפּעטער שטאַרבט ער פון דער באַקומענער וווּנד.

דער טויט פון לאַסאַלן מאַכט אַן׳אומגעהויערן איינדרוק, און רופט אַרויס אַ געוואַלדיקן אויפברויז קעגן דער פאַמיליע דאָנינג, דעם פּירשט ראַקאָוויצאַ, און דעם יונגן מיידל. זיי מוזן וואַנדערן פון

אָרט צו אָרט, און פאַרבאַהאַלטן זייערע נעמען. דער יונגער פירשט פּאָר אָפּ קיין רומעניען און דאָרט אין 1864 האָט ער חתונה מיט דער דאָזיקער שיינהייט. ביי אים ענטפּלעקט זיך גיך א לונגען קראַנקייט און ער שטאַרבט סוף 1865, אַזוי אַז צו צוואַנציק יאָר איז שוין העלענע דאָנינגעס אַן אַלמנה.

זי קומט דאַן קיין פּאַריז, אין דעם גלענצנדיקן און זיך ווילד־דיקן פּאַריז פון דער צווייטער אימפּעריע, וואָס איז שוין געווען נאָענט צום אונטערגאַנג, און ווילט זיך אין דער געזעלשאַפט פון קינסטלער, שרייבער און אַרטיסטן. אין דער מיליע צו וועלכע ס'האָט איר כסדר געצויגן. דאַן באַקענט זי זיך מיטן קינסטלער קאַרפּאַ ביי וועמען מען האָט שוין געהאַט באַשטעלט די גרופּע „דער טאַנץ", און ער פּוילט ביי איר צו זיין דער מאָדעל פאַר זיין אַפּאָלאָן. נאָך איידער די סקולפּטור איז געווען געענדיקט, האָט זיך אָנגעהויבן א קאַמפּאַניע קעגן דער גרופּע אַלס „נישט אַנשטענדיקע", ווען „דער טאַנץ" האָט זיך ענדלעך באַוויזן אויף זיין היינטיקן אָרט, האָט זיך די קאַמפּאַניע פאַרשטאַרקט. איינמאָל ביי נאַכט, האָט מען די סקולפּטור באַגאָסן מיט טינט, גרופּן האָבן אומאויפהערלעך זיך גע־זאַמלט פאַר דעם קונסט־ווערק פאָדערנדיק מען זאָל עס באַזייטיקן. ענדלעך האָט דער מיליטערישער גובערנאַטער פון פּאַריז, דער מאַר־שאַל וואַיאַן פאַראָרדנט אָוועקצונעמען די סקולפּטור. מען האָט אפילו געטראַכט אָוועקצושטעלן די סקולפּטור אין פאָיע פון באַלעט. נאָר די „צנועותפולע" באַלערינעס, האָבן פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ זאַך, און ווער ווייס ווי אַזוי ס'וואָלט זיך געענדיקט די קאַמפּאַניע, ווען ס'ברעכט נישט אויס די פראַנצויזיש־פּרייסישע קריג און די נאָכקומענדיקע געשעענישן, ווען איטלעכער איז געווען באַשעפטיקט מיט דער דראַמע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין לאַנד, און מען האָט פאַרגעסן אין דער „נישט אַנשטענדיקער" גרופּע.

א חוץ קאַרפּאַ, איז העלענע דאָנינג פאַראייביקט געוואָרן נאָך אין א סך ווערק פון מאָלער מאַקאַרט אַלס באַכוס־טאָכטער און ווענע־ציאַנערן.

איר לעבן איז געווען רייך. זער רייך אין געשעענישן, קורץ נאָך דער דייטש־פראַנצויזישער קריג, הויבט זי אָן איר אַרטיסטישע קאַ־ריערע; פאָרט אויס גאַנץ דייטשלאַנד און אַמעריקע, אָבער לייד איין דורכפאַל נאָך דעם צווייטן, זי איז כסדר בלענדנדיק שיין, אָבער האָט נישט קיין אַרטיסטישן טאַלאַנט. אין ברעסלאַו, אין דער גע־

בורט־שטאט פון לאסאלן, פייפט מען איר אויס, און ביים פארלאזן דאס טעאטער, געלונגט עס איר קוים זיך צו ראטעווען פון נישט געשלאגן צו ווערן. אין אמעריקע שפילט זי אפילו פיעסן וועגן לא־סאלס לעבן און טויט, אבער דאס אלץ קען נישט פארטרעטן איר סצענישע טאלאנטלאזיקייט. און לייד אפט נויט, אפזאגנדיק זיך פון אוצרות, וואס פיל מענער האבן איר פארגעשלאגן אום צו קויפן איר לייב.

אין אנפאנגס פון איר סצענישער טעטיקייט, האט זי חתונה געהאט מיט איר רעזשיסער, א געוויסן זיגוואַרד פרידמאן. און אפגעווינט מיט אים פינף יאר צייט. אלט ווערנדיק דרייסיק יאר, באקענט זי זיך מיט א רוסישן עמיגראנט, סערגעי שעוויטש, א געוועזענער סענאט־בעאמטער וואס האט געמוזט אויסוואנדערן פון זיין היים, פאר זיינע לינקע איבערצייגונגען, זי פארליבט זיך אין אים מיט דעם געוואלדיקן כוח מיט וועלכן זי איז נאר פעאיק געווען. דאס מאל איז עס ביי איר געווען ערנסט, ערנסט ביז צום טויט. העכער דרייסיק יאר לעבן זיי צוזאמען א גליקלעך לעבן. מאכן א מאל דורך לייכטערע און א מאל שווערערע טעג, לעבן אין ניצעי, אין פלארענץ, און אין מינכן, תמיד אין די לינקע קרייזן, און אין דער קינסטלער־וועלט, און אז איר מאן שטארבט אין יאר 1911, קען העלענע דאנינג דאס נישט איבערלעבן; זי האט פארלוירן דעם איינציקן געליבטן מענטשן, און אין זעקס טעג ארום, באגייט זי זעלבסטמארד דורך אפ׳סמ׳ען זיך.

מען האט איר מקבר געווען אין ווינקל פאר זעלבסטמערדער פון מינכענער בית עולם, ווו זי ליגט פארגעסן פון דער גאנצער וועלט.

שטענדיק וועט זי אבער לעבן אויף די בילדער פון מאקארט׳ן און אלס אפאלאן אין דער גרופע „דער טאנץ" פון קארפא, וואס מיר באוונדערן אין דער פראנט־געביידע פון דער פאריזער אפערע.

„נישט נאר ערטער און מאנומענטן, פארמאגט פאריז, וואס זיינען פארבונדן מיט יידישער פארגאנגנהייט, די שטאט פארמאגט אויך קברים פון גרויסע יידן, און קברים וואס ציען אונדזער אויפמערק־זאמקייט צוליב די מעשים פון די מענטשן, בעת זייער לעבן.

אויף דעם פער לא שעז געפינען מיר די קברים פון ראשעל און סארא בערנארד, צוויי פון די גרעסטע וועלט־קינסטלערנס וועמענס סצענישע קונסט מען שטודירט ביז היינט צו טאג. ווי פארשידן זייער לעבן! ראשעל איז געבוירן געווארן אין יאר 1820 אין דער

שווייץ, ביי אַ יידיש־עלזאַסישער פאַמיליע. צו צען יאָר, איז זי געצווינגען צו זינגען אויף די גאַסן פון ליאָן, אום צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט. איר שטים הערט אַ צופעליקער פאַרבייגייער, שאַראָן, אַ באַזיצער פון אַ שול פאַר רעליגיעזע מוזיק; ער נעמט אַריין צו זיך דאָס יונגע אָרעמע מיידל, הויבט איר אָן לערנען, נאָר דאָ געשעט אַנ׳אומגליק: ראַשעל פאַרלירט איר שטים! זי פּרובירט דאַן איר מזל אין טעאַטער, און יעדע ראָלע וועלכע זי פירט אויס איז אַ טריאומף. פון איר אָרעם לעבן אין דער פריער יוגנט, ענטוויקלט זיך ביי איר אַ שווערע קראַנקייט, טובערקולאָז, און זי שטאַרבט אין יאָר 1858, אַלט זייענדיק אינגאַנצן 38 יאָר.

אריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין דער פראַנצויזישער קולטור, איז ראַשעל דאָך פאַרבליבן אַ קינד פון איר פאָלק, און אנגעזאָגט מען זאָל איר, נאָך איר טויט, אַוועקלעגן אויף דער יידישער אָפּטיילונג פון בית עולם.

סאַראַ בערנאַרד, איז אינגאַנצן געווען דערווייטער פון אונדזער פאָלק. איר מוטער, אַנ׳אַסימילירטע יידישע פרוי גיט איר אָפּ, אַלס קינד צו נאָנעס, וואָס גרייט איר צו צו אַ מאָנאַסטיר־לעבן, און בעת זי ווערט צען יאָר אַלט, שמד מען איר אָפּ.

סאַראַ בערנאַרד, האָט געהאט פיל יידישע פריינט, זי פלעגט אָבער ברוגז ווערן אויף אַ מענטשן אויב ער האָט איר בלויז דערמאָנט איר יידישע אָפּשטאַמונג.

אויף איר קבר זעען מיר אַ ג ע מ ו י ע ר ט ן צ ל ם.

געבוירן געוואָרן איז סאַראַ בערנאַרד אויף דער רי דע ל׳עקאָל דע מעדיצין נ. 5, און געשטאָרבן, אויף דעם בולוואַר פערעיר נ. 56.

און נאָך אַ קבר טרעפן מיר דאָ, וואָס דערמאָנט אונדז אַ טראַגיש בלעטל פון אונדזער געשיכטע, דאָס קבר פון לודוויק בערנע. דעם ייד לייב ברוך פון פראַנקפורט, פון וואַנען ר׳האָט מיטגעבראַכט אַ געוואַלדיקע שנאה צו די באַשעפער פון יידישע געטאָס, קעגן דער פריסישער רעאַקציע. שוין פון די פריסטע יאָרן אָן אַ פריידענקער, האָט ער זיך דערווייטערט פון יידנטום, זעענדיק פאַר זיינע אויגן בלויז דאָס קליינלעכע און אָפּשטויסנדיקע וואָס דאָס דייטשע געטאָלעבן האָט באַשאַפן. נישט קענענדיק דאָס ריכטיקע פרייע יידנטום, שמד זיך דער דאָזיקער קעמפער פאַרן ליבעראַליזם. ער גייט אַריבער צום קריסטנטום אין רעזולטאַט פון זיין נאַאיוויטעט, און זאָגט שפּעטער אַז „ס׳איז אים אַ שאַד די קאָסטן פון דער טבילה“, אַז

„כ'האָב נישט ליב דעם קריסט און נישט דעם ייד, כ'ליב זיי נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי זיינען מענטשן, און געבוירן צו זיין פריי".

זיינע בריוו וואָס ער שרייבט פון פראַנקרייך וועגן די רעוואָלוציעטעג פון 1830-1831, ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט. פרי דערווייטערט פון יידנטום איז ער פאַרן יידנטום געוואָרן פאַרלוירן.

אויף דעם זעלבן בית עולם, געפינען מיר אויך דאָס קבר פון מוזיקער עדואַרד קאַלאָן, דעם גרינדער פון באַרימטן סימפאָנישן אָרקעסטער וואָס טראָגט טאַקע זיין נאָמען. אָבער ווייסן די פאַריזער ווו עדואַרד קאַלאָן איז אַזוי באַקאַנט, אַז ער איז געווען אַ ייד, און געהייסן יהודה? ניין. זיי ווייסן עס נישט!

געבוירן אין 1838 אין באָרדאָ, און געשטאָרבן אין 1910 אין פאַריז, האָט זיין לעבן געהערט דער אַרטיסטישער וועלט, און נישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט זיין פאָלק. ער האָט באַקענט דאָס פראַנצויזישע פובליקום מיט די ווערק פון קאָמפּאָזיטער בערליאָז איבער וועלכן מען האָט פיל דיסקוטירט. ער האָט פּאָפּולאַריזירט די ווערק פון... וואַגנערן, פון טשאַיקאָווסקי, פון רימסקי קאָרסאַקאָוו.



אָבער אויך אויף אַנדערע פאַריזער בית עלמינס געפינען מיר אַזוי פיל וויכטיקע קברים:

אויף דעם בית עולם פון מאָנמאַרט, געפינען מיר דאָס קבר, פון הענריך היינע, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט לודוויק

בערנע, און ווי ער אויך, אריבער צום קריסטנטום. אין דער צייט ווען בערנע איז געווען גלייכגילטיק צום יידנטום, האט דער טראגישער היינע זיין גאנץ לעבן געליטן צוליב זיין שמד. ער איז פון די פריסטע יארן אן געווען צוגעבונדן צום יידנטום, געוועז שטאלץ אויף זיין אפשטאמונג און ווי עס שיינט, געמאכט דעם פאטאלן שריט, צוליב פרנסה. צוליב זיין קריסטלעכע פרוי, האט היינע אויסדריקלעך זיך געהייסן מקבר זיין אין דער קריסטלעכער אפטיילונג פון בית עולם אום צו זיין זיכער אז זי וועט נאך זיין טויט, באשטיין זיך צו גע־פינען נעבן אים. *)

נישט ווייט פון היינען געפינען מיר אויך דאס קבר פון אפענבאכ'ן, דעם פאטער פון דער פראנצויזישער אפערעטע, דעם מחבר פון דער אזוי בארימטער אפערע, „האפמאנס דערציילונגען". אויף וועמענס קבר, פונקט ווי אויף דעם קבר פון סארא בערנארד, מיר זעען א צלם. מיר האבן נישט בהעה צו צווייפלען אין זיין קריסטלעכקייט, מיר ווילן נאר אונטערשטרייכן אז געבוירן איז דער גרויסער קאמ־פאזיטער דוקא פון יידישע טאטע־מאמע, און דער צלם אויף זיין קבר וועט ווייניק וואס ענדערן.

דאס מאנמארטער בית עולם פארמאגט אויך א יידישע אפטיילונג און דארט געפינען מיר דאס קבר פון דעם באשעפער פון „די יידן" דעם קאמפאזיטער האלעווי, און דעם שרייבער סאלאמאן ריינאך.

דער לעצטער, א פראנצויזישער ייד שטאמט פון א פאמיליע וואס האט ארויסגעגעבן א ריי באדייטנדיקע פערזענלעכקייטן וואס האבן זיך זייער אויסגעצייכנט אין דער וויסנשאפט און אין דער קונסט. סאלאמאן ריינאך, געבוירן אין 1856 איז געווען א פאליטיקער און א פובליציסט. א געוועזענער דעפוטאט, איז ער געווען א נאענטער מיטארבעטער פון גאמבעטא, געשטאנען אין קאמף קעגן דעם גענע־ראל בולאנזשע, און בעת דער דרייפוס־אפערע, גענומען א גרויסן אנטייל אין קאמף קעגן דער רעאקציע. ער איז אויך א מחבר פון א זיבן בענדער־ווערק א. נ. „די געשיכטע פון דער דרייפוס אפערע".

אזוי אויך געפינען מיר פיל קברים אויף דעם בית עולם פון מאנפארנאס. קברים וואס זיינען אונדז טייער, און קברים פאר וועלכע מיר האבן א גרויסן פארוווּרף:

מיטן צוריקומען פון די בורבאנען אין לאנד אריין, האט זיך צע־

*) לייען דאס קאפיטל „דאס בית עולם מאנמארט", ערשטער באנד.

גאָסן אַ כוואַליע פון ווייסן טעראָר. דאַן האָט זיך אָמגרויזאַמסטן אויסגעצייכנט מיט רויב און מאָרד, אַ געוויסער טרעסטאַל, וואָס פלעגט באַפאַלן דערפער, אַליין משפט'ן, אונטערצינדן און אויסשיסן פיל מענטשן. איינמאָל האָט ער זיך דערפילט באַליידיקט פון אַ פּאַריזער בירגער, און אים צוגעצויגן צום געריכט.

פאַרטיידיקן דעם באַשולדיקטן איז געקומען אַן'אומבאַקאַנט אַדוואָקאַטל, אַ קליינער, אַ מיאוסער, נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, איז געשען עפּעס אויסערגעוועלעכעס: ער איז אויסגעוואַקסן פון זיין אָרט, פיל געמאַכט מיט זיך דעם זאַל, זיינע אַרגומענטן און פאַרטיידיקונג האָבן געמאַכט אַזאַ רושם אויף די ריכטער, אַז דער באַשולדיקטער איז גלייך באַפרייט געוואָרן, און טרעסטאַל איז פון אַ געפערלעכן מענטשן אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן'אַרעסטאַנט.

דער דאָזיקער ביז דאַן אומבאַקאַנטער אַדוואָקאַט איז געווען דער ייד אַדאָלף קרעמיע, אַ מיטגליד פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג פון 1848. און אין דער געשיכטע איז ער פאַראייביקט דורך זיין דורכפירן דאָס געזעץ וועגן אָפּשאַפן טויט-שטראָף פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס.

אַן'אויפריכטיקער דעמאָקראַט, נעמט ער אויך אַ גרויסן אנטייל אין די מאַסאָנען-לאָזשן, וואָס האָבן אין 18-טן און אין 19-טן י. ה. געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעמאָקראַטיזירן אייראָפּע.

בעת לואי נאַפּאָלעאָן, שטעלט אַרויס זיין קאַנדידאַטור, אום כדי געוועלט צו ווערן אַלס פּרעזידענט, שטיצט אים קרעמיע. שפּעטער אָבער, ווען באָנאַפּאַרט הויבט אָן אַרויסווייזן זיינע דיקטאַטאָרישע נייגונגען, באַקעמפט אים קרעמיע. און אין 1851, ווערט ער טאַקע אַרעסטירט דורך נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס פּאָליציי.

אַלס דעפּוטאַט, און סענאַטאָר שטימט קרעמיע אַלעמאָל מיט די עקסטרעם לינקע. זייענדיק מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין פּאָליטישן קאַמף פון לאַנד, הערט ער אויף קיין איין מאָמענט נישט אויף מיט זיין אנטייל אין אָרגאַניזירן דאָס לעבן פון די פראַנצויזישע יידן, און ווערט נאָך זיין טויט אַוועקגעלעגט אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דעם בית עולם.

דאָ אויף דעם מאָנפּאַרנאַסער בית עולם שטייסן מיר זיך אָן אין אַ קבר באַדעקט מיט בלומען. אָפּטמאָל ווערן דאָ אַרויפגעלעגט אַזוי פיל קרענץ, אַז זיי פאַרשטעלן דאָס גאַנצע קבר, און מיר זעען אַפילו

נישט די אויפשריפט וואָס זאָל אונדז דערציילן וועגן דעם געשטאָר־בענעם, וועמענס אַש ס'געפינט זיך דאָ.

ווער ליגט עס אונטער דעם דאָזיקן שטיין? וואָס פאַרא איידעלע נשמה רוט עס דאָ? וואָס פאַרא פאַרדינסטן האָט דער געשטאָר־בענער געהאַט, אַז מען ברענגט אים אַזוי פיל בלומען־קרענץ?

ס'איז דאָס קבר פון סימאָן פעטלורא, דעם העלד פון די אוקראַ־אינישע יידן־פּאָגראָמען, דער וואָס האָט זיך צוגעקוקט ווי זיינע באַנדעס שענדן און רויבן, מאָרדן און פאַרפלייצן גאַנץ אוקראַינע מיט אומשולדיק יידיש בלוט, און בעת אַ יידישע דעלעגאַציע האָט אים געבעטן רחמים, האָט ער זיי ציניש צוגעוואָרפן:

— „צעקריגט מיך נישט מיט מיין אַרמעי".

זיין אַרמעי, וואָס האָט באַזירט אויף באַנדיטיזם האָט געליטן אַ מפלה, ארויסגעטריבן פון אוקראַינע, ראַטעוועט ער זיך קיין פּאַריז, און דאָ טרעפט אים די שטראָף: אַרויסגייענדיק פון אַ רעסטאָראַן, ווערט ער דערשאָסן דורך דעם שטילן און באַשיידענעם יידישן זיי־גערמאַכער שלום שוואַרצבאַרד. זיינע פּאָגראָם־חברים קויפן פאַר אים אָפּ דעם פּלאַץ אויף דעם בית עולם, און ברענגען אים אָפּט, אַזוי פיל בלומען.

נאָך איינציקע טעג ליגן, נעמט מען די פאַרוועלקטע בלומען אַראָפּ, דעמאָלט קוקט אַפער דער נאָמען „סימאָן פעטלורא", אַ נאָמען וואָס מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַ נאָמען וואָס דערציילט וועגן מענטשלעכער געפאַלנקייט און טראַגישער יידישערווירקלעכקייט.

אַ חוץ דעם קבר פון פעטלוראן, פאַרמאָגט דאָס בית עולם מאָנ־פּאַרנאַס נאָך אַ נישט יידיש־קבר, וואָס ציט צו אונדזער אויפמערק־זאַמקייט; וועגן דעם קבר האָבן מיר שוין דערציילט, אָבער איצט מוזן מיר זיך ווידעראַמאָל אָפּשטעלן דערביי. דאָס איז דאָס קבר פון גלח גרעגואר. *)

וואָס פאַרא ראָל די צוויי מענטשן האָבן אויסגעפירט ביי זייער לעבן!

פעטלורא, וואָס האָט פאַרבונדן זיין לעבן מיט אַ מוראדיקע פאַר־ברעכער־באַנדע, און דער אַבע גרעגואר, וואָס האָט אנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות אום כדי אויסצוקעמפן וואָס מער פרייהייט און

---

*) לייען דאָס קאַפּיטל „דאָס בית עולם פון מאָנפּאַרנאַס".

גלייכהייט פאר מענטשן, און געווען דער אויסקעמפער פון גלייכע יידן־רעכט, בעת דער פראנצויזישער רעוואלוציע.

איז פעטלורא טאקע אומגעקומען, א באשטראפטער דורך דער געשיכטע, און דער נאמען פון אבע גרעגואר גלאנצט, און וועט בלייבן אויף תמיד ווי איינער פון די שענסטע און איידלסטע צווישן די מענטשן.

דא אויך, געפינען מיר דאס קבר פון גריגארי גערשוני.

וואס פארא פערזענלעכקייט! וואס פארא זכרונות דער נאמען דערוועקט אין אונדז. וועגן וויפל איבערמענטשלעכע אנשטרענגונג און אידעאליסטישן העראאיזם דערציילט דאס אנגענעמע גע־זיכט פון דעם פרעכטיקן ביוסט וואס שטייט אויף זיין קבר.

אנגעהויבן זיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, אויף דעם וועג פון קולטור־אויפקלערונג, האט זיך גערשוני גיך ענטוישט אין דער צוועקמעסיקייט פון זיינע אנשטרענגונגען; ער האט איינגעזען אז די באדינגונגען פון בילדונג ווי בכלל פון לעבן אונטערן צאריזם, געבן נישט קיין האפענונגען אויף קיין ליכטיקן מארגן, און ר׳איז אוועק אין רעוואלוציאנערן לאגער. גיך געווארן איינער פון די מעכטיקסטע פערזענלעכקייטן אין דער רוסישער סאציאל־רעוואלוציאנערער פארטיי און טעארעטיקער פון אנווענדן טערור קעגן די צארישע תליונים. מיט אנ׳אייזערנער ענערגיע ארגאניזירט ער די טעראריסטישע גרופע וואס פירן אדורך אין די יארן 1901־1903 א גאנצע ריי געלונגענע אטענטאטן אויף צארישע דינער און מיניסטארן, לסוף ווערט ער ארעסטירט.

אין זיין פראצעס וואס ציט צו די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט, שווימט פאר אלעמען ארויס די איידלקייט פון דעם מענטשן; זיינע ווערטער צו די ריכטער: „מיר וועלן אייך קיינמאל נישט מוחל זיין, נישט דאס וואס איר פארגיסט אונדזער בלוט, נאר דאס וואס איר צווינגט אונדז, מיר זאלן דארפן פארגיסן א י י ע ר בלוט“, מאכן אנ׳אויסערגעוועלעכן רושם. גערשוני צווייפלט נישט אז ער וועט פארמשפט ווערן צום טויט, נאר זיין ווירקונג אויף די ריכטער איז אזוי גרויס, אז ער ווערט פאראורטיילט פארשיקט צו ווערן אויף קאטארגע, פון וואנען ס׳געלונגט אים צו אנטלויפן אויף א לעגענדארן אופן, באהאלטנדיק זיך אין א פאס קרויט. ער קומט קיין אויסלאנד פון וואנען ער גייט ווייטער אן מיט זיין רעוואלו־ציאנערער טעטיקייט. ער לייד אבער פון די וונדן באקומענע

נאָך אויף קאַטאָרגע פֿון זיינע קייטן, און שטאַרבט דערפֿון אין פּאַריז אין יאָר 1908.

זייענדיק פֿון אנפאַנג קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט, און פֿון געווינ־הייט שטאַרק צונויפגעוואַקסן מיט דער רוסישער קולטור, דערנענ־טערט זיך שפּעטער גערשוני צום יידישן לעבן, און בעת זיין באַ־קענען זיך צום לעצטן מאָל מיטן יידישן קולטור־טוער ד"ר זשיט־לאָווסקי, זאָגט צו אים גערשוני: „לאָמיר נאָר אָראָפּוואַרפֿן דעם צאַריזם, גיי איך אַריבער צו דיר, און מיר וועלן אַרבעטן אינ־איינעם"...

מיט זיין טויט איז אַוועק איינע פֿון די שענסטע פּערזענלעכ־קייטן פֿון דער רוסיש־העראָאישער פּאַר־רעוואָלוציע עפּאָכע.

דאָ אויך געפֿינען מיר דאָס קבר פֿון אַלפֿרעד דרייפֿוס, וואָס מיט זיין נאָמען האָט געקלינגען די וועלט.

אַן עלזאַסער ייד, קלויב ער אויס אַ מיליטער־קאַריערע. ער איז אָפֿיציר פֿון גענעראַל־שטאַב, און ווערט אין 1894 אַרעסטירט, פֿאַר־דעכטיקט אין שפּיאָנאַזש, לסוף פֿאַראורטיילט און פֿאַרשיקט אויפֿן „טייוול־אינזל".

דער דרייפֿוס־פּראָצעס איז געווען אַ געשעעניש וואָס האָט אויפֿ־געקאָכט דאָס לאַנד, און עס צעשפּאָלטן אין צוויי לאַגערן, פֿון איין זייט די גאַנצע רעאַקציע, און פֿון דער צווייטער זייט די גאַנצע דעמאָקראַטישע טייל פֿון לאַנד.

נאָך לאַנגע יאָרן פֿון קאַמף, ווייזט זיך ענדלעך אַרויס די אומשולד פֿון דעם מענטשן, וואָס איז געווען אַ קרבן פֿון דער רעאַקציע וועלכע האָט געזוכט זיך אונטערצוגראַבן אונטער דער רעפּובליק און אויס־גענוצט דעם פֿאַל וואָס דרייפֿוס, אויף וועמען ס'איז געפֿאַלן דער פֿאַרדאַכט אין שפּיאָנאַזש, איז געווען אַ ייד.

דאָס באַווייזן די אומשולד פֿון קאַפּיטאַן אַלפֿרעד דרייפֿוס איז געווען דער זיג פֿון דער דעמאָקראַטיע און רעפּובליק.

און וואָס פֿאַראַ צייט דאָס קבר דערמאָנט!

דאָ אויך געפֿינען מיר דאָס קבר פֿון גרויסן מוזיקער סען סאַנס, דעם מחבר פֿון אַזוי פֿיל באַרימטע קאָמפּאָזיציעס. ווייניק אָבער ווייסן אַז זיין מוטער איז געווען אַ יידישע פֿרוי.

אין איינע פֿון די אָפּטיילונג, געפֿינט זיך אויך דאָס קבר פֿון יידישן קינסטלער חיים סוטין.

ער האָט געליטן פֿיל, זער פֿיל, און אַז די זון האָט אויפֿגע־

שיינט אין זיין לעבן, איז ער שוין געווען קראנק, צעבראכן פון ליידן הונגער און נויט.

געשטארבן איז סוטין אין יאר 1943. דער דאזיקער גרויסער יידישער קינסטלער פארמאגט נאך ביז היינט נישט קיין מצבה אויף זיין קבר.

און פונקט ווי די אנדערע אויסגערעכנטע בית עלמינס פארמאגן קברים פון אפגעפאלענע פון אונדזער פאלק. אזוי אויך פארמאגט דאס מאנפארנאסער בית עולם זיינע אפגעפאלענע פון יידנטום, דאס איז דער מאלער איזשען זאק, א משומד, און דער דיכטער קאטול מענדעס; דער לעצטער איז אויך פארבאהאלטן הינטער א צלם.

אין זיינע יונגע יארן האט קאטול מענדעס געהאט א גרויסע ענלעכקייט צו הענריך היינען. דער דיכטער זשאן קאקטא דערציילט פון מענדעס'נס רייד, אז מאכנדיק אמאל א וויזיט צו היינעס אלמנה, איז זי אוועקגעפאלן חלשות, זי האט געמיינט אז דאס איז איר פארשטארבענער מאן אריינגעקומען און שטוב...

מענדעס איז אין פארגאנגענעם י. ה. געווען דער ערשטער וואס האט אנגעהויבן אין פראנקרייך פאפולאריזירן די מוזיק און די געניאליטעט פון ריכארד וואגנער'ן.

געשטארבן איז קאטול מענדעס אויף א שרעקלעכן אופן: ער האט געוווינט הינטער פאריז, אהיימפארנדיק ביי נאכט, איז ער צוליב זיין געוואלדיקער קורצזיכטיקייט ארויף אויף דער באן-ליניע, און דערהרגעט געווארן פון אנ'אנקומענדיקן צוג.

אויף דעם גרויסן בית עולם, וואס געפינט זיך אין דער פאריזער פארשטאט באניע, געפינען מיר דאס קבר פון פראלעטארישן דיכטער און דראמאטורג לייב מלאך.

דער דיכטער איז אויסגעפארן פיל לענדער, און איבערגעלאזט אינטערעסאנטע רעפארטאזשן.

אז מען האט אים געפרעגט, ווו ער נעמט אזוי פיל געלט אויף זיינע רייזעס, האט לייב מלאך געענטווערט:

— ווען איך וואלט געהאט געלט, וואלט איך אפשר געזעסן אויף אן ארט.

אויף איינע פון זיינע רייזעס, קומט ער אין פאריז, ווו ער ווערט פלוצים קראנק, און שטארבט דא, אין עלטער פון פערציק יאר.

מיר האבן דערציילט וועגן פיל מאנומענטן און ערטער פון יידישן

לעבן אין פאריז. מאָנומענטן פון ווייטע צייטן, און געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויך אין דער נישט ווייטער פאַרגאַנגנהייט. אָבער אויך די לעצטע יאָרן פון אונדזער לעבן, די יאָר 1941-1945 האָבן איינגעשריבן פיל נייע בלעטער אין דער געשיכטע פון יידישן פאריז, בלעטער פיל מיט טראַגיק פון אונדזער געשיכטע.

פון יאָר 1940 אָן איז פאריז פאַרכאַפּט פון די היטלער־האָרדעס וואָס באַלעבאַטעווען דאָ, און גרייטן צו זייער פּלאַן אומצוברענגען די יידן פון פראַנקרייך, פּונקט ווי זיי האָבן עס דאַן געטאָן אין אַלע לענדער וואָס זיינען געלעגן אין זייערע בלוטיקע הענט.

דעם 14 מאַי 1941 אַרעסטירן זיי די ערשטע פינף טויזנט יידן, אויף אָפּצושיקן אין די ניי געשאַפענע לאַגערן פון פּיטיוויע און באָן לאַ ראָלאַנד. די אַרעסטירטע יידן ווערן געזאַמלט אין אַ ריי ערטער פון דער שטאָט, דערונטער אויך אין דער געביידע וואָס געפינט זיך אויף דער רי דע לאָבאָ, וואָס טראָגט דעם נאָמען „נאַפּאָלעאָן־קאַזאַרמע“, און אויך אין דער געביידע פאַר ספּאָרט־יום טובים וואָס טראָגט דעם נאָמען „זשימנאַז־זשאַפּי“, און געפינט זיך ביים פּלאַץ וואָלטער.

פון די דאָזיקע צוויי געביידעס, פּונקט ווי פון אַנדערע זאַמל־ערטער, ווערן די אַרעסטירטע יידן אויפגעזעצט אין אויטאָבוסן, וואָס פירן זיי אָפּ אין די לאַגערן, פון וואַנען זיי ווערן שפּעטער דעפּאָרטירט.

ביים בולוואַר גרענעל געפינט זיך דער גרעסטער כמעט ספּאָרט־זאַל פון פאריז, באַקאַנט אונטערן נאָמען „וועלאָדראָם ד'איווער“. אויפגעבויט אין יאָר 1910 פאַר גאַנץ גרויסע מאַסן־אונטערנעמונגען איז די געביידע געווען עדות פון די טראַגישע אַרעסטן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין פאריז דעם 16 יולי 1942, ווען צענדליקער טויזנטער יידן, מענער, פרויען און קינדער זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען, אַהערגעבראַנגט געוואָרן אין דעם דאָזיקן ספּאָרט־זאַל, וווּ זיי זיינען געהאַלטן געוואָרן אייניקע טעג אין דער שרעקלעכסטער פאַרצווייפלונג, ענגשאַפט און הונגער, און פון דאַן טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין פאַרשידענע לאַגערן, אום כדי פאַרשיקט צו ווערן אין דער „אומבאַקאַנטער ריכטונג“.

דער וועלאָדראָם ד'איווער, האָט אַזוי אַרום צוגעזען איינע פון די גרויזאַמסטע סצענעס בעת די נאַצי־טעג אין פאריז, און איינגע־

זאַפּט אין זיך די טרערן, און צוגעהערט דאָס געוויין פון אַזוי פיל טויזנטער און טויזנטער יידן.

די נאַצי־הערשאַפט אין פראַנקרייך, האָט אויך פאַראורזאַכט פרישע קברים פון יידישע מאַרטירער אומגעקומענע פון די נאַצישע הענט, וועלכע מיר זעען איצט אויף דעם פער לאַ שעז, און צווישן די אומגעברענגטע מאַרטירער, זעען מיר אויך דאָס קבר פון פאַריזער זשורנאַליסט מוניע נאַדלער, וואָס האָט אויף קיין איין מאָמענט נישט אָפּגעשטעלט זיין אַקטיוויטעט, און אנטייל אין אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד קעגן די נאַצים, און איז לסוף אומגעקומען, דערשאָסן אין אויגוסט 1942.

און נישט ווייט פון מוניע־נאַדלער'ס קבר געפינען מיר אויך אַ קבר אין וועלכן עס ליגט אַ קעסטל אַש, אַהערגעברענגט פון אָשוויענטשים.

אָשוויענטשים! אַ נאָמען וואָס איז געוואָרן אַזוי טרויעריק באַרימט. אַנ'אָרט ווו עס זיינען אומגעקומען אַזוי פיל פון די פאַריזער יידן, אַזוי פיל פון אונדזער פאָלק.

אבער אין דער זעלבער צייט, ווען די נאַצים זיינען אין פאַריז אנגעגאַנגען מיט זייער טעראָר קעגן אונדזער פאָלק, איז אין דער שטאָט געבוירן געוואָרן אַ געהיימע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו געבן יעדע מין הילף די פאַריזער יידן. צו ראַטעווען דורך אַלע מעגלעכקייטן יידישע מענער, פרויען און קינדער, ס'איז געווען אַ געהיימער ווידערשטאַנדס־כוח, וואָס האָט זיך באַזעצט אין לאָקאַל פון אַ באַקאַנטער פאַריזער פאָלקס־געזעלשאַפט א. נ. „קאָלאָני סקאָלער", וואָס האָט שוין יאָרן לאַנג געהאַט איר זיץ־אָרט אויף דער רי אַמלאָ נ. 36. זער גיך איז זייער אַקטיוויטעט באַקאַנט געוואָרן צווישן די פאַריזער יידן א. נ. „קאָמיטעט פון רי אַמלאָ", וואָס האָט אויסגעפירט אַ גאַר גרויסע ראָל אין יענע טרויריקע יאָרן. און אונטער דעם זעלבן נאָמען „קאָמיטעט פון רי אַמלאָ", אריין אין דער געשיכטע פון יידישן פאַריז.

צווישן די באַקאַנטע מאָדערנע פאַריזער געביידעס געהערט אויך אָן ספק, דער גרויסער האָטעל „ליטעציאַ", וואָס איז אַנ'אָרט ווו עס קומען אויך פאַר זער פיל יידישע אונטערנעמונגען. אין 1945 איז די געביידע פון האָטעל געווען דאָס אָרט ווו מען פלעגט ברענגען אַלע, נאָר וואָס געקומענע קיין פאַריז, געוועזענע דעפּאָרטירטע. דאָ

פלעגן זיי באַקומען די ערשטע הילף, באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען די ערשטע טעג. נאָך דעם איבערגעלעבטן קאַשמאַר.

צווישן די דאָזיקע אָפּגעראַטעוועטע, וואָס האָבן זיך צייטווייליק אויפגעהאַלטן אין „ליטעציאַ“, האָט זיך אויך געפינען דער נאָר וואָס געקומענער ווילנער ד"ר מארק דוואָרזשעצקי, און דאָ, אין דעם האָטעל, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיין בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום“. אַ ווערק אין וועלכן ער האָט מיט אַנ׳אויסער־געוויינלעכן כוח, דערציילט וועגן די אַלע ליידן וואָס ער האָט צוגע־זען ביים ווילנער יידנטום, און אַזוי אַרום געשטעלט דער שטאָט איר גרויסן מאָנומענט.

— — — — — — — — — — — —

מיר האָבן געענדיקט דאָס דערציילן וועגן מאָנומענטן, גאַסן, און הייזער, פאַרבונדן מיט דער יידישער געשיכטע פון פּאַריז. וועגן ווייטע עפּאָכן און געשעענישן, וועגן קברים פון יידישע שרייבער, קינסטלער און טוער, און נישט ווילנדיק טראַכט מען וועגן דעם מערקווירדיקן גורל פון אונדזערע גדולים:

סאַראַ בערנאַרד, איינע פון די גרעסטע סצענע־מייסטערנס, געשמד.

היינע, איינער פון די גרעסטע דייטשע דיכטער, און לודוויק בערנע, פון די גרעסטע וועלט־זשורנאַליסטן, געשמד.

אָפנבאַך, איינער פון די באַדייטנדיקסטע מוזיקער, געשמד.

קאַטיל מענדעס, אַ באַרימטער שרייבער, געשמד.

סען סאַנס, ווערט בכלל נישט באַטראַכט פאַר קיין ייד. ,

עדואַרד קאַלאַן, האָט מיט יידישקייט נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא.

אייזשען זאַק, אַ באַדייטנדיקע קינסטלער, געשמד.

אפילו גערשוני, דער מינסקער ייד, איז מער געווען פאַרבונדן מיטן רוסישן פרייהייטס־קאַמף, ווי מיטן יידישן לעבן.

איז עס נישט אביסל צופיל?

מיר האָבן אַזוי פיל בייגעשטייערט דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, און וואָס צוריק באַקומען?

אייגנטלעך וויל מען דאָך נישט אונדזערע פעאיקייטן, מען האַסט אונדז דאָך דערפאַר.

עס האָט אפילו נישט געהאָלפן דאָס פאַרבאַהאַלטן זיך הינטער צלמים...
נאָר דאָ, ליגט שוין אונדזער טראַגעדיע.

(די צייכנונגען צום קאַפּיטל „יידישע מאָנומענט“
געמאַכט פון מאַרי ריגער)

קאפיטל 11.

# שלוס

מיר האָבן דערציילט וועגן קירכעס, פּאַלאַצן, האָטעלן, הייזער און בית עלמינ'ס פון פּאַריז, וועגן ערטער און געשעענישן, צו האָבן מיר אָבער אויסדערציילט וועגן אַלע מערקווירדיקייטן וואָס פּאַריז פאַרמאָגט, וועגן אַלע אירע היסטאָריש־רייכע ערטער וואָס מיר גע־פינען דאָ אויף טריט און שריט?

ניין!

אויסדערציילן אַלץ, אָפּשטעלן זיך אויף אַלע אירע אינטערע־סאַנטע פּלעצער איז פאַר אונדז נישט מעגלעך, ווי ס'איז נישט מעג־לעך איבערצוציילן די טראָפּנס פון ים. פּאַריז איז אַזאַ ים וואָס מען קען אים גאָרנישט אויסשעפּן, און מיר וועלן שליסן אונדזער אַרבעט דורך דערציילן וועגן די וויכטיקסטע ערטער פון דער שטאָט, וועגן וועלכע מיר האָבן ביז איצט נישט דערציילט.

— — — — — — — — — — —

אויף קעי מאַלאַקע נ. 19 איז אין יאָר 1844 געבוירן געוואָרן אַנאַטאָל פּראַנס, דער מחבר פון „טאַאיס", פון „די רויטע ליליע", „די געטער דורשטן" א. א. באַרימטע ווערק. אין דעם זעלבן יאָר האָבן זיך זיינע עלטערן אַריבערגעקליבן אין דער וווינונג נ. 15 אויף דער זעלבער גאַס, ווו דער שרייבער האָט געלעבט זיינע ערשטע ניין קינדער־יאָרן, ביז צום יאָר 1853.

אויף דער נישט ווייטער פון דאַן, קעי וואָלטער נ. 1 האָט אין יאָר 1839 געוווינט דער סקולפּטאָר פּראַדיע וואָס האָט באַפּוצט פּאַריז מיט פיל קונסט־ווערק. פּראַדיע האָט אויך באַפּוצט מיט זיינע זיינע ווערק, דאָס קבר פון נאַפּאָלעאָנען.

נ. 13, אויף דער זעלבער קעי וואָלטער האָט דער מאָלער דעלאַ־קרוא, געהאַט אַמאָל זיין אַטעליע אויף דעם 5 שטאָק, ווו ער האָט גע־שאַפן פיל פון זיינע באַרימטע ווערק.

אויף דער זעלבער קעי וואָלטער נ. 19, האָט פון יולי 1856 ביז דעצעמבער 1858 געוווינט דער דיכטער באָדלער.

אין דעם זעלבן הויז, האָט זיך אויך אויפגעהאַלטן, פון דעצעמבער 1861 ביז פעברואר 1862 ריכאַרד וואַגנער. דאָ, אין דער וווינונג, האָט וואַגנער פאַרענדיקט די „מייסטער־זינגער פון נירנבערג“.

נ. 25, אויף דער זעלבער גאַס, האָט געוווינט דער דיכטער אַלפרעד דע מיסע, און נ. 29 קעי וואָלטער, האָט אין יאָר 1830 געהאַט איר סאַלאָן די גייסטרייכע גרעפן ד׳אַגו, באַרימט פון איר פאַרבינדונג מיט פראַנץ ליסט׳ן.

בעת איר וווינען אין דעם הויז, באַקענט זי זיך מיט דעם פיל יונגערן קאָמפּאָזיטער. זי פאַרלאָזט דערנאָך איר היים. איר מאַן און קינדער, און לעבט מיט ליסטן אין אויסלאַנד. אַכט יאָר צייט דויערט זייער צוזאַמענלעבן, און לעשט זיך לאַנגזאַם אויס. ליסט פאַרלאָזט איר נישט צוליב אַן׳אַנדערע ליבע. נאָר צוליב רום, וואָס האָט אים צופיל שוין געהאַלטן אין זיינע אָרעמס.

די גרעפן ד׳אַגו, אַ הויך אינטעליגענטע פרוי, האָט זיך אויך באַרימט געמאַכט מיט אירע היסטאָרישע און פילאָזאָפישע ווערק, פאַרעפנטלעכט אונטערן פסעוודאָנים דאַניעל סטערן.

די קליינע קעי וואָלטער האָט זער אַ רייכע געשיכטע. נישט נאָר וואָס אירע הייזער האָבן געזען אַזוי פיל פערזענלעכקייטן, אַזוי פיל קינסטלער וואָס האָבן דאָ געוווינט און געשאַפן, די גאַס האָט אויך צו דערציילן וועגן קינסטלער און פערזענלעכקייטן וואָס האָבן דאָ געענדיקט זייער גרויס לעבן.

נ. 11 אויף קעי וואָלטער, איז דעם 29 אויגוסט 1867 געשטאָרבן אין עלטער פון 87 יאָר דער מאָלער זשאַן דאָמיניק אַנגר, איינער פון די געניאַלסטע קינסטלער פון פאַרגאַנגענעם י. ה.

אויף דער זעלבער קעי וואָלטער נ. 27, איז׳ם הויז וואָס נעמט אויך אַרום די רי באָן נ. 1 איז אין יאָר 1778 געשטאָרבן וואָלטער.

נאָך לאַנגע יאָרן נישט זיין אין פאַריז, קומט ער אין עלטער פון 84 יאָר צוריק אין דער שטאָט, וואָס נעמט אים אויף ווי אַ גאָט. דער טומל אַרום דעם גרויסן זקן פאַרמאַטערט אים און איילט צו זיין טויט. אַ שטענדיקער אויסלאַכער פון דער קירכע, בעט ער זיך, פאַרן טויט מיט איר איבער, און שטאַרבט ווי אַ גוטער און

פרומער קאטאליק, אין דעם הויז וואס האט דאן געהערט צום מאר־קיז דע ווילעט.

שפעטער, ווערט טאקע די גאס ביי דער סען אנגערופן מיטן נאמען קעי וואלטער.

נישט ווייט פון דאן געפינט זיך די רי דע ל׳אוניווערסיטע, ווו נ. 41 איז אין יאר 1897 געשטארבן דער בארימטער פראנצויזישער שרייבער אלפאנס דאדע, דער מחבר פון „די בריוו פון מיין מיל".

אויף דער רי דע דראגאן נ. 30, האט אין א מאנסארדע, אויפן 5 שטאק, געוווינט וויקטאר הוגא, בעת ר׳איז אלט געווארן 19 יאר. ער איז דאן געווען ברוגז מיט זיין פאטער און דורכגעמאכט א גע־וואלדיקע נויט, בוכשטעבלעך געהונגערט. די דאזיקע הונגער־צייט, האט ער שפעטער באשריבן אין „לע מיזעראבל", בעת ער האט געשילדערט די נויט פון מאריוסן. *)

אויף דער רי קלאזעל נ. 19, האט געוווינט גי דע מאפאסאן. ר׳איז דאן געווען א יונגער בעאמטער פון בילדונגס־מיניסטעריום, און דא, אין דער וווינונג, האט ער זיך אנגעהויבן מאכן א נאמען אין דער ליטערארישער וועלט.

אויף דעם פלאץ סען זשערזש, זעען מיר אנ׳אלטע גרויסע גע־ביידע, וואס געפינט זיך אפגעצוימט הינטער א קליין גערטנדל. דאס איז דער האטעל וואס איז אין פארגאנגענעם י. ה. באוווינט געווען דורך דעם אונטערדריקער פון דער פאריזער קאמונע, טיער.

אין יאר 1821, איז דער 24 יעריקער טיער געקומען אין דעם אומבאקאנטן פאריז, מיט געוואלדיקע אמביציעס צו געווינען די שטאט פאר זיך; א נאר וואס געענדיקטער אדוואקאט, קומט ער צו פארן מיט הונדערט פראנק אין טאש און א רעקאמענדאציע־בריוו צום דעפוטאט און פירער פון די ליבעראלן, מאנועל.

שוין אלס מיניסטער, האט ער חתונה מיט א 16 יעריק מיידל און באקומט דעם האטעל אויף דעם פלאץ סען זשארזש אלס נדן. ער באזעצט זיך אין דעם הויז און לעבט דא, מיט קליינע אויסנא־מען, זיין גאנץ לאנג לעבן.

בעת דער פאריזער קאמונע, ווען די ווערסאלער, אנגעפירט דורך טיערן, באשיסן פאריז, באשליסט די קאמונע צו קאנפיסקירן טיערס

---

*) לייען דאס קאפיטל „דער פאנטאן", ערשטער באנד.

פאַרמעגן און אָפּצומעקן פון דער ערד זיין האָטעל, וואָס האָט דאָן געהאַט די ווערט פון צוויי מיליאָן פראַנק. דער באַרימטער אַנרי ראָשפאַר, וואָרנט דאָס נישט צו טאָן, אַז די רעגירונג וועט אים אַלס שאָדן־ערזאַץ באַצאָלן אַ מיליאָן מער, ווי דאָס הויז איז ווערט.

אום צו פאַרניכטן דעם האָטעל ווערט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע; צום באַשטימטן טאָג פאַרפלייצן די מאַסן דעם קליינעם פלאַץ. ס'איז נויטיק געווען אַן אָפּטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע וואָס זאָל האַלטן אָרדענונג בעת דער אָפיציעלער צערעמאָניע.

די צערעמאָניע האָט אָנגעהויבן דער קאָמונאַרן־יוסטיץ־מיניסטער פראָטאָ, וועלכער האָט מיט זיין שטעקן אויסגעהאַקט איניקע שויבן פון אַ וואַרענדע, און נאָך דעם ווי ער האָט פאַראָרדנט מען זאָל אַרויסנעמען פון דאָרט די אַרכיוון און קונסט־קעגנשטאַנדן, האָט מען סימבאָליש דערווייל אָפּגעשלאָגן איניקע ציגל פון הויז.

שפּעטער האָט מען דעם האָטעל ערנסט אָנגעהויבן צעשטערן, אָבער רעאַליזירן דעם באַשלוס האָט מען טאַקע נישט געקענט. נאָכן פאַלן פון דער קאָמונע, האָט די רעגירונג אַסיגנירט אַ מיליאָן פר. אויף רעסטאַווירן און צוריקאויפבויען טיער'ס האָטעל. ביז היינט צו טאָג געפינט זיך דאָרט זיין מעבל, זיין ביבליאָטעק, און אומבאַרירט, געפינט זיך דאָרט זיין אַרבעטס־צימער. נישט געקוקט דערויף וואָס טיער געהערט צו די באַדייטנדיקסטע פראַנצויזישע מלוכה־מענער, וועמען מען האָט צוגעגעבן דעם טיטל „באַפרייער פון דער ערד“ איז זיינע פאַרערער נישט געלונגען אים אַריינצופירן אין פראַנצויזישן פּאַנטעאָן, ווי זיי האָבן געזוכט. דאָס בלוטיקע דערשטיקן די קאָמונע האָט אַנגעוואָרפן אויף אים אַ צו שטאַרקן שאָטן וואָס וועט שטענדיק פאַרטונקלען זיין נאָמען.

מיר טראָגן זיך אַריבער אויף דער רייכער רי סען דאָמיניק נ. 57, צום האָטעל וואָס האָט לסוף פון 18 י. ה. געהערט צו אַ מאָנאַקישער פרינצעסן. אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע באַזעצט זיך אין אים דער געוועזענער גלח סיעס, וואָס האָט געשפילט אין יענע טעג אַ גאָר גרויסע ראָל. ער האָט געהאַט די פעאיקייט מיט איניקע ווערטער, מיט אַ פּאָר פראַזן אויסצודרוקן דעם ווילן פון זיין צייט.

סיעס איז געווען אַ גאַנץ בייער מענטש אין יענער צייט, איינער פון די געציילטע רעוואָלוציאָנערן וואָס האָט זער שאַרף קריטיקירט

רוסאָ'ן. ר'איז געווען אַ שרייבער פון דער רעוואָלוציע און אַנ'איבערגעצייגטער „קעגנער" פון געשיכטע. ער האָט געהאַלטן אַז די געשיכטע וועט קיינמאָל קיינעם גאָרנישט אויסלערנען.

סיעס איז נישט געווען איבריק קלוג, נאָר זיין פעאיקייט פון צייט צו צייט געלונגען זיך אויסצודרוקן האָט אים געמאַכט אַ שם פאַר אַ געניאַלער פערזענלעכקייט. מיראַבאָ רופט אים „לערער", „נביא", „דער מאָהאַמעט פון דער רעוואָלוציע", נישט זייענדיק קיין אָראַטאָר, שווייגט ער כמעט אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, און מיראַבאָ האַלט, אַז זיין שווייגן „איז אַ געזעלשאַפטלעך אומגליק".

אויף דער פראַגע וואָס ער האָט געטאָן בעת ראָבעספיערס טעראָר, האָט ער געענטפערט: „כ'האָב געלעבט". ערב דעם 18 ברומער האָט ער געזאָגט „כ'דאַרף האָבן אַ שווערד". די שווערד איז באַלד געפינען געוואָרן אין דער פערזאָן פון דעם גענעראַל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וועמען ער העלפט דורכפירן זיין פאַרשווערונג.

נאַפּאָלעאָן באַלוינט אים מיט געלט, מיטן טיטל באַראָן, און שענקט אים אַ שלאָס הינטער פּאַריז. נאָך סיעס'ן גייט דער האָטעל אריבער צום נאַפּאָלעאָנישן מאַרשאַל דאַוו וועלכער שטאַרבט דאָ אין יאָר 1823. אין יאָר 1937 באַזעצט זיך אין דעם האָטעל די פּוילישע אַמבאַסאַדע.

אויף דער רי באַיאַר, און קור דע לאַ רען, שטייט דער פּרעכטיקער האָטעל וואָס איז באַרימט אונטערן נאָמען „הויז פון פראַנסואַ דעם ערשטן". ווייניק ווייסן אַז דער האָטעל איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1523 אין... מאָרע (פאָנטענבלאָ־וואַלד) און ערשט אין יאָר 1823 געוואָרן פונאַנדערגענומען, און שטיין ביי שטיין צוריק אויפגעשטעלט אין פּאַריז. זיינע סקולפּטור־באַפּוצונגען האָט געמאַכט דער גרויסער קינסטלער זשאַן גוזשאָן. דער האָטעל געהערט צו די שענסטע פּערל פון פּאַריז.

אויף דער זער ווייטער פון דאַנען רי באַניאָלע נ. 148, זעען מיר אַ קליין, שיין ווייס־קאָקעטיש הייזל פון 17 י. ה. וואָס מאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק צווישן די אַלטע און ממש סטיללאָזע געביידעס פון אַרום. בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט די געגנט דאָ אַרום מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס דערפל שאַראָן, און אין דעם הייזל, האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער דעמאָלט באַרימטער מאָנאַרכיסטישער פאַרשווערער באַראָן באַז.

באַז האָט געהערט צו די אַקטיווסטע דינער פון לודוויק דעם 16־טן,

כסדר קאָנספּירירט קעגן דער רעפּובליק. אנגעפירט מיט אַ גאַנצער אַרמעי צוהעלפער, האָט ער פּרובירט אַרויסראַטעווען לודוויקן פון טעמפּל־טורם, און דערנאָך בעתן אָפּפירן דעם קעניג צו דער גילאָ־טינע, אים פּרובירט אָפּשלאָגן אויף די בולוואַרן צווישן די טויערן פון סען מאַרטאַן און סען דעני. נישט געקוקט אויף דער גרויסער געלט־סומע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר זיין קאָפּ, און די ענערגישע מיטלען אים אויסצוגעפינען, האָט עס גאַרנישט געהאָלפן. דעם קאָנספּיראַטער באַז איז געלונגען זיך אויסצוהיטן, און כסדר אנצוגיין מיט זיין פאַרשווערונגס־אַקציע וועלכע ער האָט אנגעפירט פון דעם ביז היינט אָפּגעהיטענעם און גוט דערהאַלטענעם הייזל אויף דער רי באַניאָלע נ. 148.

צווישן דעם לוקסנבורגער פאַרק און דער סען־סולפּיס קירכע, געפינט זיך אַ קנופּ פון יאָרהונדערטער־אַלטע געסלעך, דערונטער אויך דאָס אַלטע שמאָלע געסל סערוואַנדאַני, ווו נ. 15 האָט אין יאָר 1794 זיך אויסבאַהאַלטן דער גרויסער געלערנטער, דער פילאָ־זאָף און מאַטעמאַטיקער קאָנדאָרסע. איינער פון די באַדייטנדיק־סטע פירער פון דער זשיראָנדע, מייד ער אויס אַרעסטירט צו ווערן, און אומצוקומען אויף דער גילאָטינע ווי די איבעריקע פירער פון זיין פאַרטיי. אַ יאָר צייט געפינט ער זיך דאָ באַהאַלטן ביי פריינט וואָס שטעלן איין זייער לעבן מיטן אויסבאַהאַלטן דעם געלערנטן. דאָ, אין דער ווינונג שרייבט קאַנדאָרסע אָן צוויי פון זיינע גלענצנ־דיקסטע פילאָזאָפישע ווערק וואָס זיינען פיל מיט גלויבן אין פראָגרעס, און אין דעם מענטשלעכן גייסט. קאַנדאַרסע קען אָבער נישט איינרוען; ער ווייס אַז די מענטשן וואָס באַהאַלטן אים אויס, שטעלן איין זייער לעבן, און דער באַוווסטזיין קוועלט אים. אנפאַנג אַפּריל 1794, נאָכן פאַרענדיקן זיינע ווערק, גנבעט ער זיך אַרויס פון זיינע פריינט, וואָס היטן אים, ווייל זיי ווייסן זיינע מחשבות. ער וואַנדערט צוויי טעג הינטער פאַריז, און אַ מידער גייט ער אַריין אין אַ קאַפע זיך אָפּרוען און עפּעס איבערבייסן. ער לייענט דערביי אַ בוך פון אַ לאַטיינישן פּאָעט. די אנווועזנדיקע ווערן אויפמערקזאַם אויף דעם לייענער פון לאַטיינישער דיכטונג, אויף די ווייסע הענט פון געלערנטן, און ער ווערט אַרעסטירט; דאָ קלערט זיך אויף אַז דאָס איז דער שוין לאַנג געזוכטער קאנדארסע.

טראָץ זיין גלויבן אין מענטשלעכן פראָגרעס, שטייט אים פאָר געברענגט צו ווערן פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. און די גילאָ־

טינע. קאנדארסע וואס האט געהאט ביי זיך סם, נעמט אים אראפ, און שטארבט דעם 9 אפריל 1794.

אנ׳אויפשריפט אויף דער מויער דערמאנט די דורכגייער, וועגן דער טראגעדיע פון איינעם פון די גרעסטע פראנצויזישע געלערנטע.

מיר האבן שוין דערציילט וועגן פיל געביידעס וואס זיינען בעת דער פראנצויזישער רעוואלוציע פארוואנדלט געווארן אין טורמעס, און געדענקען נאך די טראר־טעג, וועגן נאך אזא, איצט שוין פאר־שווונדענע געביידע מוז דא דערמאנט ווערן.

דאס איז די נישט לאנג צוריק, נאך אזוי בארימטע טורמע סען לאזאר וואס האט זיך געפינען אויפן פאבורג סען דני נ. 107.

אומגעפער אין 12 י. ה. האט זיך אויף דעם פלאץ געפינען אנ׳־אנשטאלט פאר קלעפיק־קראנקע אויפן נאמען פון הייליקן לאזאר. פון דעם אלטן לעפראזאריום איז פארבליבן בלויז דער פונדאמענט. שפעטער איז דער אנשטאלט פארוואנדלט געווארן אין א מאנא־סטיר, אין וועלכן די פראנצויזישע קעניגן פלעגט זיך אפשטעלן פארן אפפארן קיין ריימס צו דער קרוינונג. נאך זייער טויט, פלעגן די קערפערס פון די פראנצויזישע קעניגן ליגן דא א גאנצן מעת לעת, און פון דאנען ערשט, אריבערגעפירט ווערן אין דער קאטע־דראלע פון סען דני.

די גרויסע אומעטיקע און ברודיקע געביידעס, וועלכע מען האט דא געזען ביז קורץ פאר 1939, זיינען געבויט געווארן אין 17 י. ה. און כאטש זיי הויבן אן דינען אלס טורמע א לאנגע צייט פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציע, ווערן זיי אבער אלס „נאציאנאלע טורמע״, אפיציעל באשטימט אין יאר 1794 און זעען צו אלע גרוילן פון יענער צייט.

פאר דער רעוואלוציע זיצט דארט באמארשע איייניקע וואכן צייט, פאר זיין אויפפירן „פיגאראס חתונה״. ס׳איז באוווסט אז דעם באפעל אים צו ארעסטירן, האט לודוויק דער זעכצנטער אנגעשריבן אין ווערסאל, ביים קארטן שפיל, אויף א זיבנטל־פיק. בעת דעם טעראר זיינען דארט געווען איינגעזעצט טויזנט פירהונדערט פער־זאן. מענער, פרויען און אפילו קינדער, וואס פלעגן פון דאנען אפ־געפירט ווערן צום רעוואלוציאנערן טריבונאל.

דארט אויך איז געזעסן ארעסטירט דער דיכטער אנדרע שעניע. ער איז גילאטינירט געווארן דעם 8 טערמידאר; אויף צו מארגנס איז ראבעספיער געפאלן...

אין הויף, אויף אַ מויער האָט זיך געפינען אַן אַלטער זון־זייגער, פון יאָר 1683, און אַרום אים אַנ׳אויפשריפט אין לאַטיין, „היינט איך, און מאָרגן דו“, וואָס האָט דערמאָנט די מאַנאַכן אין טאָג פון טויט. מען קען זיך משער זיין דעם טראַגישן זין וואָס די לאַטיינישע אויפשריפט האָט באַקומען אין די אויגן פון די הונדערטער, וואָס האָבן יעדן טאָג זיך געקענט ריכטן אָפּגעשיקט צו ווערן צו דער גילאָטינע.

מיט יאָרן צוריק איז די סען לאַזאַר טורמע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געפענגעניש פאַר פרויען. שוין מערערע מאָל איז באַשלאָסן געוואָרן די טורמע צו ליקווידירן... און קורץ פאַר דער קריג פון 1939 האָט מען די אַלטע געביידעס ענדלעך פונאַנדערגעוואָרפן, אַוועקנעמענדיק פון דער שטאָט אַ מאָנומענט וואָס האָט אין לויף פון יאָרהונדערטער געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

פאַריז פאַרמאָגט פיל ליכטיקע און פיל שאָטנדיקע ערטער. די שטאָט איז אַנ׳אָפּשפּיגלונג פונ׳ם מענטשן גופא וואָס אַמאָל איז ער נאָענט צו גאָט, און אַמאָל צום טייוול, דערפאַר קענען מיר נישט פאַרשווייגן די באַרימטע „ווילאַ דעז אָטאַזש“ וואָס געפינט זיך אויף דעם אַרבעטער־בעלוויל, אויף דער רי אַקסאָ נ. 70.

דאָס אָרט איז פאַרבונדן מיט די לעצטע טעג פון קאָמונע־אויפשטאַנד פון 1871, ווען אַרומגערינגלט דורך די ווערסאַלער אַרמעי וואָס האָט טעראָריזירט און אויסגעמאָרדעט די קאָמונאַרן אין די טויזנטער, האָט אַ גרופּע אויפשטענדלער אַהערגעברענגט דאָ, פון דער טורמע ראָקעט, 52 אַרעסטירטע גלחים, זשאַנדאַרן און פאָליציילייט, און זיי דאָ אין דעם גרויסן הויף דערשאָסן.

דער דאָזיקער אַקט איז כמעט איינציק אין דער געשיכטע פון דער קאָמונע, און שטעלט מיט זיך פאָר ווי אַ פלעק אויף דער זון. יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער קאָמונע־טוער האָט פאַראורטיילט די האַנדלונג, וואָס איז געווען אַנ׳אַקט פון אומבאַוווסטזיניקע און אויפגעבראַכטע מענטשן, אַלס רעאַקציע קעגן די טויזנטער לעבנס וואָס די ווערסאַלער האָבן אומגעברענגט אין יענע טרויעריקע טעג.

אינ׳ם קליינעם גערטנדל ביים שאַטלע־פּלאַץ באַווונדערן מיר דעם פּרעכטיקן גאָטישן טורם וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „טור סען־זשאַק“.

דער טורם איז אַנ׳איבערבלייבעניש פון אַ קירכע וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען און איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן אין די

ערשטע יאָרן פון 16 י. ה. ביי דער מויער פון דער קירכע האָט דער באַרימטער פילאָנטראָפּ, שרייבער און אַלכימיקער, ניקאָלאַי פלאַמעל געהאַט זיין בוכהאַנדלונג און ביוראָ, ווו ער פלעגט שרייבן בריוו פאַר די הויכגעשטעלטע לייט פון זיין צייט, וואָס זיינען געוועזן רייך אין כבוד און אין מאַכט, אָבער נישט געקענט שרייבן און אַנגע־קומען צו אים, באַצאָלנדיק נישט שלעכט. פלאַמעל האָט טאַקע געהאָלפן בויען די קירכע, שענקענדיק אויף דעם צוועק גרויסע געלט־סומעס. *)

ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט איבערגעריסן מיט דער קיר־כע, און קאָנפיסקירט איר פאַרמעגן, איז מען צוגעטרעטן פאַרקויפן פאַריזער קירכעס, וואָס זיינען פאַרנוצט געוואָרן אויף פאַרשידענע מאַגאַזינען, אָדער אויף בויען וווין־הייזער פון זייערע שטיינער. פיל קירכעס זיינען דעמאָלט פאַרשוווּנדן, און צווישן זיי, אויך די קירכע סען זשאַק דע לאַ בושערי; בלויז דער פּרעכטיקער טורם איז דורך אַ צופאַל נישט צעשטערט געוואָרן, און דינט היינט אַלס באַפּוצונג פאַר דער שטאָט.

אין 17 י. ה. לעבט אין פראַנקרייך דער גרויסער געלערנטער פּאַסקאַל, ער אַרבעט דאַן איבער דעם פּראָבלעם פון לופט־דרוק, און ער באַנוצט זיך מיטן טורם פאַר זיינע וויסנשאַפטלעכע עקספּערי־מענטן. יאָרן שפּעטער האָט מען פּאַסקאַלן אוועקגעשטעלט אַ דענק־מאָל צו פיסנס פונם טורם, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט פאַר זיינע פאָרשונגען.

ס'פאַרמאָגט אויך פּאַריז סטאַטועס, דענקמעלער פון גרעסערן אָדער קלענערן קינסטלערישן און היסטאָרישן ווערט. און מיר וועלן זיך אָפּשטעלן ביים דענקמאָל פון טעאָפראַסט רענאָדאָ וואָס געפינט זיך האַרט ביי דער מעטראָ „סיטע“. **)

נישט סתם אין דער וועלט האָט מען דעם דענקמאָל דאָ אוועקגע־שטעלט, דאָס איז געווען דער מעגלעך נאָענטסטער פּלאַץ פון דעם

*) ביז היינט צו טאָג טראָגן צוויי קליינע געסלעך נאָענט פון טורם, די נעמען פון ניקאָלאַי פלאַמעל און פּערנעל (זיין פרוי) אַלס דאַנק פאַר די רייכע געשאַנקען וואָס ער פלעגט מאַכן דער שטאָט, אום כדי צו העלפן די נויטליידנדיקע.

**) דער דענקמאָל איז אַראָפּגענומען געוואָרן דורך די דייטשן. בלויז דער פּיעדעסטאַל איז פאַרבליבן.

ארט ווו טעאפראסט רענאדא איז געווען טעטיק. דאס ארט גופא, געפינען מיר אויף דער דערנעבנדיקער קעי מארשע א נעף נ. 8, ווי מיר לייענען אויף דער מויער אנ'אויפשריפט וואס דערציילט וועגן זיין מערקווירדיק לעבן.

געבוירן אין יאר 1586 אין א קליינער פראווינץ־שטאט ביי פואטיע, האט ער זיך אין די פריסטע יארן אנגעזען פיל בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן די קאטאליקן און פראטעסטאנטן. ער האט געזען פארוונדעטע וואס זוכן הילף, זוכן צו ראטעווען זייער לעבן. די דאזיקע בילדער באוועגן דעם גוטן טעאפראסט רענאדא זיך אפּצוגעבן שטודירן מעדיצין. ער לערנט זיך אין מאנפעליע, און צו 19 יאר איז ער שוין א געענדיקטער דאקטאר, וואס זוכט געוויסנהאפטיק צו העלפן זיינע קראנקע. זיין גוטהארציקייט פירט אים צו היילן פיל קראנקע אומזיסט וואס רופט ארויס אנ'אומצופרידנהייט ביי זיינע קאלעגן. רענאדא באגענוגט זיך נישט מיט העלפן די ארעמע קראנקע. ער טראגט זיך ארום מיט נאך פיל אידעיען, און שרייבט לסוף אן א „טראקטאט וועגן די ארעמע". דאס בוך ציט צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון קארדינאל רישעליע, און ווען דער לעצטער באקומט די מאכט, נעמט ער אריבער דעם גוטן דאקטאר קיין פאריז, און גיט אים אפּ א וויכטיקן אמט; וועגן דער ארעמקייט, און דא הויבט רענאדא אן ארויסצווייזן זיין גרויסע ענערגיע אין העלפן די ליידנדיקע: ער גרינדעט א „ביורא פאר אדרעסן און באקעגענישן" ווו איטלעכער וואס זוכט ארבעט אדער ארבעטער זאל זיך קענען ווענדן, און שאפט אזוי ארום דעם פונדאמענט פאר דער היינטיקער ארבעטס־בערזע, ער הויבט אן ארויסבארגן אונטער א משכן קליינע געלט־סומעס און ווערט אזוי ארום דער באשאפער פון היינטיקן פאריזער לאמבארד. ער הויבט אן געבן כסדרדיקע אומזיסטע מעדיצינישע קאנסולטאציעס, און גרינדעט א „לערן־אקאדעמיע", וואס האט געלעגט די באזע פאר אלע היינטיקע עפנטלעכע דיסקוסיעס איבער פארשידענע פראגן. די גאנצע טעטיקייט זיינע קומט פאר אין דעם דערמאנטן הויז, וואס האט דאן געטראגן דעם נאמען: דאס „הויז פון גרויסן האן".

אבער איינע פון זיינע אונטערנעמונגען וואס האט אים ביז גאר בארימט געמאכט, איז געווען דאס גרינדן און ארויסגעבן די ערשטע פראנצויזישע צייטונג „גאזעט", וואס איז דערשינען אונטער זיין רעדאקציע דעם 30 מאי 1631.

„ס'איז נאַטירלעך" אַז רענאַדאַ האָט אויך געהאַט זער פיל שונאים וואָס האָבן אים כסדר געזוכט צו שטערן, נאָר נישט געקענט, ווייל רישעליע וואָס האָט פאַרשטאַנען זיין נוצלעכקייט, האָט אים געשוצט.

רענאַדאַ איז געווען זער באַשיידן אין זיין צייטונג, געזוכט נאָר דעם אמת, נישט געשמייכלט זיינע באַשיצער, און אַז דער קעניג אַליין, לודוויק דער דרייצנטער פלעגט אים אַמאָל צושיקן עפּעס צום דרוקן, פלעגט רענאַדאַ אויסבעסערן און קאָרעגירן דעם קעניגלעכן מאַנוסקריפּט, אַזוי ווי זיין רעדאַקטאָריש געוויסן האָט אים דיקטירט.

נאָכן טויט פון רישעליע האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן שווערע טעג. די שונאים פון קאַרדינאַל האָבן אָנגעהויבן נקמה נעמען אין זיינע פריינט און אָנהענגער. דער אומאָפּהענגיקער און ערלעכער רענאַדאַ האָט פאַרלוירן זיין אַמט צו העלפן די אָרעמע. לאַנגזאַם האָט מען געשלאָסן זיינע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, דער פּאַריזער מעדיצינישער פאַקולטעט האָט זיך „פּלוצים אַרומגעזען" אַז רענאַדאַ'ס דאָקטאָר־דיפּלאָם פון מאָנפּעליע, גיט אים נישט קיין רעכט צו פּראַקטיצירן אין פּאַריז, און אַזוי אַרום אים אָפּגענומען די פרייד צו היילן קראַנקע אומזיסט.

אָפּגעריסן פון אַלע טעטיקייטס־מעגלעכקייטן, האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט זיין זשורנאַליסטישער אַקטיוויטעט. בלייבנדיק ערלעך און אומאָפּהענגיק, האָט ער געלעבט אין גרויסער אָרעמקייט. זיין צייטונג וואָס האָט איבערגעביטן דעם נאָמען אויף „גאַזעט דע פראַנס" איז דערשינען קנאַפּע דריי הונדערט יאָר, און זיך אָפּגעשטעלט קורץ פאַר דער קריג פון 1914. דער נאָמען פון דעם מענטשן איז אַריין אין דער געשיכטע פון זשורנאַליסטיק, און פון זיינע סאָציאַלע איינפירונגען געניסן היינט פיל פיל, נאָר נישט אַלע ווייסן פון דעם מאַן וואָס האָט געהאַט פיל אויסצושטיין פאַר זיין ווילן דינען די ליידנדיקע מענטשן, און וואָס זיינע בעסטע יאָרן פון טעטיקייט זיינען אַוועק אין דעם „הויז פון גרויסן האָן", וואָס איז געשטאַנען אויף דעם אָרט וואָס געפינט זיך איצט אויף קעי מאַרשע אַ נעף נ. 8.

צווישן די פאַרשידענע פּאַלאַצן וואָס דאַרפן דערמאַנט ווערן, איז אָן ספק אויך די רעזידענץ פון די פראַנצויזישע פּרעזידענטן, באַקאַנט א. נ. דער עליזעע־פּאַלאַץ:

אויפגעבויט אין יאָר 1718, ווערט ער דערנאָך דאָס אייגנטום פון די פּאָמפּאָדור, די מעטרעסע פון לודוויק דעם 15־טן, אין יאָר 1793 ווערט ער דאָס אייגנטום פון דער מלוכה. אין יאָר 1805 באַווינט דעם פּאַלאַץ נאַפּאָלעאָנס שוועסטער, קאַראָלינע מיראַ מיט איר מאַן, וואָס ווערט דערנאָך קעניג פון נעאָפּאָל. אין 1812 באַווינט אים אַ קורצע צייט נאַפּאָלעאָן מיט זיין יונגער פרוי, מאַריע לואיזע. אין 1814 באַווינט אים דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער. פון יאָר 1849 באַווינט אים לואי נאַפּאָלעאָן, נאָכן ווערן געוועלט אַלס פּרעזידענט. און דאָ טאַקע, גרייט ער צו זיין פאַרשווערונג פון 1851 וואָס פאַרוואַנדלט ווידער אַמאָל דאָס לאַנד אין אַ מאָנאַרכיע. פון יאָר 1873 אָן, ווערט דער פּאַלאַץ די כסדר־דיקע רעזידענץ פון די פראַנצויזישע פּרעזידענטן.

מיר האָבן שוין דערציילט וועגן פיל הייזער אין וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעלאָשן די לעבנס פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן אָבער וועגן נאָך אייניקע מוז דאָ דערציילט ווערן:

אויף דער רי לאַ טור דע נאָטר־דאַם נ. 9 איז אין יאָר 1826 געשטאָרבן טאַלמאַ, איינער פון די באַדייטנדיקסטע בינע־קינסטלער בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אויף אַווני וויקטאָר הוגאָ נ. 124, איז דעם 22 מאַי 1885 געשטאָרבן וויקטאָר הוגאָ. די גאַס האָט דאַן געהייסן אַווני עלאָ. דאָ האָט דער דיכטער געוווינט די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן. דאָס הויז עקזיסטירט שוין מער נישט, אַנ'אויפשריפט, און אַ מאַסקע פון הוגאָ, דערציילט וועגן דעם די פאַרבייגייער.

אויף דער אַווני וויליעי נ. 89, האָט געוווינט און איז דעם 29 אָקטאָבער 1898 געשטאָרבן איינער פון די אָריגינעלסטע און באַדייטנדיקסטע פראַנצויזישע מאַלער פּיווי דע שאַוואַן; מיט ווערעמנס ווערק ס'זיינען דעקאָרירט פיל פראַנצויזישע פּאַלאַצן, און אויך דער פּאַנטעאָן.

אויף דער רי מאַן טאַבאָר נ. 6 איז אין יאָר 1857 געשטאָרבן אַלפרעד דע מיסע. איינער פון די פיינסטע פראַנצויזישע, ראָמאַנטישע דיכטער, און נישט ווייט פון דאַן, אויף דער רי ד'אַסאַ איז אין יאָר 1874 געשטאָרבן דער היסטאָריקער. מישלע.

אויף דער רי אַנזשו נ. 6 איז אין יאָר 1834 געשטאָרבן אין טיפער עלטער דער גענעראַל לאַפּאַיעט, וועגן וועמען אונדז איז שוין פיל אויסגעקומען צו דערציילן.

האַרט ביים באַסטיליע־פּלאַץ, אויף דעם אָרט וואָס פאַרנעמט הייַנט דאָס הויז נ. 2 פון בולוואַר באָמאַרשע, איז אין יאָר 1799 געשטאָרבן באָמאַרשע, וואָס האָט מיט זיין ווערק „פיגאַראָס חתונה“ צוגעהאָלפן דיסקרעדיטירן דעם אבסאָלוטיסטישן רעזשים. איבערלייענענדיק דאָס ווערק, האָט לודוויק דער 16־טער דערקלערט דער קעניגן, אַז „דאָס וועט קיינמאָל נישט געשפּילט ווערן, אום עס צו שפּילן, מוז צום ערשטן פאַלן די באַסטיליע“.

לודוויק דער 16־טער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט אַז דער טאָג איז אַזוי נאָענט. איבריגנס, „פיגאַראָס חתונה“ איז געשפּילט גע־וואָרן אַ סך פריער.

וועגן אייניקע קירכעס מוז דאָ דערמאַנט ווערן :

האַרט ביי די פּאַריזער שפּייז־האַלעס געפינט זיך די גראַנדיעזע קירכע סענט־עסטאַש. אַ געמיש פון גאָטיק און רענעסאַנס, געבויט פון 1532 ביז 1630.

אין יענער קירכע איז פאָרגעקומען די טויפונג פון שפּעטערדיקן קאַרדינאַל רישעליע. דאָ געפינט זיך דאָס קבר פון לודוויק דעם 14־טנס מיניסטער קאָלבער. די סקולפּטור אויף זיין קבר איז גע־מאַכט דורך דעם באַרימטן קואַזוואָקס. אין דער זעלבער קירכע איז בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פאָרגעקומען די צערעמאָניע אַרום געשטאָרבענער מיראַבאָ, פאַרן אַריבערפירן אים אין פּאַנטעאָן.

איינע פון די אָרגינעלע פּאַריזער קירכעס איז אָן ספק די א. ג. סען זשערמען ל'אָקסערואַ וואָס איר אַלטקייט גרייכט נאָך צום 5־טן י. ה. ווען ס'איז נאָך געווען אַ געצן־דינערישער טעמפּל, וואָס איז מערערע מאָל צעשטערט געוואָרן. איר הייַנטיקע אַרכיטעקטור־פאָרם באַ־קומט זי אין 15 י. ה.

געפינענדיק זיך האַרט ביים לוווּר, האָט די קירכע אויך באַדינט די פראַנצויזישע קעניגן.

אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז די קירכע אויסגענוצט געוואָרן אַלס שפּייכל פאַר פוראַזש, דערנאָך פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ דרוקעריי, לסוף געוואָרן דער „טעמפּל פון פאַרנומפּט“.

לויט איר אַרכיטעקטור איז זי כמעט איינציק צווישן דער גרויסער צאָל קירכעס פון דער שטאָט.

ביים בולוואַר סען זשערמען, געפינט זיך אַ קליינער פּלאַץ, ווי מיר פאַרהאַלטן זיך ביי דער קירכע סען טאָמאַ ד'אַקאַן (Eglise

(Saint-Thomas-d'Aquin אויפגעבויט אין יאָר 1682. אין דער
דאָזיקער קירכע, האָט זיך אין יאָר 1794 געפֿינען דער קלוב פֿון
די יאַקאָבינער.
וועגן צוויי קירכעס, פּערל פֿון דער גאָטישער אַרכיטעקטור, מוז
נאָך דאָ דערמאָנט ווערן, דאָס איז: די קירכע סען לאָרענט (ביים
מזרח וואָגזאַל), געבויט אין 15 י.ה. און די קירכע סען סעוועראַן
(St. Severin) ביים פּלאַץ סען מישעל, וואָס איז אויפגעבויט
געוואָרן אין 14 י.ה. ביידע געביידעס, שעדעוורן פֿון פֿלאַמיק־
גאָטישן סטיל, זיינען אַמבעסטן אָפּגעהיטן געוואָרן אין לויף פֿון די
יאָרהונדערטער.
נאָך אַ קירכע איז פֿאַראַן אין פּאַריז וועגן וועלכע מיר מוזן דער־
מאָנען ביים סוף פֿון אונדזער אַרבעט: דאָס איז דער דאָם אינוואַ־
ליד. די קירכע, געבויט אין 17 י.ה. שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פֿיין
אַרכיטעקטור־ווערק פֿון מאַנסאַרד'ן, אויב אָבער מיר פֿאַרהאַלטן זיך
איצט ביי דעם דאָם, איז עס צוליב דעם קבר פֿון נאַפּאָלעאָנען, וואָס
געפֿינט זיך דאָ. געשטאָרבן אויף דעם וויַיטן אינזל, האָט ער אויס־
געדרוקט זיין פֿאַרלאַנג צו ליגן נאָכן טויט ביי דער סען. אין 1840
ווערט זיין אַש אַהערגעבראַכט און אַוועקגעלייגט אין דער דאָזיקער
קירכע, וווּ עס ליגן אויך נאַפּאָלעאָנס ברידער. און זיין „אַדלערל",
אַהערגעבראַכט אין יאָר 1940.
פּאַריז פֿאַרמאָגט אויך פּרעכטיקע גערטנער, אָבער וועגן איינעם
פֿון זיי, וועגן טילערי־גאַרטן, וואָס פֿאַרנעמט דעם שטח צווישן
לוווער און פּלאַץ קאָנקאָרד, מוז דאָ דערציילט ווערן:
זיין נאָמען שטאַמט נאָך פֿון ציגל פֿאַבריקן, וואָס האָט זיך דאָ
געפֿינען. אין 16 י.ה. נאָכן טויט פֿון הענריך דעם צווייטן, לאָזט
דאָ זיין אלמנה, קאַטערינע מעדיטשי זיך אויפֿבויען אַ פּאַלאַץ, וואָס
ווערט טאַקע גערופֿן דער טילערי־פּאַלאַץ. די געביידע וואָס האָט
זיך געפֿינען ביי דער היינטיקער אַווני פֿאָל דערולעד איז כסדר באַ־
וווינט געוועזן דורך מיטגלידער פֿון דער קעניגלעכער פֿאַמיליע. מע־
רערע מאָל האָט מען דעם פּאַלאַץ געוואָלט אנשליסן אין לוווער, אָבער
די זאַך איז נישט צושטאַנד געוואָרן. אין יאָר 1789, נאָך דעם אויס־
ברוך פֿון דער רעוואָלוציע, באַזעצט זיך אין טילערי־פּאַלאַץ לודוויק
דער 16־טער. פֿון דאַנען פּרובירט ער אַנטלויפֿן, און ווערנדיק
צוריקגעבראַכט פֿון וואַרען, וווינט ער דאָ כמעט ווי אַ געפֿאַנגע־
נער ביז דעם 10 אויגוסט 1792, ווען די פּאַריזער מאַסן שטורמען

דעם פּאַלאַץ, און מאַכן ענדלעך אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די בורבאָנען.

אין די געביידעס פון טילערי־פּאַלאַץ וואָס האָבן זיך דאָ געפינען איז געזעסן דער רעוואָלוציאָנערער קאָנווענט. *) אין יאָר 1800 באַזעצט זיך דאָ נאַפּאָלעאָן דער ערשטער. דער פּאַלאַץ ווערט אויך געשטורמט בעת דער רעוואָלוציע פון 1830 וואָס מאַכט אַ סוף צו די בורבאָנען, און אין יאָר 1848 וואָס שטעלט איין אין לאַנד די צווייטע רעפּובליק.

אין יאָר 1871, אין די גאַסן־קאַמפן בעת דער קאָמונע, קומט דער פּאַלאַץ אום. די קליינע טייל וואָס איז פון אים פּאַרבליבן, איז געוואָרן אנגעשלאָסן אין לוווּר, ביי דער זייט פון דער רי ריוואָלי. אַלע זיינע שטיינער זיינען איבערגעפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער. און דער פּלאַץ איז אין יאָר 1889 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם פרעכטיקן פּאַרק, וואָס בלויז דער נאָמען זיינער דערציילט וועגן דעם אַלטן פּאַלאַץ וואָס האָט זיך דאָ געפינען, און אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַזוי פיל געשעענישן, וואָס זיינען אויף אַלע ציטן איינגעשריבן אין דער געשיכטע פון פּאַריז.

פּאַריז פאַרמאָגט אויך פיינע, הויך קינסטלערישע פאָנטאַנען, און איינער פון זיי, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פאַנטען דעז אינאָסאַן (fontain des Innocents) איז אָן ספק דער סאַמער פרעכטיקסטער, און געפינט זיך אויף דער רי סען דעני, שוין ביי די פּאַריזער שפּייז־האַלעס.

שוין אין 5 י. ה. האָט זיך דאָ געפינען אַ בית עולם וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע פון פּאַריז א. נ. פון „די אומשולדיקע״; וועגן דעם בית עולם דערציילט אונדז אויך ראַבליע, פראַנסואַ וויאָן א. א. פּאַריז האָט פאַרמאָגט אַ סך בית עלמינס, אָבער דאָס בית עולם פון די „אומשולדיקע״ איז געווען דאָס סאַמע גרעסטע. אין יאָר 1785 האָט מען עס אנגעהויבן באַזייטיקן, אַריבערפירנדיק די אויסגעגראָבענע ביינער אין די קאַטאַקאָמבן, ווו מיר זעען זיי ביז היינט צו טאָג. דער „פאַנטאַן פון די אומשולדיקע״ איז דאָ אוועקגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1549, דורך דעם אַרכיטעקט פּיער לעסקאָ,

---

*) אויף דער אָפּצוימונג פון טילערי־גאָרטן, אויף דער רי ריוואָלי, אנטקעגן דעם הויז נ. 228 געפינט זיך די אויפשריפט וואָס דערמאַנט וועגן זיץ־אָרט פון קאָנווענט.

און זיינע פּרעכטיקע נימפן זיינען דאָס ווערק פון קינסטלער זשאַן גוזשאָן.

אויף רו דע גרענעל נ. 57-59 געפינט זיך אַ באַרימטער פאַנטאַן וואָס איז באַקאַנט אין פּאַריז א. נ. „פאַנטאַן פון די פיר יאָר־צייטן" געצייכנט דורך דעם אַרכיטעקט און סקולפּטאָר, בושאַרדאַן. דער ריזיקער פאַנטאַן איז אויפגעבויט געוואָרן אין די יאָרן 1739-1746 און איז באַדעקט מיט פיינע סקולפּטורן. אין הויז גופא ווו דער פאַנטאַן געפינט זיך, האָט יאָרן לאַנג געוווינט דער דיכטער אַלפרעד דע מיסע. דאָ האָט ער געשאַפן די מערסטע פון זיינע ווערק.

מיר האָבן שוין דערציילט וועגן פיל קאַפע־הייזער וואָס האָבן פאַר אונדז אַ געשיכטלעכן אינטערעס, וועגן נאָך איינע מוזן מיר דאָ דערמאַנען:

אויף דעם בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, האַרט ביי דער אַווני אָבסערוואַטואַר געפינט זיך די קאַפע „קלאָזערי דע לילאַ", אין דעם לאָקאַל האָט אַ מאָל איבסען געלייענט פאַר אַנ׳ענגן קרייז זיין „ווילדע ענטע". זער אָפט פלעגט מען דאָ טרעפן לענינען וועלכער פלעגט אַהערקומען לייענען אָדער שרייבן.

יאָ, פּאַריז האָט נישט נאָר אירע היסטאָרישע פלעצער, פון גרויסן אינטערעס, נאָר אויך איר הומאָר, דער הומאָר פון אַנ׳אייביקער שטאָט, מיר האָבן שוין פיל וועגן דעם דערציילט, אבער נאָך עפּעס מוז דאָ דערציילט ווערן:

אויף דער רו מופטאַר געפינט זיך אַ גאַנץ אַלטע קירכע סען מעדאר, וואָס האָט ביז צום סוף פון 18 י. ה. געהאַט נעבן זיך אַ קליין בית עולם, אויף וועלכן ס׳איז חודש יאַנואַר 1732 מקבר געוואָרן אַ יונגער גלח פראַנסואַ דיאַקאָן, וואָס איז געשטאָרבן פון הונגער און אויסמאַטערונג. גלייך נאָך דער קבורה, האָבן זיך איבער פּאַריז פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז ביי דעם קבר פון דעם יונגן גלח קומען פאָר נסים, אַז אַ בלינדער האָט אנגעהויבן זען, אַ שטומער רעדן א. א. וו. פּאַריז האָט אנגעהויבן לויפן צום קבר פון די נסים, און ס׳האָט זיך דאָרט געטאָן חושך; אַ געדראַנג, אַ שטופּעריי, געשלעגן, און פון טאָג צו טאָג זיינען די מאַסן קראַנקע געוואָרן אַלץ צאָלרייכער און דער טומל אַלץ שרעקלעכער.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, דעם 29 יאַנואַר 1732 אַז די מאַסן האָבן אנגעהויבן קומען, האָבן זיי געטראָפן דאָס קבר אָפּגעצוימט מיט אַ

פלאַט, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט ביי נאַכט, און פּאָליציי, וואָס האָט באַוואַכט, און נישט צוגעלאָזט צו דעם אָרט.

דאָן האָט זיך אויף דעם פלאָט באַוויזן אַן׳אויפשריפט געמאַכט דורך אַן׳אומבעקאַנטער האַנט, מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

De part le Roy
defense à Dieu
De faire miracle
en ce lieu. *)

אַן׳אויפשריפט וואָס האָט ווי פיל אַנדערע אַזאָלכע, באַוויזן דעם וואונדערבאַרן הומאָר פון די פּאַריזער.

אין 18 י. ה. איינִיקע יאָר פאַר דער רעוואָלוציע, ווען די שטייערן האָבן שרעקלעך געקוועלט די פּאַריזער, האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסער שמוגל, וואָס איז אויסן געווען אויסצומיידן די שטייערן בייַם אַריינברענגען סחורות און לעבנס־מיטל אין דער שטאָט.

די רעגירונג, זוכנדיק צו באַקעמפן דעם שמוגל, האָט בוכשטעבלעך, אַרומגעצוימט פּאַריז מיט אַ מויער פון היטערס א. א. אָפּצוימונגען. די שטאָט האָט דערויף געענטווערט מיט פאָלגנדיקן ווערטל:

Le mur murant Paris rend Paris murmurent. **)

בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן מאַמעס איינגעוויגט דאָ זייערע קינדער מיט אַן׳אַלט לידל, וואָס מען האָט איבערגעאַרבעט און צוגעפּאַסט צו די נייע געשעענישן:

Si mon petit sera gentil,
S'il ira bientôt au lit
Je le caresserai
Et puis je lui ferai
Danser la carmagnole.

שפּעטער האָט גאַוורֹאש געזינגען:

Je suis tombé par terre
C'est la faute à Voltaire
Le nez dans le ruisseau
C'est la faute de...

---

*) אין נאָמען פון קעניג, אַ פאַרבאָט צו גאָט, צו באַווייזן נסים, אויף דעם אָרט.

**) אַ ווערטער שפּיל, וואָס זיין זין איז פאָלגנדיקער: די מויער וואָס פאַרמויערט פּאַריז, רופט אַרויס אין פּאַריז אַ מורמלען...

און אויסגעהויכט זיין וואונדערלעכע נשמה, נישט דערזינגענדיק דאָס וואָרט, רוסאָ.

אין 1830 בעת דער רעוואָלוציע וואָס האָט געדויערט נאָר דריי טעג און ענטגילטיק א סוף געמאכט צו דער הערשאַפט פון די בורבאָנען, זיינען אין די ערשטע צוויי טעג אויפגעשטעלט געוואָרן איבער די פאַריזער גאַסן זעקס טויזנט באַריקאַדן.

אין יאָר 1848 פלאַקערט ווידער אַ קאַמף אויף די פאַריזער גאַסן. די אידעיע פון דער רעפובליק לאָזט נישט צורו. ענדלעך ווערט לואי פיליפ אַראָפּגעוואָרפן און ס'ווערט פּראָקלאַמירט די צווייטע רעפובליק.

אָבער אויך די צווייטע רעפובליק האָט נישט קיין לאַנגע יאָרן. אין צוויי יאָר אַרום מאַכט נאַפּאָלעאָן דער דריטער זיין פאַרשווערונג, ווידער גיסט זיך בלוט איבער פאַריז. באַריקאַדן ווערן אויפגעשטעלט און באַריקאַדן געשטורעמט, לסוף ווערט די רעפובליק צעטרעטן אונטער זיין ברוטאַלן שטיוול וואָס פּרעסט דאָס לאַנד צוואַנציק יאָר צייט, ביז זיין מאַכט פאַלט ביי סעדאַן.

און ווידער פלאַקערט אַ קאַמף אויף די גאַסן פון פאַריז. דאָס איז דער אויפשטאַנד פון די קאָמונאַרן, און אויף טריט און שריט באַריקאַדן, טרערן און בלוט.

סוף פון פאַרגאַנגענעם י. ה. הויבט זיך אָן אין פאַריז אַן עפּאָכע פון אַנאַרכיסטישן קאַמף און טעראָר. ס'הילכן אָפּ די נעמען פון רעוואַשאָל, וואַיאַן א. א. אין פיל ערטער פלאַצן אויף באָמבעס, און אויף דאָס ניי גיסט זיך בלוט איבער די פאַריזער גאַסן.

דעם 31 מערץ 1892 גייט רעוואַשאָל אַריין אין רעסטאָראַן „וועריי“ אויפן בולוואַר מאַזשענטאַ נ. 22, ער ווערט דערקענט דורכן בל בית און דעם באַדינער, און אויסגעליווערט דער פּאָליציי. דריי וואָכן שפּעטער רייסט אויף אין דעם רעסטאָראַן אַ באָמבע: דער בל בית ווערט דערהרגעט,ביים באַדינער רייסט עס אָפּ אַ פוס, און זעקס באַזוכער פון רעסטאָראַן ווערן פאַרוווּנדעט.

די רי לע פעלעטיע ווייס צו דערציילן פון דעם שרעקלעכן אַטענטאַט קעגן נאַפּאָלעאָנען דעם דריטן, אַדורכגעפירט דורך דעם איטאַליענישן פּאַטריאָט אָרסיני, דעם 14 יאַנואַר 1858. נאַפּאָלעאָן דער דריטער איז געבליבן נישט אַנגערירט, נאָר אַרום אים זיינען צוועלף מענטשן געוואָרן דערהרגעט, און הונדערט פופציק פאַרוווּנדעט.

הארט ביי די קאַסקאַדן פון בולאָנער וואַלד, שיסט אין זומער

1867 דער פּאָליאַק בערעזאָווסקי אויף דעם רוסישן קייזער אַלעק־סאַנדער דעם צווייטן, וואָס איז צו גאַסט אין פּאַריז.

פּאַריז איז געוואָרן דער צענטער פון אַלע פעלקער וואָס קומען דאָ זיין, לעבן, שאַפן. ראַטעווען זיך דאָ פון זייערע פאַרפאָלגער און באַפאַלן דאָ זייערע פאַרפאָלגער. אַמאָל איז די שטאָט שטיל ווי אַ פעלד אין אַ זומער נאַכט, און אַמאָל שליידערט זי שטיינער, און ברויזט ווי אַ ווולקאַן. און דערפאַר טאַקע די ליבשאַפט צו דער שטאָט פון אייגענע, און פון פרעמדע וואָס פילן זיך דאָ ווי אייגענע, די ליבשאַפט פון אַ העינריך היינע וואָס האָט געשריבן:

„אַ דאַנק דיר פּרעכטיקע ליטעציע! כ׳וועל דיך ליבן ביז דער לעצטער מינוט מיינער, די ליידן מיינע וועלן פאַרגרינגערט ווערן פונ׳ם געדאַנק אַז כ׳שטאַרב אין דיינע אָרעמס“.

און די ליבשאַפט פון אַ וויקטאָר הוגאָ וואָס האָט געשריבן:

„פּאַריז ווייזט תמיד די ציין; ווען זי זידלט נישט, לאַכט זי. אַזוי איז די דאָזיקע שטאָט. דער רויך פון אירע דעכער, זייַ־נען די אידעיען פון אוניווערס. אַ הויפן בלאָטע און שטיינער — אויב מען וויל, אָבער איבער אַלעם, אַנ׳עטיש וועזן. די שטאָט איז מער ווי גרויס, זי איז אומגעהויער. פאַרוואָס? ווייל זי וואגט.“ *)

סוף.

---

*) « Paris montre toujours les dents ; quand il ne gronde pas il rit.

Tel est ce Paris. Les fumées de ces toits sont le idées de l'univers. Tas de boue et de pierres si l'on veut, mais par-dessus tout, etre moral. Il est plus que grand, il est immense. Pourquoi ? parce qu'il ose.» *)

# זוכצעטל

א.

אַבעלאַר : ז. 124.
אַגו, גרעפֿן ד׳ : ז. 351.
אודאָן : ז. 45.
אַווני : אָבסערוואַטואַר : ז. 167.
" ווילִיעִי : ז. 163.
" וויקטאָר הוגאָ : ז. 163.
" עלאָ : ז. 76, 163.
" פּאָל דערולעד : ז. 165.
איבסען : ז. 167.
אינזל פֿון הייליקן לודוויק : ז. 77, 133.
אייפעל גוסטאַוו : ז. 62.
אייפעל־טורם : ז. 62.
אָלאַר, פּראָפּעסאָר : ז. 42.
אַלעקסאַנדער דער ערשטער (דער צאַר) : ז. 163.
אַלעקסאַנדער דער צווייטער (דער צאַר) : ז. 170.
אַמברואַז פּאַרע : ז. 6, 7, 8, 10.
אַנגולעם, פירשטן ד׳ : ז. 61.
אַנגי׳ען, פירשט ד׳ : ז. 58.
אַנגר : ז. 163.
אַנדערסען : ז. 135.
אָסמאַן, באַראָן : ז. 11, 20.
אפּיק, גענעראַל : ז. 35.
אַפר, בישאָף : ז. 86.
אָפּענבאַך : ז. 142, 150.
אָפּעראַ : ז. 122, 134.
אָפּעראַ קאָמיק : ז. 121.
אָרנאַנא : ז. 110.
אָרם יני : ז. 170.
אָש, גענעראַל : ז. 19.

ב.

באַבעף : ז. 92.
באָדאַן : ז. 38.
באַדי : ז. 93.
באָדלער : ז. 12, 35, 83, 153.
באַז, באַראָן : ז. 116, 156.
באַלזאַק : ז. 76.
באָמאַרשע : ז. 158.
באָנאַ : ז. 88.
באָנאַפּאַרט : (זע נאַפּאָלעאָן).
באָניפאַס דער אַכטער (פּויפּסט) : ז. 99.
באַסאָמפּיער, מאַרשאַל : ז. 73.
באַסטיליע : ז. 81, 117, 164.
באַר, שעוואַליע דע לאַ : ז. 91, 92, 95.
באַראַ׳ם : ז. 55, 67, 119.
באַרטאָלאָמעי־נאַכט : ז. 23, 92, 102.
באַשקירצעוואַ מאַריאַ : ז. 75.
בואַזאָ : ז. 22.
בואַליאָ : ז. 22.
בולוואַרן :
באָמאַרשע : ז. 164.
גרענעל : ז. 148.
די טעמפּל : ז. 59.
דעז איטאַליען : ז. 121.
הענריך דער פערטער : ז. 84.
מאַזשענטאַ : ז. 169.
מאָנפּאַרנאַס : ז. 33, 167.
סעבאַסטאָפּאָל : ז. 118.
סען זשערמען : ז. 11, 165.
סען מישעל : ז. 5, 10, 12, 131.
קאַפּוצין : ז. 122.
בולאַנזשע, גענעראַל : ז. 142.
בורבאָן, העגריך: (זע העגריך דער פערטער).

בורבאָנען: ז. 27, 39, 44, 52, 56, 61, 93, 123, 142, 166.
בורזשע פּאָל: ז. 45.
בושארדאָן: ז. 167.
ביסמאַרק: ז. 112.
ביערנסטערן־ביערנסאָן: ז. 28, 29.
בית עולם:
מאָנמאַרט: ז. 141.
מאָנפּאַרנאַס: ז. 33, 142, 143, 147.
פּאַסי: ז. 75.
בלאָנדעל: ז. 118.
בעטראַנקור: ז. 54.
בענזשאַמאַן קאָנסטאַן: ז. 71.
בעראַנזשע: ז. 46, 59.
בערליאָז: ז. 96, 141.
בערנע לודוויק: ז. 140, 142, 150.
בערעזאָווסקי: ז. 170.
בריקן:
פּאָן אַ שאַנזש: ז. 129.
פּאָן לואי פּיליפּ: ז. 78.
פּאָן נעף: ז. 77.

ג.

גאָבעל: ז. 66, 67.
גאָגאָל: ז. 120.
גאַוואַראָש: ז. 169.
גאַמבעטאַ: ז. 19, 92, 120, 142.
גאָנקור: ז. 120.
גונאָ: ז. 114.
גיז, פּירשט: ז. 107, 109.
געד, זשול: ז.
גרעגואַר, אַבע: ז. 33, 40, 66, 144, 145.
גרעגואַר פון טור: ז. 125.
גרעגאַר (פּויפּסט): ז. 130.
גרעץ, פּראָפעסאָר: ז. 125.
גערשוני, גראַגאָרי: ז. 145, 150.

ד.

דאַגער: ז. 114, 122.
דאָדע אַלפאָנס: ז. 120, 154.
דאַוו, מאַרשאַל: ז. 156.
דאַוויד: ז. 12, 39, 40.
דאַלו: ז. 45, 113.
דאָמיע: ז. 84.
דאַנטאָן: ז. 11, 12, 34, 41, 66, 67.
דאַנטע: ז. 16, 124.
דאָנין, ניקאָלאַי: ז. 130.
דאָנינג העלענע: ז. 135, 136, 137.
דאַניעל סטערן: ז. 153.
דוואָרזש עצקי מאַרק: ז. 150.
דיאָגען: ז. 61.
דיאַקאָן: ז. 167.
דיד ראָ: ז. 25.
דיומאַ, אַלעקסאַנדער (זון): ז. 114, 121.
דירעקטאָריע: ז. 17, 18, 26.
דעלאַקרואַ: ז. 84, 152, 153.
דענאָן: ז. 112.
דענים דעסיב: ז. 35, 38.
דענים (הייליקער): ז. 88, 89.
דרייפוס אַלפרעד: ז. 146.

ה.

האָטעלן:
ד'אַנגולעם: ז. 61.

דיע : ז. 6.
לאָזאַן : ז. 79, 83.
לאַמבער : ז. 84, 85.
ליטעציאַ : ז. 149, 150.
סואַסאָן : ז. 23.
סען פּאָל : 101.
פּראַנסואַ דעם ערשטן : ז. 156.
שאַראַן : ז. 78.
שעניזאַ : ז. 85.
האַלעווי : ז. 142.
האַרטאַרף : ז. 136.
היפּאָקראַט : ז. 9.
היינע הענריך : ז. 36, 119, 120, 135, 141, 142, 150, 170.
הענריך דער צווייטער : ז. 23, 102, 165.
הענריך דער דריטער : ז. 106, 107, 108.
הענריך דער פערטער : ז. 16, 73, 81, 84, 103, 109.
הענריך דער פערטער (קייזער) : ז. 99.
הענריך דער פינפטער : ז. 93.

ו.

וואַבאַן, מאַרשאַל : ז. 27.
וואַגנער ריכאַרד : ז. 136, 141, 147, 153.
וואַיאַן, מאַרשאַל : ז. 138.
וואַיאַן, (אַנאַרכיסט) : ז. 169.
וואַלואַ, מאַרגאַריטע : ז. 103.
וואָלטער : ז. 15, 94, 92, 153.
וואַלעריאַן באַרג : ז. 91.
וואַנזעטי : ז. 123.
וואַן לאָאָ : ז. 85.
וואַנסען, (שלאָס) : ז. 106.
וויאָלע לע דיק : ז. 128.
ווילאַן, פראַנסואַ : ז. 20, 92, 124, 167.
ווילעט, מאַרקיז דע לאַ : ז. 154.
וויקטאָר הוגאָ : ז. 15, 18, 25, 36, 38, 92, 118, 154, 163, 170.
וועלאָדראַם ד׳איווער : ז. 148.
ווערלען : ז. 16.
ווערניאַ : ז. 30.

ז.

זאָלאַ, עמיל : ז. 15, 92, 120.
זאַק, אייזשען : ז. 147, 150.
זשאָזעפינע באהארנע : ז. 18.
זשאַן ד׳אַרק : ז. 25, 93.
זשאַן גוזשאָן : ז. 102, 106, 156, 167.
זשאַן זשאָרעס : ז. 15, 120.
זשאַק דע מאָלע : ז. 50.
זשאָפראַן : ז. 31.
זשאָרזש דער דריטער : ז. 74.
זשאָרזש זאַנד : ז. 117.
זשול פּאַוור : ז. 38.
זשיל, אַנדרע : ז. 96.
זשיטלאָווסקי ד״ר : ז. 146.
זשימנאַז זשאַפּי : ז. 148.
זשיראַרדאָן : ז. 14.
זשענעוויעווע (הייליקע) : ז. 16.
זשעראַר, באַראָן : ז. 39.

ט.

טאַלייראַן : ז. 64.
טאַלמאַ : ז. 163.

טאָלסטוי לעוו: ז. 29.
טאָמאַ, גענעראַל: ז. 96.
טיטשיען: ז. 85.
טילערי־גאַרטן: ז. 165.
טיער: ז. 95, 119, 154.
טעאָפיל גאָטיע: ז. 83.
טעמפּל־טורם: ז. 53.
טעמפּל־סקווער: ז. 46.
טרעסטאַל: ז. 143.
טשאַיקאָווסקי: ז. 141.
טשאַרטאָריסקי, פּירשט: ז. 84.

י.

יאַקאָבינער: ז. 34, 165.
יוליאַן דער אַפּאָסטאַט: ז. 13.
יהודה בן דוד: ז. 130.
יונתן: ז. 131, 132.
יחיאל פון פּאַריז: ז. 130.
יעזואיטן: ז. 15, 94.

ל.

לאָזאַן, פּירשט: ז. 80, 81, 83.
לאַווראָוו: ז. 44.
לאַמאַרטין: ז. 37.
לאַמבער דע טאַריני: ז. 84.
לאַסאַל פערדינאַנד: ז. 135, 136.
לאַפאַיעט: 28, 65, 66, 164.
לואי פיליפ: ז. 60, 84, 169.
לודוויק דער 2־טער: ז. 135.
לודוויק דער 6־טער (דער דיקער): ז. 47, 90.
לודוויק דער 7־טער: ז. 126.
לודוויק דער 9־טער (הער הייליקער): ז. 93, 130.
לודוויק דער 13־טער: ז. 77, 79, 81, 109, 110, 162.
לודוויק דער 14־טער: ז. 22, 28, 29, 80, 81, 83, 111, 115, 116.
לודוויק דער 15־טער: ז. 163.
לודוויק דער 16־טער: ז. 19, 51, 52, 53, 55, 64, 116, 156, 158, 164, 166.
לודוויק דער 17־טער: ז. 54.
לודוויק דער 18־טער: ז. 38, 40, 61.
לוווער: ז. 98, 164, 166.
לויאָלאַ איגנאַטיוס: ז. 15, 92, 94.
ליטעציאַ: ז. 13, 77.
לימיער (ברידער): ז. 122.
ליסט פראַנץ: ז. 153.
לעאָנאַרדאָ גאַליגאַי: ז. 109, 110.
לעבאָן פיליפ: ז. 85.
לעבראַן: 19, 84.
לעוואָ: ז. 17, 78, 79, 84, 85, 111.
לעמערסיע: ז. 13, 111.
לענואַר: ז. 115.
לענין: ז. 167.
לעסיער: ז. 84.
לעשטשינסקאַ מאַריאַ: ז. 52.
לעשטשינסקי סטאַניסלאַוו: ז. 52.

מ.

מאַדלען לואי: ז. 52.
מאַליער: ז. 21, 22, 24, 76.
מאַיען, פּירשט: ז. 107.
מאַלע, גענעראַל: ז. 68, 69, 70.

מאַנועל: ז. 154.
מאָנטעין: ז. 92.
מאַנטעספּאַן מ״ם: ז. 80, 83.
מאָנמאַרט: ז. 87.
מאַנסאַרד: ז. 165.
מאָנפּאַרנאַס: ז. 5, 33.
מאָפּאַסאַן: ז. 44, 154.
מאַקאַרט: ז. 139.
מאַק מאַהאָן: ז. 119.
מאַראַט: ז. 11, 12, 34, 35, 66.
מאַרטאַן אַנרי: ז. 33, 105.
מאָריז (ברידער): ז. 113.
מאַריע אַנטואַנעטע: ז. 40, 41, 51, 54, 64, 65.
מאַריע לואיזע: ז. 37, 163.
מאַריע לעשטשינסקאַ: ז. 52.
מאַרס־פעלד: ז. 62.
מאַרסעליעזע: ז. 40.
מאָרע: ז. 61.
מוזעי דיפּיטריען: ז. 12.
„ קלוני: ז. 12, 13, 132.
„ אַרז־ע־מעטיע: ז. 117.
מולאַן דע לאַ גאַלעט: ז. 86.
מיניאַר: ז. 25.
מיסע, אַלפרעד דע: ז. 153, 164, 167.
מיראַבאָ: ז. 34, 156, 164.
מירבאָ אָקטאַוו: ז. 76.
מיראַ׳ט מאַרשאַל: ז. 163.
מיראַ׳ט קאַראָלינע: ז. 163.
מישלע: ז. 52, 118, 164.
מעדיטשי קאַטערינע: ז. 23, 73, 103, 108, 165.
מעדיטשי מאַריע: ז. 59, 109, 150.
מענדעס קאַטיל: ז. 147, 150.
מילאַך לייב: ז. 147.
משה פון קוצי: ז. 130.

נ.

נאָאיי, גראַף: ז. 28.
נאַדלער מוניע: ז. 149.
נאָטר־דאַם: ז. 85, 98, 103, 127, 128.
נסים־הויף: ז. 105.
נאַפּאָלעאָן דער ערשטער: ז. 17, 25, 27, 30, 34, 35, 44, 56, 57, 58, 61, 68, 69, 70, 71, 74, 78, 85, 111, 119, 152, 156, 163, 165, 166.
נאַפּאָלעאָן דער צווייטער: ז. 37.
נאַפּאָלעאָן דער דריטער: ז. 11, 25, 36, 37, 38, 72, 93, 123, 143, 163, 169, 170.

ס.

סאַקאָ: ז. 123.
סאַראַ בערנאַרד: ז. 139, 140, 150.
סוטין חיים: ז. 146, 147.
סופלאָ: ז. 22.
סטאַל, מ״ם דע: ז. 71.
סטיינלעין: ז. 97.
סיטע: ז. 133.
סילי, פירשט: ז. 109.
סילי־פּרידאָם: ז. 119.
סיעס: ז. 66, 155, 156.
סעדאַן: ז. 93.
סעוויניע, מאַרקיזן: ז. 81, 83.
סען באַרב: ז. 15.
סען בעוו: ז. 45.
סען לאַזאַר (טורמע): ז. 158.

סען סאנס: ז. 14, 44, 146, 150.
סען סימאָן: ז. 14.
סען קאָם (אמפּיטעאַטער): ז. 12.
סען קלו: ז. 108.
סעסיל רענאָ: ז. 31, 79.
סערוואנדראַני: ז. 17.
סעפּטעמבער־שחיטה: ז. 18.

ע.

עבער: ז. 12, 41.
עטיען דאָלע: ז. 19.
עלאַאיזע: ז. 124.
עלעטער: ז. 98.
עראזם: ז. 16.

פּ.

פּאַטיר: ז. 125.
פּאָמפּאַדור מ"ם: ז. 163.
פּאַנטעאָן: ז. 22, 88, 163, 164.
פּאָקלאַן: (זע מאָליער).
פּאַסקאַל: ז. 16, 160.
פּאַריזער קאָמונע: ז. 24, 38, 95, 154, 166.
פּאַלעי טילערי: ז. 27, 165, 166.
" יוסטיץ: ז. 13, 129, 130, 131.
" עליזעי: ז. 163.
" רויאַל: ז. 24, 26.
" שאיאָ: ז. 74.
פּאָרשטאָט, מאָנמאַרט: ז. 119.
" פּואַסאָניער: ז. 119.
" סענט אַנטואַן: ז. 86.
פּאָרט סען דני: ז. 115, 118.
" סען מאַרטאַן: ז. 115.
פּיווי דע שאַוואַן: ז. 163.
פּיליפּ אויגוסט: ז. 98, 126, 128.
פּיליפּ דער 4־טער (דער שיינער): ז. 47, 48, 50, 81, 99.
פּיער לעסקאָ: ז. 102, 167.
פּיעסקי: ז. 60.
פּיר סערזשאַנטן: ז. 35, 38.
פּישעגרי (גענעראַל): ז. 55, 56.
פּלאמעל ניקאָלאַי: ז. 133, 160.
פּלעצער:
אָדעאָן: ז. 19.
אָפּערא: ז. 122.
באַסטיליע: ז. 86, 115, 164.
בואַלדיע: ז. 121.
בורס: ז. 120.
גרעוו: ז. 110.
דאָמעניל: ז. 113.
דאָפין: ז. 50, 133.
וואָלטער: ז. 148.
וואנדאָם: ז. 29, 30, 122.
טערט: ז. 89.
מאָבער: ז. 19.
מאַדלען: ז. 122.
סען זשאָרזש: ז. 154.
סען מישעל: ז. 5, 6.
סען פּיער: ז. 92, 93.
עטואַל: ז. 40.
פּאַנטעאָן: ז. 15, 89, 92.
קאָנקאָרד: ז. 21, 32.
רעפּובליק: ז. 46, 113, 115.
שאַטאָ ד'אָ: ז. 113.
שאַטלע: ז. 129, 159.
פּעגו: ז. 39.
פּעדעראַציע־יום טוב: ז. 63.
פּעטלורא, סימאָן: ז. 131, 144, 145.

פעטער פון קלוני: ז. 126.
פעפען: ז. 60.
פערדינאַנד דער 3־טער: ז. 81.
פער לאַ שעז: ז. 92, 139, 149.
פראַדיע: ז. 152.
פראַטאַ: ז 155.
פראַנקלין: ז. 74.
פראַנס אַנאַטאַל: ז. 152.
פראַנסוא דער 1־טער: ז. 6, 22, 102.
פרידמאַן זיגוואַרד: ז. 139.
פרידריך באַרבאַראָססאַ: ז. 99.
פריסקום: ז. 125.
פרעמיע: ז. 26.
פערנעל: ז. 160.

צ.

צעזאַר פראַנק: ז. 44.

ק.

קאַדוראַל זשאַרזש: ז. 55, 57.
קאַוועניאַק, גענעראַל: ז. 37.
קאַטאַקאָמבן: ז. 10, 117, 167.
קאַלבער: ז. 164.
קאַלווין: ז. 16, 124.
קאָלאָן עדואַרד: ז. 141, 150.
קאָליני: ז. 23, 24, 104.
קאַמיל דעמולען: ז. 12, 18, 19.
קאָנדאַרסע: ז. 157, 158.
קאָנווענט: ז. 27, 41, 62, 166.
קאָנט אויגוסט: ז. 14, 59.
קאַנטשיני: ז. 109, 110.
קאָנסולאַט: ז. 18.
קאָנסטאַנציום כלאָרוס: ז. 12.
קאָנסיערזשערי: ז. 54.
קאַראָ: ז. 119.
קאַרבאַנאַכן: ז. 39.
קאַריעי בעלעז: ז. 97.
קאַרנאָ, לאַזאַר: ז. 71.
קאַרנעל: ז. 26.
קאַרפּאָ: ז. 122, 134, 138.
קאַפע „קלאָזערי דע לילאַ": ז. 167.
קאַפע „רעזשאַנס": ז. 25.
קאָקטאָ זשאַן: ז. 147.
קאָצעבו, באַראָן: ז. 135.
קואַזוואָקס: ז. 164.
קויפּעל: ז. 85.
קולאַנזש דע: ז. 82.
קור דע מיראַקל:
„ „ ראַהאַן: ז. 126.
„ „ לאַ רען: ז. 156.
„ „ קאָמערס: ז. 11.
קיוויע: ז. 93.
קירכעס:
אינוואַליד־דאַם: ז. 165.
אָראַטואַר: ז. 23.
מאַדלען: ז. 122.
קאַרמעליט: ז. 18.
סאַקרי קער: ז. 88, 91, 93.
סאָרבאָן: ז. 13, 14.
סען זשוליען לע פּאָוור: ז. 124.
סען זשערמען דע ל'אָקסערוא: ז. 164.
סען טאָמאַ ד'אַקאָן: ז. 165.
„ סען זשאָזעף: ז. 120.
סען לאָרענט: ז. 165.
סען לואי: ז. 85.
סען מעדאַר: ז. 167.
סען ניקאָלאַ די שאַרדאָנע: ז. 19.
סען סילפּיס: ז. 17, 18, 157.
סען סעווראַן: ז.165.

סענט אנדרע דעז אר: ז. 10.
סענט עסטאש: ז. 164.
סענט עטיען די מאנד: ז. 16.
סענט עליזאבעט: ז. 59.
סענט ראָק: ז. 26, 27.
סען פיער: ז. 90, 91.
שאַפּעל דע מיראקל: ז. 132.
קלאווים: ז. 16.
קלאַץ: ז. 67.
קלעמאַנסאָ זשאָרזש: ז. 90, 120.
קעי אנזשו: ז. 79, 94.
„ אָרלעאַן: ז. 86.
„ בורבאָן: ז. 78, 79.
„ וואָלטער: ז. 152, 153, 154.
„ מאַלאַקע: ז. 152.
„ מאַרשע אָ נ עף: ז. 163.
קראָ שאַרל: ז. 20.
קראַנץ: ז. 17.

ר

ראבלע: ז. 16, 92, 124, 167.
ראָבעספּיער: ז. 25, 31, 35, 42,
43, 44, 66, 67, 79, 119, 158.
ראדען: ז. 120.
ראוואליאק: ז. 109.
ראָלאַן מ"ם: ז. 19, 41.
ראסין: ז. 16.
ראַקאָוויצאַ, פירשט: ז. 136.
ראַשעל: ז. 139, 140.
ראשפאר אַנרי: ז. 120, 155.
רואַיאַל מ"ם: ז. 51, 54, 61.
רוסאָ, זשאַן זשאַק: ז. 15, 25,
51, 92, 156, 169.
רי אָטפוי: ז. 12, 134.
„ אמלא: ז. 61, 149.
„ אנזשו: ז. 164.
„ אַנסיען קאָמעדי: ז. 11.
„ אַקסאָ: ז. 159.
„ אָראַטואַר: ז. 23.
„ ארזשענטוי: ז. 26.
„ באַיאַר: ז. 156.
„ באַניאָלע: ז. 156.
„ בערנאַרדאַן: ז. 84
„ ברעטאָנווילע: ז. 85.
„ ד'אסאַ: ז. 164.
„ ד'אַרען: ז. 19.
„ דע באָן: ז. 153.
„ דע גרענעל: ז. 167.
„ דע דראַגאַן: ז. 154.
„ דע דעי פּאָן: ז. 79.
„ לאַ דואַן: ז. 114, 115.
„ דע ל'אוניווערסיטע: ז. 154.
„ דע ל'איראנדעל: ז. 6.
„ דע לאָבאָ: ז. 148.
„ דע לאַ בישערי: ז. 5.
„ דע לאַ האַרפּ: ז. 12, 134.
„ דע לאַ טאַשערי: ז. 133.
„ דעז אַרשיוו: ז. 131.
„ דע טעמפּלע: ז. 59.
„ דעקאַרט: ז. 16.
„ דע קלערי: ז. 118.
„ דע ריוואָלי: ז. 23, 24, 29,
99, 166.
„ וואָזשיראַר: ז. 18.
„ וואַלואַ: ז. 24.
„ וואַנסאַן: ז. 96.
„ווערבואַ: ז. 117.
„ זאָמעראַרד: ז. 13.
„ טורנאָן: ז. 19.
„ טירביגאָ: ז. 113.
„ לאַ טור דע נאָטר דאַם: ז. 163.

„ לואי לע גראַן : ז. 122.
„ לוסיען גאַלאַרד : ז. 97.
„ לעפּיק : ז. 97.
„ לע פּעלטיע : ז. 170.
„ מאַנט טאַבאַר : ז. 164.
„ מאָנמאַרט : ז. 120.
„ מאָנמאַרענסי : ז. 133.
„ מאָן סעני : ז. 96.
„ מופּטאַר : ז. 167.
„ מיסיע לע פּראַנס : ז. 14, 15.
„ מעלע : ז. 117.
„ נאַרוואַן : ז. 89.
„ סאָוואַל : ז. 23.
„ סופּלאַ : ז. 15.
„ סען בערנאַר : ז. 54.
„ סען דאָמיניק : ז. 155.
„ סען דני : ז. 118, 166.
„ סענט אַנאָרעי : ז. 21.
„ סען לואי ען ל'איל : ז. 84, 85.
„ סען מאַרטאַן : ז. 117.
„ סערוואַנדאָני : ז. 157.
„ עלעטער : ז. 91.
„ עקאָל דע מעדעסין : ז. 11, 140.
: קאָלאָמב : ז. 19.
„ קלאַזעל : ז. 154.
„ ראָזיע : ז. 95.
„ ראָנסאַר : ז. 93.
„ ראַסין : ז. 131.
„ רואיאַל : ז. 32.
„ רוסטיק : ז. 88.
„ רישעליע : ז. 24, 25.
„ רעאָמיר : ז. 117.
„ רעגראַטיע : ז. 86.
„ שאַמפּאַליאַן : ז. 5.
„ שאַרל נאָדיע : ז. 93.
ריגאָ היאַצענט : ז. 122.
ריד פּראַנסואַ : ז. 40.
ריינאַך סאַלאָמאָן : ז. 142.
רימסקי קאָרסאַקאָוו : ז. 141.
רישעליע : ז. 13, 14, 133, 161, 162, 164.
רעוואָ לוצ. טריבונאַל : ז. 41, 43.
רעוואַשאַל : ז. 169.
רענאָדאָ טעאָפראַסט : ז. 161, 162.

ש.

שאַבריע : ז. 44.
שאָוואָ לאַגאַרד : ז. 40, 44.
שאַטלע, מאַרקיזן : ז. 84.
שאַליאַפּין : ז. 76.
שאַמבאָר, גראַף : ז. 94.
שאָמעט : ז. 12, 41.
שאָפּען : ז. 30.
שאַראָן : ז. 140.
שאַרל דער 2-טער : ז. 81.
„ „ 5-טער : ז. 101.
„ „ 6-טער (דער דיקער) : ז. 128.
„ „ 7-טער : ז. 26.
„ „ 9-טער : ז. 103, 104, 105, 106.
„ „ 10-טער : ז. 61.
שאַרלאָטע קאָרדע : ז. 11, 41.
שוואַרצבאַרד שלום : ז. 131, 144.
שילפּעריק : ז. 125.
שמואל בן שלמה : ז. 130.
שעוויטש סערגעי : ז. 139.
שעניע אַנדרע : ז. 118, 158.
שעפּער אַרי : ז. 85.

אינהאַלט פון צווייטן באַנד:


1. דער לאַטיינישער קוואַרטאַל — — — — — 5
2. די רי סענט אַנאַרעי — — — — — — 21
3. דאָס בית עולם אויפן מאָנפּאַרנאַס — — — — 33
4. אַרום דעם טעמפּל־סקווער — — — — — 46
5. דאָס מאַרס־פעלד — — — — — — 62
6. דאָס אינזל פון הייליקן לודוויק — — — — 77
7. דער מאָנמאַרטער באַרג — — — — — 87
8. דער לוווּר — — — — — — — — 98
9. די גרויסע בולוואַרן — — — — — — 113
10. יידישע מאָנומענטן פון פּאַריז — — — — 124
11. סוף — — — — — — — — — 152
זוכצעטל — — — — — — — — 171